STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03894

MABL

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

יידיש: משה בליישטיפט

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע 1927

1938

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי י. הענדלער, װאַרשע, דלוגע 26

P O T O P

HENRYKA SIENKIEWICZA

WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

פינפטער טייל

1. קאַפּיטל

אין דער צייט, ווען אין דער רעפּובליק האָבן אַלע זיך געזעצט אויפֿן פערד, האָט קאַרל גוסטאַוו זיך כּסדר אויפֿגעהאַלטן אין פּרייסן, ווו ער איז געווען פֿאַרנומען מיט איינעמען די דאָרטיקע שטעט און אונטערהאַנדלען מיטן קורפֿירשט.

נאָך דער גרינגער און אומגעריכטער אונטערייאָכונג פֿון לאַנד האָט דער פֿלינקער מלחמה־מאַן גיך איינגעזען, אַז דער שוועדישער לייב האָט אויפֿגעפֿרעסן מער, ווי זיין מאָגן איז בכּוח צו פֿאַרדייען. נאָך יאַן קאַזשימיעזשס צוריקקער האָט ער פֿאַרלוירן די האָפֿנונג איינצוהאַלטן די רעפּובליק אין זיין רשות, ער האָט דערבײַ בײַ אין האַרצן מותּר געווען אויף דאָס גאַנצע און געוואָלט על־כּל־פּנים פֿאַרהאַלטן וואָס אַ גרעסערן טייל פֿון די פֿאַרכאַפּטע שטחים און קודם־כּל דאָס קיניגלעכע פּרייסן, די פּרוכפּערדיקע מיט גרויסע שטעט באַזייטע, רייכע פּראָווינץ, וואָס איז געלעגן נאָענט צו זיין לאַנד בײַ די ים־ברעגעס.

אָבער דידאָזיקע פּראָווינץ, וועלכע האָט די ערשטע גענומען זיך פֿאַרטיידיקן, איז עד־היום געשטאַנען פֿעסט בײַ דער זייט

פון אַלטן קיניג און דער רעפּובליק. יאַן קאַזשימיעזשס צוריקקער און די מלחמה, וואָס די טישאָווצער קאָנפעדעראַציע האָט אָנגעהויבן, האָבן געקאָנט דעם פרייסישן מיט שטאַרקן, אין טריישאַפט אים באַפעסטיקן, חשק צום אויסהאַלטן צוגעבן, קאַרל גוסטאַוו האָט דעריבער באַשלאָסן די מרידה צו דערשטיקן, קאַזשימיעזשס כּוחות צו פאַרשליקן כּדי ביי די פרייסן די האָפנונג אויף הילף צוצונעמען.

ער האָט דאָס געמוזט טאָן אויך צוליב דעם קורפירשט, וועלכער איז תמיד גרייט געווען צו האַלטן מיטן שטאַרקערן. דער שוועדישער קיניג האָט אים שוין זייער גוט געקענט, ווייל ער איז קיין איין רגע נישט מסופק געווען, אַז אויב קאַזשימיעזשס מזל וועט צוריבערוועגן וועט דער קורפירשט זיך אויפסניי שטעלן אויף זיין זייט.

ווען די באַלאַגערונג פון מאַלבאָרג איז שווער צוגעגאַנגען ווייל וואָס מעכטיקער מהאָט זי געשטורעמט, אַלץ מעכטיקער האָט הער ווייהער זי פאַרטיידיקט, האָט קאַרל גוסטאַוו זיך אָוועקגעלאָזט אין די רעפּובליק, כּדי יאַן קאַזשימיעזשן ווידער צו יאָגן, אַמ לו ביזן עק לאַנד.

און אַזוי ווי די מעשים נאָך אַ באַשלוס זיינען אים געקומען פונקט אַזוי גיך, ווי דער דונער נאָך אַ בליץ, האָט ער טאַקע געשטעלט אויף די פיס די חיילות וואָס זיינען געלעגן ביי די שטעט און נאָך איידער עמיצער אין דער רעפּובליק האָט זיך אומגעקוקט, נאָך איידער עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן זיין מאַרש, האָט ער שוין געמיטן וואַרשע און אין די גרעסטע פלאַמען פון דער שׂרפה זיך געוואָרפן.

ער איז בכן געגאַנגען ווי אַ שטורעם, געטריבן פון כּעס, נקמה און פאַרביסנקייט. צען טויזנט פערד האָבן געטרעטן הינטער אים די פעלדער, וואָס זענען נאָך מיט שניי באַדעקט געווען, און פון די פעסטונגען האָט ער די פוס - גייער מיטגענומען און געגאַנגען צוזאַמען מיטן וויכער, אַזש העט, צו דרום - צו פון דער רעפּובליק.

אויפן וועג האָט ער געברענט, געקוילעט. דאָס איז שוין נישט געווען דער אַמאָליקער קאַרל גוסטאַוו, דער גוטער, מענטשלעכער און פריילעכער האַר, וואָס האָט געפּאַטשט אין די הענט לכּבוד

ער פּוילישער קאַוואַלעריע, געפּינטלט מיט די אויגן אויף באַגאַקעטן און געהנפּעט די זעלנער. איצט איז ווי ער האָט זיך באַוויזן, האָט דאָס בלוט פון דער שלאַכטע און פון [illegible] געפּלאַצן. אויפן וועג האָט ער פאַרטיליקט די „פּאַרטיעס", געהאַנגען די געפאַנגענע, קיינעם נישט געלאָזט לעבן.

אָבער פּונקט ווי אין געדיכטעניש פון וואַלד טראָגט אַ מעכטיקער בער זיין אומגעלומפּערט שווערן גוף, ברעכנדיק אויפן וועג די קשאַקעס און צווייגן, און די וועלף גייען אים נאָך און נישט דערוועגנדיק זיך אים דעם וועג צו פאַרשטעלן, באַפאַלן זיי אים וואָס אַמאָל נענטער פון הינטן, אַזוי זענען אויך די דאָזיקע „פּאַרטיעס" געגאַנגען הינטער קאַ־לס אַרמיי, פאַרייניקנדיק זיך אין וואָס אַ מאָל ענגערע מחנות און זיי זענען נאָכגעגאַנגען דעם שוועד ווי דער שאָטן גייט נאָך דעם מענטש און נאָך עקשנותדיקער ווי דער שאָטן, ווייל ביי טאָג און ביי נאַכט, אין אַ שיינעם און אין אַ מיאוסן וועטער; פאַר אים ווידער האָט מען צעשטערט די בריקן, פאַרניכטעט די זאַפּאַסן, אַז ער האָט געמוזט גיין ווי אין אַ מדבר אַריין, נישט האָבנדיק ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, אָדער מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן.

קאַרל גוסטאַוו אַליין האָט בקרוב איינגעזען, ווי שרעקלעך זיין אונטערנעמונג איז. די מלחמה האָט זיך אַרום אים צעפּלייצט אַזוי ברייט, ווי דער ים צעפּלייצט זיך אַרום אַ שיף, וואָס בלאָנקעט אין מיטן פון צעבריוזטע כוואַליעס. סהאָט געברענט פּרייסן, סהאָט געברענט גרויספּוילן, וועלכע האָט די ערשטע זיך איבערגעגעבן און די ערשטע דעם שוועדישן יאָך געוואָלט אַראָפּוואַרפן, סהאָט געברענט קליינפּוילן און רייסן און ליטע און זשאַמעט. אין די שלעסער און אין די גרויסע שטעט האָבן די שוועדן נאָך געהאַלטן זיך, ווי אויף אינזלען, ווייל די איבעריקע דערפער, וועלדער, פעלדער, טייכן זענען שוין געווען אין פּוילישע הענט. נישט בלויז אַ מענטש, נישט בלויז אַ קלענערע אָפּטיילונג, נאָר אַפילו אַ גאַנצער פּאָלק האָט נישט געקאָנט אויף צוויי שעה פון די שוועדישע הויפּט־כוחות זיך אָפּרייסן, ווייל ער איז באַלד פאַרפאַלן

געװאָרן אַן שפּורן, און די געפאַנגענע װאָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין
די פױערישע הענט, זענען געשטאָרבן אין שרעקלעכע עינױים.
אומזיסט האָט קאַרל גוסטאַװ געהײסן אױסרופֿן איבער די
דערפער און שטעט, אַז דער פױער, װאָס װעט צושטעלן אַ באַ-
װאָפנטן שלאַכטשיץ, אַ לעבעדיקן אָדער אַ טױטן, װעט באַקומען
פרײַהײט אױף אײביקע צײַטן און ערד אַלס באַלױנונג, װײל די
פױערן האָבן צוגלײַך מיט דער שלאַכטע און שטאָט - לײַט זיך
געלאָזט אין די װעלדער אַרײַן. דאָס פאָלק פון די בערג, דאָס
פאָלק פון די װיסטע װעלדער, דאָס פאָלק פון די פעלדער און לאָנקעס
האָט געשטעקט אין די װעלדער, געלײגט אבן - נגפס די שװעדן
אױפן װעג, אָנגעפאַלן אױף די קלענערע אָפטײלונגען, אױסגעקױלעט
די פאָרפאָסטנס. די צעפּעס, װידלעס און קאָסעס האָבן נישט װײניי-
קער, װי די שװערדן פון דער שלאַכטע, געטריפט פון שװעדישן
בלוט.

גאָר באַזונדערס האָט קאַרלען געבערענט דער כעת, װען ער
האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט ער
דאָס ריזיקע לאַנד אַזױ לײַכט פאַרכאַפּט, ער האָט דעריבער נישט
געקאָנט משיג זײַן, װאָס עס איז געשען, פון װאַנען עס האָבן זיך
גענומען דידאָזיקע כוחות, דער דאָזיקער װידערשטאַנד, די דאָזיקע
שרעקלעכע מלחמה אױף טױט און אױף לעבן, װאָס איר סוף האָט
ער פאַר זיך נישט געזען און זיך נישט געקאָנט משער זײַן.
אָפט זענען דעריבער פאָרגעקומען אסיפות אין שװעדישן
לאַגער. עס זענען געגאַנגען מיטן קיניג: זײַן ברודער אַדאָלף דער
צװײבריקישער פירשט, װעלכער האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער
דער אַרמײ, ראָבערט דוגלאַס, הענריק האָרן, זײַן קרוב, װעלכע-
איז בײַ טשענסטאָכאָװ מיט אַ פױערישער קאָסע פאַרװונדעט גע-
װאָרן, װאַלדעמאַר דער דענישער גראַף — און יענער מילער,
װעלכער האָט צופוסנס פון יאַסנאַ גוראַ זײַן - מלחמה װום איבער-
געלאָזט, און אַשעמבערג, דער גרעסטער מומחה אין אָנפירן מיט
קאַװאַלעריע בײַ די שװעדן, און האַמערשילד, װעלכער האָט אי-
בער די האַרמאַטן געהאַט די השגחה, און דער אַלטער רוצח מאַר-
שאַל אַרפואיד װיטעמבערג, װאָס האָט זיך מיט זײַנע הױט - עיי

דעגישן קונה · שם געווען און די נשמה אויף דער שפּיץ נאָז גג׳
האָט, ווייל אַ ווענערישע קרענק האָט אים געפרעסן — און פאַרגעל
— און אַ סך אַנדערע — אַלץ פירער, מומחים אין איינגעבען
שטעט, און אויפן שלאַכט · פעלד האָט דער קיניג אַליין מיט זיין
געניאַלן גייסט אַריבערגעשטיגן.

זיי האָבן אין האַרצן זיך געשראָקן, אַז דאָס גאַנצע הייל
מיטן קיניג זאָל נישט אומקומען, פאַרפייניקט פון צרות, הונגער און
פוילישע רדיפות. דער אַלטער וויטעמבערג האָט פּשוט אָפּגערעדט
דעם קיניג פון מאַרש. „ווי אַזוי, קיניג, האָט ער געזאָגט, וועט איר
זיך אַריינלאָזן אַזש אין די רייסישע מדינות יאָגן דעם שונא, וועל
כער מאַכט פון אַלץ אַ תּל אויפן וועג, בלייבנדיק אַליין אומגעזעען?
וואָס וועט איר טאָן, אויב סוועט די פערד אויספעלן נישט בלויז
היי און האָבער, נאָר אַפילו שטרוי · דעכער פון כאַלופּעס, און די
מענטשן וועלן פון די מאַטערנישן פאַלן? ווו זענען די חיילות, וואָס
ווילן אים קומען צו הילף, ווו זענען די שלעסער אין וועלכע מיר
זאָלן קאָנען דאָס האַרץ זיך דערקוויקן און די אויסגעמאַטערטע
אבֿרים לאָזן אויסרוען? איך פאַרגלייך מיך נישט מיט אייך, האַר,
אָבער ווען איך וואָלט געווען קאַרל גוסטאַוו, וואָלט איך טאַקע
אייער דום, וואָס איז מיט אַזעלכע גרויסע נצחונות פאַרשאַפט גע
וואָרן, נישט אויסגעשטעלט אויף די פאַרענדערלעכע גלגולים פון
דער מלחמה.”

דערויף האָט קאַרל גוסטאַוו געענטפערט:

— אויך איך, ווען כוואָלט געווען וויטעמבערג,

דערנאָך האָט ער דערמאָנט אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע,
מיט וועלכן ער האָט ליב געהאַט פאַרגליכן צו ווערן און איז גע
גאַנגען ווייטער, יאָגנדיק דעם הער טשאַרניעצקי; דער ווידער, נישט
האָבנדיק אַזעלכע גרויסע און אויסגעבילדעטע כּוחות איז אַנטלאָפן
פאַר אים, אָבער אַנטלאָפן ווי אַ וואָלף, שטענדיק גרייט זיך אומ
צוקערן. צייטנווייז איז ער טאַקע געגאַנגען פאַר די שוועדן, צייט
נווייז בײַ די זייטן, און צייטנווייז איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין
די ווילדע וועלדער, געלאָזט זיי גיין פאָרויס, אַזוי, אַז זיי האָבן
געמיינט, זיי יאָגן אים, און ער איז גאָר געגאַנגען הינטער זיי.

האָט אויסגעקוילעט די אָפּגעשטאַנענע, דאָ און דאָרט אָפּגעפּליקט אַ
גאַנצע אָפּטיילונג, פאַרטיליקט די פּוס - גייער - פּאָלקן, וואָס זע-
נען געגאַנגען פאַמעלעכער, אָנגעפאַלן אויף די וועגנס מיט פּראָ-
וויאַנט. און קיינמאָל האָבן די שוועדן נישט געוווסט ווו ער איז.
פֿון וועלכער זייט ער וועט זיך אויף זיי וואַרפן. נישט איינמאָל
האָבן זיי אין דער נאַכט - פינסטערניש אַ פייער פון האַרמאַטן
און ביקסן אויף ביימלעך געעפנט, מיינענדיק, אַז זיי האָבן דעם
שונא פאַר זיך. זיי זענען טויט - מיד געוואָרן, געגאַנגען אין
קעלט, הונגער און פּיין, און יענער "געפערלעכער מאַן" איז כסדר
געהאָנגען איבער זיי, ווי אַ האָגל - כמאַרע איבער אַ תבואה ,
פעלד.

לסוף האָבן זיי אים געפּאַקט ביי גאָלאָמב, נישט ווייט פון
אָרט, וווּ דער וויעפּש פאַלט אריין אין ווייסל. אַ פּאָר פּוילישע
פּאָלקן, וואָס זיינען געשטאַנען גרייט, האָבן זיך מיט אימפּעט אַ
וואָרף געטאָן אויפן שונא און ארויסגערופן אַ בהלה און אַ מהומה.
צו ערשט איז אַ שפּרונג - געטון ה' וואָלאָדיאָווסקי מיט זיין לאַו-
דער פּאַלק און צודייקגעשטויסן דעם דענישן פּרינץ וואַלדעמאַר
הער קאַוועצקי סאַמועל און דער יינגערער יאַן האָבן פון בערגל
אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַנצער - פּאָלק אויף וויקילסאָנס גדוונגענע ענג-
לענדער — און כּהרף - עין זיי אויפגעפרעסן, ווי אַ העכט פאָר-
שלינגט אַ גאַנגפיש, און הער מאַלאַווסקי האָט מיטן צווייבריקישן
פּירשט זיך אַזוי פעסט צונויפגעקנוילט, אַז די מענטשן און די פערד
האָבן זיך צונויפגעמישט, ווי אַ שטויב - וואָלקן וואָס ווערט דורך
צוויי ווינטן פון אַקייגנאיבערדיקע זייטן אָנגעטראָגן און פאַר-
וואַנדלט אין איין ווירבל. כּהרף - עין האָט מען די שוועדן צו-
דער ווייסל - צו אַראָפּגעשטויסן, זעענדיק דאָס האָט דוגלאַס
מיט זיינע אויסגעצייכנטע רייטער געאיילט צו הילף. אָבער דעם
אימפּעט האָבן אויך די דאָזיקע פאַרשטאַרקונגען נישט געקאָנט צו-
ריקהאַלטן; די שוועדן האָבן בכן גענומען שפּרינגען פון הויכן ברעג
אויפן אייז, אומקומענדיק אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זייערע הרוגים
האָבן דאָס באַשנייטע פעלד שוואַרץ געמאַכט, ווי אותיות אַ ווייסן
בלאַט. סאיז געפאַלן דער פּרינץ וואַלדעמאַר, סאיז געפאַלן וויקיל-

סאַך, און דער צווייבריקישער פירשט, וועלכער איז מיטן פערד אומגעוואָרפן געוואָרן, האָט אַ פוס צעבראָכן — סזענען אָבער געפאַלן אויך ביידע הערן קאָוועצקי און הער מאַלאַווסקי און רודאַווסקי און ראַגאָווסקי און הער טימינסקי און כאָינסקי און פּאַרוואַניעצקי, נאָר איין הער וואָלאָדיאָווסקי, הגם ער האָט אין די שוועדישע רייען, ווי אַ טויכער אין וואַסער מיטן קאָפּ זיך איינגעבוירעט, האָט די מינדעסטע וווּנד נישט באַקומען.

ביני־לבינו איז קאַרל גוסטאַוו אַליין מיט די הויפּט־כוחות און האַרמאַטן אָנגעקומען און דעמאָלט האָט דער גאַנג פון דער שלאַכט זיך געענדערט. טשאַרניעצקיס איבעריקע פּאָלקן, די נישט דיסציפּלינירטע און נישט אויסגעבילדעטע, האָבן נישט געקאָנט צו דער צייט זיך שטעלן אין שלאַכט־אָרדנונג; מאַנכע האָבן נישט געהאַט קיין פערד אונטער דער האַנט, אַנדערע, וועלכע זענען כסדר איבער די ווייטערע דערפער געלעגן, האָבן נישט געקוקט אויף די באַפעלן צו זיין תמיד גרייט, זיך אויסגערוט אין די כאַטעס. ווען דער שונא איז אָט די פּאָלקן אומגעריכט באַפאַלן, האָבן זיי זיך תיכף צעשאָטן און גענומען אַנטלויפן צו דעם וויעפּש צו. הער טשאַרניעצקי האָט דעריבער געהייסן געבן אַ סיגנאַל אויף צוריקציִען זיך, כדי צו פאַרשוינען יענע פּאָלקן, וועלכע האָבן די ערשטע אויפן שונא זיך געוואָרפן. אַ טייל איז אַוועק אויף יענע זייט וויעפּש, אַנדערע קיין קאָנסקאָוואָליאַ, איבערלאָזנדיק דאָס שלאַכט־פעלד און נצחון־רום קאַרלען. ווייל גראָד די, וואָס זענען אויף יענער זייט וויעפּש אַנטקומען, זענען נאָך לאַנג געיאָגט געוואָרן דורך ובראָזשעקס און קאַליבנסקיס פּאָלקן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביי די שוועדן.

די שמחה אין שוועדישן לאַגער איז געווען אין לשער. נישט גרויס איז אמת געווען דער שלל, וואָס איז נאָכן דאָזיקן נצחון אַריינגעפאַלן אין די שוועדישע הענט: זעק מיט האָבער און אַ ביסל ליידיקע וועגנס, אָבער קאַרלען איז נישט וועגן שלל דאָס מאָל געגאַנגען. ער האָט זיך געפרייט, וואָס דער נצחון האָט ווי אַמאָל, אויך איצט אים באַגלייט, וואָס קוים האָט ער זיך באַוויזן, האָט ער שוין אַ בהלה פאַרשאַפט — און דאָס צום הער טשאַר-

ניעצקין אליין, אויף וועלכן יאן קאזשימעזש און די רעפובליק האבן די גרעסטע האפנונגען ארויפגעלייגט. ער האט זיך געקאנט וויכטן, אז די ידיעה וועט זיך צעטראגן איבערן גאנצן לאנד, אז יעדעס מויל וועט איבערחזרן: „טשארניעצקי איז צעקלאפט", אז די שרעקעוודיקע וועלן די גרויס פון דער מפלה מגזם זיין און דורכדעם אפשוואכן די חרצער און צונעמען דעם מוט ביי די אלע, וועלכע האבן אויפן רוף פון דער טישאוויצער קאנפעדעראציע פארן געווער זיך געכאפט.

ווען מהאט אים געבראכט און געווארפן צו די פיס די זעק האבער און צוזאמען מיט זיי וויקילסאנס און וואלדעמארס גופים, האט ער זיך דעריבער געווענדעט צו זיינע פארזארגטע גענעראלן און געזאגט:

— קנייטשט - אויף אייערע שטערנס, וויל דאס איז דער גרעסטער נצחון, וואס ר'האט זייט א יאר אפגעהאלטן און ער קאן צו דער גאנצער מלחמה אן עק מאכן.

— קיניגלעכע מאיעסטעט — האט זיך אנגערופן וויטעמבערג, וועלכער איז געווען שוואכער ווי תמיד' און דערפאר געזען די זאכן שווארצער — לאמיר דאנקען גאט אויך דערפאר, וואס אונזער ווייטערדיקער מארש וועט זיין א רואיקער, הגם אזעלכע חיילות ווי טשארניעצקיס קאנען גיך צעטריבן ווערן אבער אויך גיך ווידער צונויפגענומען ווערן.

דערויף האט דער קיניג געענטפערט:

— הער מארשאל! כ'האלט אייך נישט פאר אן ערגערן פירער פון טשארניעצקין, אבער ווען כ'וואלט אייך אזוי צעקלאפט, בין איך בטוח, אז אין צוויי חדשים אפילו וואלט איר נישט באוויזן די חיילות צונויפצוקלויבן.

וויטעמבערג האט זיך נאר שטילשווייגנדיק פארנייגט, און קארל האט ווייטער געזאגט:

— יא, מיר וועלן האבן א רואיקן מארש, וויל באמת האט נאר איין טשארניעצקי געקאנט אים שטעלן מניעות. אז טשארניעצקיס חיילות זענען נישטא, זענען אויך קיין מניעות נישטא!

די גענעראַלן האָבן זיך דערפרייט מיט די דאָזיקע ווערטער.
פאַרשיכורט פון נצחון זענען די חיילות פאַרבייגעגאַנגען פאַרן קיניגס
אויגן מיט אַ געשריי און געזאַנג. טשאַרניעצקי האָט אויפגעהערט
צו שוועבן איבער זיי ווי אַ כמאַרע. דער צעטריבענער טשאַרניעצקי
האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן! דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיי
געמאַכט פאַרגעסן אין די איבערגעלעבטע צרות — ביים דאָזיקן
געדאַנק האָבן זיי שוין באַצייטנס די להבאדיקע מאַטערנישן פאַר-
ליבּ גענומען. דעם קיניגס ווערטער, וועלכע עס האָבן אַסך אָפּי-
ירן געהערט, האָבן זיך צעטראָגן איבערן לאַגער און אַלע האָבן
געמיינט, אַז דער נצחון האָט באמת געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע
באַדייטונג, אַז די מלחמה שלאַנג איז ווידער דערהרגעט, און אַז
עס וועלן אָנקומען נאָר צייטן פון נקמה און הערשאַפט.

דער קיניג האָט דעם חיל געגעבן אַ פּאָר שעה רו; דער-
ווייל זענען פון קאָזשעניצע אָנגעקומען פורן מיט פּראָוויאַנט. די
חיילות האָבן זיך צעלייגט אין גאָלאָמב, אין קראָוויעניקי און אין
זשיזשין. די רייטער האָבן אָנגעצונדן די פאַרלאָזטע הייזער, מ'האָט
אויפגעהאָנגען אַ פּאָר פּויערן, וואָס זענען גענומען געוואָרן מיט
געווער אין דער האַנט, און אַפּאָר מיליטערישע יינגלעך, וועלכע
מ'האָט פאַר פּויערן אָנגענומען; דערנאָך איז געפּראַוועט געוואָרן אַ
סעודה און נאָך איר זענען די זעלנער איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן
שלאָף, דער ערשטער רואיקער שלאָף זייט אַ לאַנגער צייט.

צומאָרגנס פאַרטאָגס האָבן זיי זיך מונטער אויפגעוועקט און
די ערשטע ווערטער וואָס זייערע ליפּן האָבן אויסגערעט, זענען
געווען:

— נישטאָ טשאַרניעצקי!

איינער דעם צווייטן האָט דאָס איבערגעחזרט, גלייך ווי זיי
וואָלטן זיך קעגנזייטיק ווערן אין דער גוטער בשורה פאַרזיכערן.
דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן פריילעך. דער טאָג איז געווען אַ
טרוקענער, אַ קאַלטער, אַ לויטערער. די פערדישע הויט און נאָז-לעכער
האָבן זיך באַדעקט מיט געפרוירענעם טוי. דער קאַלטער ווינט
האָט פאַרפרוירן די קאַלושעס אויפן לובלינער טראַקט און דעם
וועג גוט געמאַכט. די חיילות האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ ריי

כּמעט אויף אַ מייל די לענג, וואָס זיי האָבן פריער קיינמאָל נישט געטאָן. צוויי דראַגונער־פּאָלקן אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנצויז דיבוּאַ זענען אַוועק דורך קאָנסקאָוואָליע, מאַרקושעוו און גראַבאָוו, אַ מייל ווייט פון די הויפּט־כּוחות. ווען זיי וואָלטן אַזוי געגאַנגען נאָך מיט דריי טעג צוריק, וואָלטן זיי געגאַנגען אויף אַ זיכערן טויט, אָבער איצט איז זיי פאָרויסגעגאַנגען פּחד און נצחון־רום.

— נישטאָ טשאַרניעצקי! — האָבן זיך די אָפיצירן און זעלנער איבערגעחזרט.

דער מאַרש איז טאַקע צוגעגאַנגען רואיק. פון די וואַלד־טיפענישן האָבן זיך נישט דערטראָגן קיין אויסגעשרייען, פון די געוויקסן זענען נישט אַרויסגעפאַלן קיין פיילן, וואָס זענען נאָכגעלאָזט געוואָרן דורך אומגעזעענע הענט.

פאַרנאַכט איז קאַרל גוסטאַוו אָנגעקומען קיין גראַבאָוו אַ פריילעכער און אַן אויפגעלייגטער. ער האָט זיך גראָד געהאַט געקליבן זיך לייגן שלאָפן, ווי אַשעמבערג האָט געגעבן צו וויסן דורך אַ דינסט־אָפיציר, אַז ער וויל זיך וואָס גיכער זען מיטן קיניג.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרײַנגעקומען אין דער קוואַרטיר און נישט אַליין, נאָר מיט אַ דראַגונער־קאַפּיטאַן. דער קיניג, וועלכער האָט געהאַט אַ שאַרפע ראיה און אַזאַ אומגעווײנלעכן זכרון, אַז ער האָט כּמעט די נעמען פון אַלע זעלנער געדענקט, האָט באַלד דערקענט דעם קאַפּיטאַן.

— און וואָס הערט מען, פריד? — האָט ער געפרעגט — דיבוּאַ איז צוריקגעקומען?

— דיבוּאַ איז דערהרגעט! — האָט פריד געענטפערט.

דער קיניג איז מטושטש געוואָרן; איצט ערשט האָט ער באַמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ פּנים ווי מ'וואָלט אים פו קבר אַרויסגענומען און אַז קליידער האָט ער געהאַט צעפליקטע.

— און די דראַגונער? — האָט ער געפרעגט — יענע צוויי פּאָלקן?

— אַלע פאַרטיליקט ביז איינעם, מיך איינעם האָט מען אַ לעבעדיקן אָפּגעלאָזט!

דעם קיניגס ב־ווינע פנים איז געוואָרן נאָך טונקעלער; מי־ די הענט האָט ער זיך די לאָקן פון די האָר פאַרלייגט די אויערן.

— ווער האָט דאָס געטאָן?

— טשאַרניעצקי!

קאַרל גוסטאַוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, און גענומען קוקן מיט פאַרווונדערונג אויף אַשעמבע־גן, און דער האָט נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט, ווי ער וואָלט וועלן איבערחזרן:

— טשאַרניעצקי, טשאַרניעצקי, טשאַרניעצקי!

— דאָס אַלץ לאָזט זיך גאָרניש גלויבן — האָט דער קיניג אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — האָסטו אים געזען מיט די אייגע־נע אויגן?

— ווי כ'זע אייער מאַיעסטעט, האַר. ער האָט געהייסן גריס אייער קיניגלעכער מאַיעסטעט און דערקלערן, אַז ער קלייבט זיך איצט ווידער אַריבער אויף יענער זײַט ווײַסל, אָבער גאָר בקרוב וועט ער אויף אונזערע שפּורן נאָכגיין, כ'ווייס נישט צי ער האָט געזאָגט דעם אמת...

— גוט! — האָט דער קיניג געזאָגט — אַ סך מענטשן זע־נען בײַ אים פאַראַן?

— כהאָב נישט געקאָנט גענוי אָנצײַלן, אָבער אַ פיר טויזנט מענטשן האָב איך אַליין געזען, און הינטערן וואַלד זענען אויך געשטאַנען עפּעס רײַטער. מ'האָט אונז אַרומגערינגלט בײַ קראַשיטשין, וווּהין פּאָלקאָווניק דיבואַ איז בכיון פון טראַקט אַראָפּגעגאַנגען, ווײַל מ'האָט אים מודיע געווען, אַז דאָרט געפינען זיך עפּעס מענ־טשן. איצט מיין איך, אַז טשאַרניעצקי האָט בכיון אונ־ערגעשיקט אַן אויסזאָגער, כדי אונז אין אַן אונטערגעשטעלטער נעץ אַרײַנצו־נאַרן. קיינער איז טאַקע, חוץ מיר, מיטן לעבן נישט אַרויס. די פויערן האָבן דערהרגעט די פאַרוווּנדעטע, איך בין על־פּי־נס ניצול געוואָרן!

— דער דאָזיקער מענטש האָט געמוזט מאַכן יד־אחת מיטן טייוול — האָט דער קיניג געזאָגט, צולייגנדיק די האַנט צום שטערן — ווײַל נאָך אַזאַ מפּלה ווידער דאָס חיל צונויפנעמען

אין אויפן געניק זיך אונז שטעלן — דערצו געהערט שוין צו אוממענטשלעכער כוח!

— סאיז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס מאַרשאַל וויטעמבערג האָט פאָרויסגעזען — האָט אַשעמבערג זיך אָנגערופן.

דערויף האָט דער קיניג אַרויסגעפּלאַצט:

— איר אַלע קאָנט פאָרויסזען, נאָר קיין רעכטע עצה קאָנט איר נישט געבן!

אַשעמבערג איז בלייך געוואָרן און האָט שטיל געשוויגן. קאַרל גוסטאַוו, אַז ער איז געווען אויפגעלייגט, איז ער געווען אַ מזג-טוב, אָבער אַז ער האָט איין מאָל דעם שטערן גערונצלט, האָט ער אין די נאָענטסטע אַן אומבאַשרייבלעכן פחד געוועקט און די פייגל היטן זיך נישט אַזוי פאַר אַן אָדלער, ווי ס'האָבן זיך פאַר אים די עלטסטע און פאַרדינסטפולסטע גענעראַלן געהיטן.

אָבער איצט האָט ער גיך זיין כעס איינגעהאַלטן און ווידער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן פריד:

— האָט טשאַרניעצקי ביי זיך גוטע חיילות?

— כ'האָב געזען אַ פאָר אומפאַרגלייכלעכע פאָלקן, ווי אַלע ריטער-פאָלקן ביי זיי.

דאָס האָבן די זעלבע פאָלקן ביי גאָלאָמב מיט אַזאַ רציחה אַטאַקירט. אַלטע פאָלקן מוזן דאָס זיין. און ער אַליין, טשאַרניעצקי, איז פריילעך, האָפּערדיק?

— אַזוי האָפערדיק, גלייך ווי ער וואָלט דאָס ביי גאָלאָמב דעם נצחון אָפּגעהאַלטן. איצט האָט ערשט רעכט דער מוט ביי זיי זיך געמוזט הויבן, ווייל וועגן גאָלאָמב האָבן זיי שוין פאַרגעסן און נעמען זיך איבער מיטן נצחון ביי קראַשיטשין. אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט! וואָס טשאַרניעצקי האָט מיך געהייסן זאָגן, האָב איך נאָכגעזאָגט, אָבער ווען כ'בין שוין אַרויסגעפאָרן, איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די עלטסטע, אַ מעכטיקער, אַלטער מאַן און מיר געזאָגט, אַז ער איז דאָס דער, וואָס האָט דעם אומשטערבלעכן גוסטאַוו זדאָלפן אין אַ האַנט-געפעכט אויסגעצויגן. ער האָט אויך אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט געזידלט און אַנדע-

רע חאָבן אים צוגעהאָלפן. אַזוי גרויסן זיי דך! כ'בין אַוועקגעפאָרן אונטער שפּאָט און זלזולים...

— דאָס איז נישט וויכטיק! — האָט קאַרל גוסטאַוו זיך אָנגערופן — טשאַרניעצקי איז נישט צעקלאַפּט און ער האָט די חיילות שוין צונויפגענומען, דאָס איז דער עיקר. מיר מוזן דעריבער גיין וואָס אייליקער פאָרויס, כּדי דעם פּוילישן דאַריוס אָנצויאָגן. איר קאָנט שוין גיין. צווישן חייל זאָל מען די ידיעה פאַרשפּרייטן, אַז די דאָזיקע פּאָלקן זענען דורך פּויערישע קופּעס אויף די זומפּן אומגעקומען. מיר גייען פאָרויס!

די אָפיצירן זענען אַרויסגעגאַנגען, קאַרל גוסטאַוו איז געבליבן אַליין. אַ געוויסע צייט האָט ער אומעטיק געקלערט. שוין זשע האָט דער נצחון בײַ גאָלאָמבּ קיין שום פּעולה נישט געהאַט, דעם מצב נישט געענדערט, נאָר, אַדרבּא, נאָך אַ גרעסערע פאַרביטערונג אין גאַנצן לאַנד אַרויסגערופן?

קאַרל גוסטאַוו האָט לגבּי דעם חייל און גענעראַלן תּמיד אַרויסגעוויזן זיכערקייט אין זיך און אמונה, אָבער ווען ער איז געבליבן אַליין און גענומען טראַכטן וועגן דער דאָזיקער מלחמה, וועלכע האָט תּחילת זיך לייכט אָנגעהויבן און איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער — האָבן נישט איינמאָל אים ספקות אַרומגעכאַפּט. אַלע געשעענישן האָבן זיך אים עפּעס אויסטערליש פאָרגעשטעלט. אָפּט האָט ער קיין אויסוועג נישט געזען, דעם סוף זיך נישט געקאָנט משער זיין. צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ווי אַ מענטש וואָס גייט פון ברעג ים אין וואַסער אַריין און שפּירט, אַז מיט יעדן שריט גייט ער וואָס אַ מאָל טיפער און אַז אינגיכן וועט ער פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס.

אָבער ער האָט געגלויבט אין די שטערן. אויך איצט איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער אויף זיין אויסדערוויילטן שטערן אַ קוק טאָן, אויף דעם שטערן, וואָס פאַרנעמט אין הימל-חאָגן, אָדער אין גרויסן בער דאָס העכסטע אָרט און לייכט צום שטאַרקסטן. דער הימל איז געווען אַ לויטערער, ער האָט בכן אויך אין דער רגע זעל געפלאַקערט, געפינקלט מיט בלאָע און רויטע קאָלירן — אָבער פון דערווייטנס, אַביסל נידריקער, דאָרט, ווו

דער הימל איז געווען טונקל - בלאָ, האָט ווי אַ שלאַנג זיך ווע
שוואַרצלט אַן איינזאַמע כמאַרע, פון וועלכער עס האָבן ווי אָרעמס,
ווי צווייגן, ווי שפיר - הערנער פון אַן אויסטערלישער וואַסער -
חיה זיך געצויגן און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וואָס אַ
אַ מאָל נענטער צום קיניגס שטערן זיך צוגערוקט.

2 קאַפּיטל

צומאָרגנס באַלד פאַרטאָגס האָט דער קיניג זיך געלאָזט אי ווייטערדיקן מאַרש און צוגעקומען ביז לובלין. באַקומענדיק דאָרט די ידיעה, אַז נאָכן אָפּשטויסן באָגוסלאַווס אָנפאַל קומט הער סאַפּיעהאַ אָן מיט אַ באַדייטנדיקער אַרמיי, האָט ער אים אויסגעמיטן, לובלין נאָר מיט אַ גאַרניזאָן באַפעסטיקט און איז ווייטער געגאַנגען.

דער נאָענטסטער ציל פון דער עקספּעדיציע איז פאַר אים איצט געווען זאַמאָשטש, ווייל ווען ער וואָלט באַוויזן איינצונעמען די דאָזיקע מעכטיקע פעסטונג, וואָלט ער געווונען אַן אומדערשיטערלעכן יסוד פאַר דער ווייטערדיקער מלחמה און אַזאַ גרויסע איבערוואָג, אַז ער וואָלט גאַנץ רואיק געקאָנט אויסקוקן אויף אַ מזלדיקן סוף. וועגן זאַמאָשטש זענען פאַרשידענע מיינונגען אַרומגעגאַנגען. די פּאָליאַקן, וואָס זענען ביז איצט נאָך קאַרלען בייגעשטאַנען, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז די מעכטיקסטע פעסטונג אין דער רעפּובליק און אַ ראיה האָבן זיי געבראַכט דערפון, וואָס זי האָט כמעלניצקיס אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן.

אָבער אַזוי ווי קאַרל האָט באַמערקט, אַז די פּאָליאַקן זענען כּלל נישט קיין מומחים אין פּאַרטיפּיצירן פעסטונגען און האָבן גע־האַלטן פאַר שטאַרק אַזעלכע, וואָס האָבן אין אַנדערע לענדער קוים געגאָלטן פאַר דריט־ראַנגיקע, און אַזוי ווי ער האָט אויך געוווּסט וועגן דעם, אַז קיין איינע פון די פעסטונגען איז נישט געווען געגנוג פאַרזעען, דאָס הייסט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין מויערן אין אַ געהעריקן צושטאַנד און נישט קיין ערד־בנינים און אויך נישט קיין געהעריקן כּלי־זיין, איז ער אויך בנוגע זאַ־מאָשטש געווען רואיק און זיכער. ער האָט אויך גערעכנט אויפן רייץ פון זיין נאָמען, אויפן רום פון אַן אומבאַזיגבאַרן פירער, און לסוף אויך אויף אָפּמאַכן. מיט אָפּמאַכן, וועלכע יעדער מאַגנאַט אין דער דאָזיקער רעפּובליק האָט געהאַט אַ רעכט אָדער על־כּל־פּנים זיך דערלויבט אויף זיין אייגענער דעה צו שליסן, האָט קאַרל ביז איצט מער אויפגעטאָן, ווי מיט געווער. אַלס דורכגעטריבענער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט צו וויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט ער דעריבער פלייסיק געקליבן אַלע ידיעות וועגן מושל פון זאַמאָשטש. ער האָט אויסגעפּרעגט וועגן זיינע מנהגים, נייגונגען, שכל און שטימונג.

יאַן סאַפּיעהאַ, וועלכער האָט דעמאָלט, צום גרויסן עגמת־נפש פון וויטעבסקער וואָיעוואָדע, באַפעלקט נאָך מיט בגידה דעם נאָמען, האָט מער פון אַלע געגעבן דער קיניג דערקלערונגען בנוגע דעם קאָלישער וואָיעוואָדע. זיי האָבן טאַקע אויף באַראַטונגען גאַנ־צע שעהן פאַרבראַכט. סאַפּיעהאַ האָט איבעריקנס נישט געהאַלטן, אַז עס וועט דעם קיניג לייכט אָנקומען צו געווינען דעם זאַמאָש־טשער מושל.

— מיט געלט וועט מען אים נישט נעמען — האָט הער יאַן געזאָגט — ווייל דאָס איז אַ זייער רייכער מאַן. נאָך כּבוד איז ער נישט להוט און ער האָט זיך קיינמאָל נאָך אים נישט געיאָגט, ער האָט אים נישט געוואָלט אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט אים אַליין געזוכט... וואָס שייך טיטולן, האָב איך אַליין געהערט, ווי ער האָט אויפן הויף זיך געבייזערט אויפן הער דע נואיער, דעם סעקרעטאַר פון דער קיניגין, דערפאַר, וואָס ריידנדיק צו אים האָט ער געזאָגט

„האַן פּרינס!" „איך בין נישט קיין פּרינץ, האָט ער צו אים געזאָגט הגם איך האָב נישט איין מאָל אין מיין זאַמאָשטש פּרינצן פּאַר געפּאַנגענע געהאַט. דעם אמת געזאָגט, האָט נישט ער געהאַט נאָר זיין זיידע, וועלכן אונזער פּאָלק האָט גערופן „דער גרויסער."

— אַבי ער זאָל מיר די טויערן פון זאַמאָשטש עפענען, וועל איך אים שענקען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין שום פּוילישער קיניג וואָלט נישט געקאָנט שענקען.

סאַפּיעהאַן האָט נישט געפּאַסט צו פרעגן, וואָס, אַ שטייגער, ער וואָלט אים געשענקט, ער האָט נאָר מיט נייגעריקייט אַ קוק געטאָן אויף קאַרל גוסטאַוון, און ער ווידער האָט פאַרשטאַנען דעם בליק און אַרונטערשאַרנדיק די האָר הינטער די אויערן, האָט ער געזאָגט:

— כ'וויל אים שענקען די לובלינער וואָיעוודזטווע אַלס אַן אומאָפּהענגיק פירשטנטום — די קרוין וועט אים לאָקן. קיינער כון אייך וואָלט אַזאַ נסיון נישט בייגעשטאַנען, אַפילו דער היינטיקער ווילנער וואָיעוואָדע!

— אומבאַגרעניצט איז די פרייגעביקייט פון אייער קיניגלעכער מאַיעסטעט — האָט סאַפּיעהאַ, נישט אָן אַ געווויסער איראָניע אין דער שטים, זיך אָנגערופן.

און קאַרל האָט געענטפערט מיט זיין געוויינלעכן ציניזם:

— כ'שענק, ווייל ס'איז נישט מיין.

סאַפּיעהאַ האָט אַ דריי - געטאָן מיטן קאָפּ.

— ער איז אַן אומבאַוויבטער מענטש און האָט נישט קיין זין. די קרוין איז ליב נאָר דעם, וואָס קאָן זי איבערגעבן זיינע קינדער.

— וועלכע מיטלען דען ראָט איר מיך אָנצונעמען?

— איך מיין, אַז מיט חנופות וועט מען אַממייסטן פּועלן. אַ שררה איז דאָס נישט מיט קיין טיפן מוח און מקאָן אים לייכט פאַרדרייען. מ'דאַרף אים איינרעדן, אַז נאָר פון אים איז אָפּהענגיק די באַרויִקונג פון דער רעפּובליק, מ'דאַרף אים איינשמועסן, אַז נאָר ער קאָן זי באַשיצן פון דער מלחמה, אומגליק און כלערליי פורעניות און להבאדיקע אָנשיקענישן, און דאָס טאַקע דורך עפּע-

בען די טויערן. אויב דער פיש וועט זיך לאָזן כאַפּן אויף ד
דאָזיקער ווענטקע, וועלן מיר זיין אין זאַמאָשטש, אויב נישט —
וועלן מיר נישט זיין!

— וועלן בלייבן די האַרמאַטן, ווי א לעצטער אַרגומענט!

— הם! אויפן דאָזיקן ארגומענט וועט זיך געפינען אין זאַמאָשטש פון וואָס צו ענטפערן. קיין שווערע האַרמאַטן פעלט דאָרט נישט, און מיר וואָלטן זיי ערשט געדאַרפט אַראָפּברענגען, און דאָס וועט ווערן אוממעגלעך, ווען די שנייען וועלן זיך אויפטייען.

— כ'האָב געהערט, אַז די פוס-גייער אין דער פעסטונג זענען גוטע, אָבער רייטער פעלט זיי.

— רייטער זענען נאָר אין אָפענעם פעלד נייטיק, און אגב, אויב טשאַרניעצקי איז, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, נישט צעקלאַפּט, האָט ער געקאָנט איין אָדער צוויי פּאָלקן צו הילף אַריינשיקן.

— איר זעט נאָר בלויז שוועריקייטן.

— איך האָב אָבער דאָך בטחון און מזלדיקן שטערן פון אייער קיניגלעכער מאַיעסטעט — האָט סאַפּיעהאַ געענטפערט.

העכער יאַן איז טאַקע גערעכט געווען, ווען ער האָט פאָרויסגעזען, אַז טשאַרניעצקי וועט זאַמאָשטש פאַרזאָרגן מיט רייטער. וואָס איז נייטיק אויף אויסשפּירונגען און אויף צו כאַפּן אויסזאָגער' הער זאַמאָיסקי האָט אמת געהאַט גענוג אייגענע און האָט אין קיין הילף זיך כלל נישט גענויטיקט, אָבער דער קיעווער קאַשטעלאַן האָט די צוויי פּאָלקן וועלכע האָבן אַממייסטן געליטן ביי גאָלאָמב, דאָס הייסט דעם שעמבערקער און לאַודער, בכיון געשיקט אין דער פעסטונג, כדי זיי זאָלן קאָנען אָפּרוען, די כוחות אָפּפרישן און די שטאַרק אויסגעמאַטערטע פערד בייטן. אין זאַמאָשטש האָט זיי הער סאָביעפּאַן אויפגעקומען בסבר-פנים-יפות, און ווען ער האָט זיך דערוווסט וואָסערע באַרימטע זעלנער עס געפינען זיך אין זיי, האָט ער זיי געהויבן ביז צום הימל, מיט מתנות באַשאָטן און יעדן טאָג צום טיש פאַרבעטן.

אָבער ווער וועט באַשרייבן די שמחה און גערירטקייט פון דער פירשטן גריזעלדאַ, ווען זי האָט דערזען דעם הער סקשע-

טוסקי און דעם הער וואַלאַדיאַווסקי, איר גרויסן מאַנס אַמאָליקע
זיבעטיקסטע פּאָלקאָווניקעס. זיי זענען איר ביידע צו די פיס גע=
פאַלן, פאַרגיסנדיק הייסע טרערן אויפן אָנבליק פון דער באַליב=
טער האַרין און אויך זי האָט זיך ניט געקאָנט פון וויינען איינ=
האַלטן. וויל וויפיל זכרונות זענען געווען פאַרקניפּט מיט זיי פון
יענע אַמאָליקע לובנער צייטן, ווען איר מאַן, דער רום און ליב=
לינג פון פאָלק, איז געווען פול מיט לעבנס = קראַפט און מעכטיק
געוועלטיקט איבער דער ווילדער פּראָווינץ, אָנוואַרפנדיק, ווי יופּי=
טער, מיט איין קנייטש פון די ברעמען אַן אימה אויף די באַרבאַרן.
ערשט גאָרניט לאַנג זענען די דאָזיקע צייטן געווען און וווּ זענען
זיי איצט? איצט איז דער הערשער אין קבר, די פּראָווינץ האָבן
די באַרבאַרן באַהערשט, און זי, אַן אַלמנה, זיצט איצט אויף די
חורבות פון גליק, גדולה, לעבנדיק נאָר מיטן צער און תּפלות.

אָבער אין יענע זכרונות זענען זיסקייט און ביטערניש גע=
ווען אַזוי געמישט, אַז די געדאַנקען פון די דאָזיקע דריי האָבן
זיך גערן אַריבערגעטראָגן אין עבר. זיי האָבן בכן גערעדט וועגן
אַמאָליקן לעבן, וועגן די מקומות וואָס זייערע אויגן האָבן שוין
ניט געזאָלט אָנזען, וועגן די אַמאָליקע מלחמות, לסוף וועגן די
הייַנטיקע צייטן פון צרות און גאָטס צאָרן.

— ווען אונזער פירשט וואָלט געלעבט — האָט סקשעטוסקי
געזאָגט — וואָלט אַנדערש געווען דער גורל פון דער רעפּובליק.
די קאָזאַקן וואָלטן געווען פּאַרטיליקט, יענע = זייט = דניעפּר וואָלט
געווען ביי דער רעפּובליק, און דער שוועד וואָלט איצט געפינען
זיין מלאך = המות. גאָט האָט באַשערט, ווי ער האָט געוואָלט,
כּדי אונז פאַר די זינד צו שטראָפן.

— הלואי זאָל גאָט אין הער טשאַרניעצקין דעם פּאַרטיידי=
קער מחיה = מתים זיין! האָט פירשטן גריזעלדאַ געזאָגט.

— אַזוי וועט עס אויך זיין! האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויס=
גערופן — פּונקט ווי אונזער פירשט איז געווען מיט אַ קאָפּ העכ=
כער פון די אַנדערע שררות, אַזוי איז ער אויך לחלוטין ניט
ענלעך אויף די אַנדערע פירער. איך קען דאָך ביידע הערן קרוין=
העטמאַנעס און דעם ליטווישן הער סאַפּיעהאַ. גרויסע זעלנער זע=

נען דאָס, אָבער פאַראַן דאָך אין הער טשאַרניעצקין עפּעס אויסעו-געווייגלעכס, וואָלסט געזאָגט: אַן אָדלער, נישט קיין מענטש. פלייטזעליקער, דאַכט זיך און דאָך האָבן אַלע פאַר אים מורא, יאָ אַפילו הער זאַגלאָבאַ פאַרגעסט אָפּט אין זיינע קאַטאָוועסן נעבן אים. און ווי ער פירט - אַן מיטן מיליטער! ווי ער שטעלט עס אויס — שווער זיך פאָרצושטעלן! נישט אַנדערש, נאָר אַ גרויסער מלחמה-העלד שטייט - אויף אין דער רעפּובליק.

— מיין מאַן, וועלכער האָט אים אַלס פּאָלקאָווניק געקענט, האָט נאָך דעמאָלט אויף אים נביאות געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער מאַן — האָט די פירשטין געזאָגט.

— מהאָט אַפילו געזאָגט, אַז ער זאָל זיך האָבן אַ ווייב אין אונזער הויף געזוכט — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַריינגעוואָרפן.

— כ׳געדענק נישט, אַז מען זאָל וועגן דעם האָבן גערעדט— האָט די פירשטין געענטפערט.

זי האָט נישט געקאָנט געדענקען, ווייל אַזאַ זאַך איז קיינמאָל גאָרנישט געווען, אָבער הער וואָלאָדיאָווסקי האָט דאָס איצט כיטרע אויסגעטראַכט, ווילנדיק אָרויספירן דעם שמועס אויף דער פירשטינס פּרויעקציעמער און עפּעס דערגיין וועגן פרייליין אַנושאַ באָזשאָבאָ-האַטאַ, ווייל פשוט פרעגן האָט ער געהאַלטן פאַר נישט לייטיש און צופיל פאַרטרוילעך לגבי דער מאַיעסטעט פון דער פירשטין. אָבער די המצאה האָט זיך נישט איינגעגעבן, די פירשטין האָט זיך מיטן געדאַנק ווידער אומגעקערט צום מאַן און צו די קאָזאַקישע מלחמות׳ צוליב וואָס דער קליינער ריטער האָט זיך געטראַכט: „נישטאָ אַ-נושאַ, גאָט ווייס זייט וויפיל יאָרן! און ער האָט מער וועגן איר נישט געפרעגט.

ער האָט געקאָנט פרעגן די אָפיצירן, אָבער אויך זיין און אַלעמענס מוחות זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. יעדן טאָג האָבן אויסשפירער געגעבן צו וויסן, אַז די שוועדן זענען וואָס אַמאָל נענטער, מ׳האָט זיך דעריבער מכין - געווען צו דער פער-טיידיקונג. סקשעטוסקי און וואָלאָדיאָווסקי האָבן באַקומען פונקציעס אויף די מויערן, אַלס אָפיצירן, וואָס האָבן אי געקענט די שוועדן און אי געוווּסט, ווי אַזוי מיט זיי מלחמה צו האַלטן. הער זאַגלאָבאַ

האָט צוגעגעבן מוט און דערציילט וועגן שונא די, וועלכע האָבן אים נאָך ביז איצט נישט געקענט, און געווען איז גענוג אַזעלכע צווישן זאַמאָיסקיס זעלנער, ווייל די שוועדן האָבן ביז איצט אין די זאַמאָשטשער געגנט זיך נישט אַריינגעלאָזט.

זאַגלאָבאַ האָט דעם הער קאָלישער סטאַראָסטע זייער גוט געקענט, און דער לעצטער האָט אים שטאַרק ליב באַקומען און מיט יעדער זאַך זיך געווענדעט צו אים, בפרט, אַז ער האָט אויך פון דער פירשטן גריזעלדאַ געהערט. אַז דער פירשט גופא האָט אין זיין צייט זאַגלאָבאַן ליב געהאַט און אים גערופן „אומפאַרגלייכלעכער מאַן". יעדן טאָגביים טיש האָבן בכן אַלע זיך צוגעהערט, און הער זאַגלאָבאַ האָט געדרשנט וועגן די אַמאָליקע און הייַנטיקע צייטן, וועגן די מלחמות מיט די קאָזאַקן, וועגן ראַדזיוווילס בגידה, וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט דעם הער סאַפּיעהאַ געמאַכט פאַר אַ לייט.

— כהאָב אים געגעבן אַן עצה — האָט ער געזאָגט — אַז ער זאָל טראָגן אין טאַש קאָנאָפּיע-קערלעך און צו ביסלעך זיי עסן. האָט ער זיך דער צו אַזוי צוגעוווינט, אַז איצט נעמט ער יעדע ווײַלע אַרויס אַ קערל, וואַרפט עס אַריין אין מויל, צעקייעט עס, דאָס ווייכע עסט ער אויף און דאָס שאָלעכץ שפּייט ער אויסבייַנאַכט, אַז ער וועקט זיך אויף, טוט ער אויך דאָס אייגענע. פון דעמאָלט אָן איז אים דער מוח אַזוי שאַרף געוואָרן, אַז די באַקאַנטסטע אָפּילו דערקענען אים נישט.

— ס'טייטש? — האָט דער קאָלישער סטאַראָסטע געפרעגט.

— ווייל אין קאָנאָפּיעס געפינט זיך אייל און דער וואָס עסט עס, קומט אים צו אייל אין קאָפּ. *)

— אַז עס זאָל אייך! — האָט איינער פון די פּאָלקאָווניקעס זיך אָנגערופן — דער אייל קומט דאָך צו אין בויך, נישט אין קאָפּ.

*) ד. ה. עס קומט אים צו שכל. „האָבן אייל אין קאָפּ" (mieć olej w głowie) — אַ פּוילישע רעדנס-אַרט, וואָס באַדייט: האָבן שכל, קלוג זיין. (דער איבערזעצער)

— דערצו איז פאַראַן אַן עצה! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — מ'דאַרף וואָס מער וויין טרינקען: דער אייל, וואָס איז לייכטער, וועט תּמיד זיין אין דער הויך, און דער וויין, וועלכער גייט אַזוי אויך אין קאָפּ אַריין, וועט מיט זיך מיטטראָגן יעדן פּיינעם שטאָף. דעם דאָזיקן סוד האָב איך פון לופולן, דעם האָספּאָדאַר, נאָך וועלכן, ווי ס'איז אייך באַוווסט, די וואַלאַכן האָבן מיך געוואָלט פאַר אַ האָספּאָדאַר מאַכן, אָבער דער סולטאַן, וועלכער וויל, אַז די האָספּאָדאַרס זאָלן קיין קינדער נישט האָבן, האָט מיר געשטעלט אַ תּנאַי, אויף וועלכן כהאָב נישט געקאָנט מסכּים זיין.

— איר האָט געמוזט אַליין אַסך קאָנאָפּיע־קערעלעך אויפעסן? — האָט הער סאָביעפּאַן זיך אָנגערופן.

— איך האָב נישט געדאַרפט, אָבער אייך, הויכווירדיקער הער, ראָט איך עס פון גאַנצן האַרצן! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

הערנדיק די דאָזיקע דרייסטע ווערטער, האָבן זיך מאַנכע דערשראָקן, אַז דער הער סטאַראָסטע זאָל זיך זיי נישט נעמען צום האַרצן, אָבער ער, צי ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אָדער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, גענוג, אַז ער האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— און קערן פון זון־בלומען קענען נישט פאַרבייטן קאָנאָפּיע־קערלעך?

— זיי קאָנען — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — אָבער היות דער אייל פון זון־בלומען איז שווערער, דאַרף מען דעריבער טרינקען שטאַרקערן וויין פון דעם, וואָס מיר טרינקען איצט.

דער הער סטאַראָסטע האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ער איז געוואָרן אויפגערוימט און תּיכּף געהייסן די בעסטע ווייַנען ברענגען. אַלע האָבן זיך אין האַרצן שטאַרק געפרייט און געווען אויפגעלייגט. מ'האָט געטרונקען פאַרן געזונט פון קיניג, בעל־בית און הער טשאַרניעצקין. הער זאַגלאָבאַ איז אַריינגעפאַלן אין אַן אייסגעצייכנטן הומאָר, האָט קיינעם צום וואָרט נישט געלאָזט קומען. ער האָט דערציילט באַריכות וועגן דער גאַלאַמבער שלאַכט, אין וועלכער ער האָט זיך באמת גוט געשלאָגן, ווייל דינענדיק אין לאַודער פּאָלק האָט ער איבעריקנס קיין אַנדערע בריר״ה

ניִשט געהאַט. אָבער אַזוי ווי פון די שוועדישע געפאַנגענע, וואָס זענען גענומען פון דיבזאס פאָלקן, האָט מען געוווּסט ווענן טויט פון גראַף וואַלדעמאַר, האָט הער זאַגלאָבאַ פאַרשטייט זיך, גענומען אויף זיך די אחריות פאַרן דאָזיקן טויט.

— גאַנץ אַנדערש וואָלט די דאָזיקע שלאַכט אויסגעפאַלן — האָט ער געזאָגט — ווען ניִשט דאָס, וואָס איך בין אַ טאָג פריִער קיין בראַנאָוו, צום דאָרטיקן גלח אָפּגעפאָרן און טשאַרניעצקי, וועלכער האָט ניִשט געוווּסט, ווו איך בין, האָט זיך ניִשט געקאָנט מיט מיר משאל־עצה־זיין. אפשר האָבן אויך די שוועדן געהערט וועגן יענעם גלח, ווייל ער האָט אויסגעצייכנטע מעדן, און זיי זענען באַלד צו גאַלאָמב צוגעקומען. ווען כ'בין צוריקגעקומען איז שוין געווען צו שפּעט, דער קיניג האָט אָנגעגריפן און מ'האָט באַלד געדאַרפט אָפּשלאָגן. מיר זענען געגאַנגען ווי אין אַ רויך אַריין, אָבער וואָס נוצט עס, ווען דער פּראָסטער עולם וויל בעסער דעם שונא זיין פאַראַכטונג אַרויסווייזן דורך דעם, וואָס ער דרייט זיך אויס צו אים מיטן הינטן. כוויס ניִשט ווי אַזוי טשאַרניעצקי וועט זיך איצט אָן מיר אַן עצה געבן!

— ער וועט זיך אַן עצה געבן! האָט ניִשט מורא! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— און כוויס פאַרוואָס. ווייל דער שוועדישער קיניג וויל בעסער נאָך מיר קיין זאַמאָשטש זיך יאָגן, איידער אים ביי די בערגעס פון דער ווייסל זוכן. איך פאַרלייקן ניִשט טשאַרניעצקין, אַז ער איז אַ גוטער זעלנער, אָבער אַז ער נעמט די באָרד דרייען און מיט זיין ווילד־קאַזאַקישן בליק קוקן, דאַכט זיך דערמאָלט אויס דעם חבר פון דעם בעסטן פאָלק, אַז ער איז אַ דראַגונער... ער איז גאָר קיינעם ניִשט נושא־פנים, וואָס איר האָט אַליין בייגעוווינט, ווען ער האָט דעם הער זשירסקי, אַן אָנגעזעענעם מענטש, געהייסן איבערן פלאַץ מיט פערד שלעפּן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט מיט אַ פאַרפאָסטן ניִשט אָנגעשפאַרט דאָרט, ווו מהאָט אים באַפוילן. מיט דער שלאַכטע, גנעדיקע הערן, דאַרף מען זיך אומזיין ווי אַ פאָטער, ניִשט ווי אַ דראַגונער... וועסט אים זאָגן: הער ברודער, זיי אַזוי גוט און גיי, וועסט אים רירן, דערמאָנענדיק

דאָס פּאָטערלאַנד און דעם רום, וועט ער דיר גיין נאָך ווייטער, ווי אַ דראַגונער, וואָס דינט צוליב שכירות.

— אַ שלאַכטשיץ איז אַ שלאַכטשיץ און אַ מלחמה איז אַ מלחמה — האָט דער סטאַראָסטע זיך אָנגערופן.

— זייער קונציק האָט איר דאָס אויסגעפירט, היכווירדיקער הער — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— און דאָך וועט הער טשאַרניעצקי קאַרלס אַלע פּלע־נער צונישט • מאַכן! — האָט וואָלאָדיאָווסקי באַמערקט — כ׳בין געווען נישט אויף איין מלחמה און איך קאָן וועגן דעם רעדן.

— צוערשט וועלן מיר אים זיי ביי זאַמאָשטש צונישט • מאַכן — האָט דער הער קאַלושער סטאַראָסטע זיך אָנגערופן, אָנ־בלאָזנדיק זיך דאָס מויל, סאָפּנדיק מיט אַ מוראַדיקער גדלות, אויסגלאָצנדיק די אויגן און אָננעמענדיק זיך פאַר די זייטן — יאָ! פיו! וואָס גייט עס מיך דאָרט אָן?! הע! ווען איך בעט צו גאַסט, דעם עפן איך די טיר! וואָס? האַ!

דאָ האָט דער הער סטאַראָסטע גענומען נאָך שטאַרקער סאָפּן, מיט די קני אין טיש קלאַפּן, אַריבערבויגן זיך, דרייען מיטן קאָפּ און כעסן זיך און גלאַנצן מיט די אויגן און רעדן ווי זיין טבע איז געווען, מיט אַ געוויסער אומגעלומפּערט • קאָמישער אָפּגע־לאָזנקייט.

— וואָס גייט עס מיך אָן! ער איז האַר אין שוועדן און זאַמאָיסקי איז האַר אין זאַמאָשטש. איך בין אַ פּוילישער ריטער, מער גאַרנישט, וואָס! אָבער כ׳בין ביי זיך. איך בין זאַמאָיסקי, און ער איז שוועדישער קיניג... און מאַקסימיליאַן איז געווען עסטרייכישער קיניג, וואָס! ער גייט? זאָל ער גיין... מיר וועלן זען! אים איז שוועדן ווייניק, מיר איז זאַמאָשטש גענוג, אָבער כ׳וועל ז׳ נישט געבן, וואָס?!

— אַ תענוג, גענעדיקע הערן, צו הערן נישט בלויז אַזאַ חיתוך • הדיבור, נאָר אויך אַזעלכע איידעלע געפילן! — האָט הער זאַגלאָבאַ אויסגעשריען.

— זאַמאָיסקי איז זאַמאָיסקי! — האָט דער קאַלושער סטאַ־ראָסטע געענטפערט, קלייבנדיק נחת פון די שבחים — מיר האָבן

זיך נישט געבוקט און מיר וועלן נישט... בנאמנות! כוועל זאמאָשטש נישט געבן און באַסטאַ!

— פאַרן געזונט פון באַלעבאָס! — האָבן די אָפיצירן אויסגעשריגן.

— וויוואַט! וויוואַט!

— הער זאַגלאָבאַ! — האָט דער סטאַראָסטע אויסגערופן — דעם שוועדישן קעניג וועל איך נישט לאָזן קיין זאַמאָשטש און אייך פון זאַמאָשטש!

— הער סטאַראָסטע, איך דאַנק פאַרן חסד, אָבער איר וועט דאָס נישט טאָן, ווייל וויפיל איר וואָלט מיטן ערשטן באַשלוס מצער געווען, אויף אַזוי פיל וואָלט איר אים מיטן צווייטן אַ נחת - רוח פאַרשאַפט.

— גיט - זשע מיר דאָס וואָרט, אַז איר וועט קומען נאָך דער מלחמה, וואָס?

— כ'גיב...

לאַנג נאָך האָט מען זיך משמח געווען, דערנאָך האָבן די ריטער די אויגן גענומען צופאַלן, זיי זענען דעריבער אַוועק אָפּרוען, בפרט, אַז בקרוב האָבן זיך פאַר זיי געזאָלט אָנהויבן שלאָפלאָזע נעכט, ווייל די שוועדן זענען שוין געווען נאָענט און אויף די אָדערשטע וואַבן האָט מען זיך געריכט אַ ליאַדע שעה.

— ער וועט טאַקע זאַמאָשטש נישט געבן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט, צוריקקערנדיק אין זיין קוואַרטיר מיט די סקשעטוסקיס און וואָלאָדיאָווסקין — איר האָט באַמערקט, ווי מיר האָבן זיך ליב באַקומען... אין זאַמאָשטש וועט אונז גוט זיין, אי מיר און אי אייך. איך מיטן סטאַראָסטע האָבן מיר זיך אַזוי גוט צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן, אַז קיין שום טישלער וועט צוויי ברעטער נישט אַזוי גוט צוזאַמענפּאַסן. אַ ווילער שררה... הם!... ווען ער וואָלט געווען מיין חלף און ווען איך וואָלט אים ביי דער גאַרטל געטראָגן, וואָלט איך אים אָפּט אויפן שלייפשטיין אָנגעשאַרפט, ווייל ער איז אַ ביסל טעמפּ. אָבער אַ ווילער מענטש און ער וועט נישט באַגיין קיין בגידה, ווי יענע בירזשער מנוולים... איר האָט באַמערקט ווי די מאַגנאַטן קלעבן זיך צו צום אַלטן זאַגלאָ

באַ... גאָרנישט, נאָר זיך אָפּיאָגן... כבין קוים פון סאַפּיעהאַן פטור געוואָרן, איז שוין צו אַ צווייטער... אָבער דעם וועל איך אָנ־סטראָיען ווי אַ באַס און וועל אויף אים די שוועדן אַזאַ אַריע אויפשפּילן, אַז זיי וועלן ביי זאַמאָשטש אויף טויט זיך צעטאַנצן... כ׳וועל אים אָנדרייען, ווי אַ דאַנציקער שפּיל־זייגער...

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט אַ גערויש, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון דער שטאָט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ באַקאַנטער אָפיציר זיך גיך פאַרבייגערוקט נעבן די שמועסנדיקע.

— שטיי! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן — וואָס איז דאָרט?

— אַ פייער זעט מען פון די וואַלן. שטשעבזשעשין ברענט! די שוועדן זענען שוין באָענט!

— קומט אויף די וואַלן, גנעדיקע הערן! — האָט סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— גייט, און איך וועל כאַפּן אַ דרעמל, ווײַל איך דאַרף האָבן כוחות אויף מאָרגן — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

3. קאַפּיטל

די זעלבע נאַכט נאָך איז הער וואָלאָדיאווסקי אַוועק אויף אַן אויסשפּירונג און פאַרטאָגס האָט ער געבראַכט אַ צוואַנציק אויסזאָגער. די לעצטע האָבן באַשטעטיקט, אַז דער שוועדישער קיניג בכבודו־ובעצמו געפינט זיך אין שטשעבזשעשין און וועט בקרוב שטיין ביי זאַמאָשטש.

דעם קאַלושער סטאַראָסטע האָט שטאַרק הנאה געטאָן די דאָזיקע ידיעה, ווייל ער איז געוואָרן זייער אויפגעמונטערט און באמת חשק געהאַט אויסצופּרוּוון זיינע האַרמאַטן און מויערן אויף די שוועדן. ער האָט דערביי געמיינט און מיט רעכט, אַז ווען עס זאָל אַפילו־לסוף אויסקומען צו פאַלן, וועט ער אָלץ דורך גאַנצע חדשים פאַרהאַלטן אויף זיך די שוועדישע מאַכט, און פאַר דער דאָזיקער צייט וועט אויך קאַזשימיעזש צונויפקלייבן חיילות, אַראָפּברענגען די גאַנצע טאַטערישע אַרמיי צו הילף און אין גאַנצן לאַנד צוגרייטן אַ מעכטיקן און נצחונדיקן ווידערשטאַנד.

— קוים מאַכט זיך מיר אַמאָל אַ געלעגנהייט — האָט ער גדלותדיק געזאָגט אויפן מלחמה־ראַט — דעם פאָטערלאַנד און

קיניג פאַרדינסטן אָפּצוגעבן, בין איך אייך מבטיח, אַז פריער וועל איך זיך אין דער לופט אויפרייסן, איידער אַ שוועדישער פוס וועט זיך דאָ אוועקשטעלן. זיי ווילן זאַמאָיסקין נעמען מיט געוואַלט, גוט! זאָלן זיי נעמען! מיר וועלן זען, ווער סאיז שטאַרקער! איר, האָף איך, וועט מיר פון טיפן האַרצן מיטהעלפן!

— מיר זענען גרייט אומצוקומען נעבן אייך, הויכווירדיקער הער! — האָבן זיך די אָפיצירן פּה • אחד אָנגערופן.

— זיי זאָלן אייך נאָר באַלאַגערן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל סאיז רעכט, אַז זיי זאָלן זיך דערפון אָפּזאָגן... גנעדיקע הערן! ווי איך בין זאַגלאָבאַ, איך וועל דער ערשטער מיט אַן אַרויספאַל אָנפירן!

— איך מיטן פעטער! — האָט ראָך קאָוואַלסקי זיך אָנגערופן.

— אויפן קיניג אַליין וועל איך זיך וואַרפן!

— איצט אויף די מויערן! — האָט דער קאַלושער סטאַראָסטע אַ קאָמאַנדע געגעבן.

אַלע האָבן זיך געלאָזט אַהין. די מויערן זענען ווי מיט בליעכץ, געווען מיט זעלנער באַשאָטן. פאַלקן פון גלענצנדיקע פוס • גייער, וואָס אַזעלכע איז אין דער גאַנצער רעפּובליק נישט געווען, זענען געשטאַנען גרייט איינער נעבן אַנדערן, מיט די ביקסן אין די הענט און מיט אויגן געווענדט צו די פעלדער. ווייניק אויסלענדער האָבן אין זיי געדינט, קוים אַביסל פּרייסן און פראַנצויזן, דער עיקר אָבער מאַיאָראַט • פויערן, ייִנגען הויך • געוואַקסענע, שיין • געשטאַלטיקע, וואָס אַז מהאָט זיי אין קאָליריקע יאַקעס אָנגעטאָן און אויפן אויסלענדישן שטייגער אויסגעבילדעט, האָבן זיי זיך אַזוי גוט געשלאָגן, ווי די בעסטע קראָמוועלישע ענגלענדער. באַזונדערס טיכטיק זענען זיי געווען, ווען עס איז נאָך אַ שיסעריי אויסגעקומען זיך צו וואַרפן גלייך אויפן שונא. אויך איצט האָבן זיי אומגעדולדיק אויסגעקוקט אויף די שוועדן, געדענקענדיק די אַמאָליקע נצחונות זייערע איבער כמיעלניצקין. ביי די האַרמאַטן, וואָס זייערע לאַנגע העלזער האָבן זיך ווי בייגעריק דורך די פלאַנקען צו די פעלדער אויסגעצויגן, האָבן דאָס רוב געדינט פלאַמלענדער, די גרעסטע מומחים אין פייער • דינסט. הינטער דער פּעס-

טונג שוין אויף יענער זייט גראָבן, האָבן זיך געדרייט פּאָלקן פון לייכטער קאַוואַלעריע, וועלכע זענען אַליין געווען באַוואָרנט, ווייל זיי זענען געווען געשיצט דורך די האַרמאַטן און זיכער אין אַ באַהעלטעניש, דערצו האָבן זיי יעדע רגע געקאָנט אַ שפּרינג-טאָן, ווו מ'דאַרף.

דער קאָלושער סטאַראָסטע איז אַרומגעפאָרן די מויערן אין עמאַלירטן פּאַנצער, מיט אַ באַגילטן שטאַב אין דער האַנט און יעדע ווײַלע געפרעגט:

— נו וואָס? מזעט נאָך נישט?

און ער האָט געשאָלטן אונטער דער נאָז, ווען מהאָט אים אומעטום געענפערט, אַז מ'זעט נישט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געפאָרן אין אַן אַנדערע זייט און ווידער געפרעגט:

— נו וואָס? מזעט נישט?

דער ווייל איז שווער געווען עפּעס צו זען, ווייל די לופט איז געווען אַ ביסל פאַרנעפּלט. ערשט אַרום צען אין דער פרי איז דער נעפּל צעפלאָסן געוואָרן. דער בלאָער הימל האָט אַ לייכט-געטאָן איבער די קעפּ, דער האָריזאָנט האָט זיך אויסגעלייטערט און באַלד האָט מען אויך אויף דער מערב-זייט פון די מויערן גענומען רופן:

— זיי פאָרן! זיי פאָרן! זיי פאָרן!

דער הער סטאַראָסטע און מיט אים הער זאַגלאָבאַ און דריי אָפיצירן פון סטאַראָסטעס באַגלייטונג זענען זיך אַרויף אויף אַ ווינקל פון די מויערן, פון וועלכן מהאָט געזען אויף אַ גרויסן מרחק און זיי האָבן גענומען קוקן דורך שפּאַקטיוון. אַביסל נעפּל איז נאָך געלעגן ביי דער ערד, אָבער די שוועדישע חיילות, וואָס זענען געגאַנגען פון וויעלאָנטש, האָבן אויסגעזען צו זינקען ביז צו די קני אין דאָזיקן נעפּל, ווי זיי וואָלטן זיך פון ווייטלויפיקע וואַסערן אַ ויסגעגורעט. די נענטערע פּאָלקן זענען שוין געווען זייער דייטלען, אַזוי, אַז מ'האָט מיטן בלויזן אויג געקאָנט פאַנאַנדערשיידן די פוס-גייער, וואָס זענען געגאַנגען אין טיפע רייען, און די דייטער-מחנות; דערפאַר האָבן די ווייטערע פּאָלקן אויסגעזען ווי טונקעלע שטויב-וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געקייקלט צו דער

שטאָט - צו. איינציקווייז זענען צוגעקומען וואָס אַמאָל מער פאַלקן, האַרמאַטן, רייטער.

דער אָנבליק איז געווען אַ שיינער. פון דער מיט פון יעדערן פוס - גייער - פּירעק האָט אַרויסגעשטאַרט אין די הויך אַן אומגעוויינלעך רעגולערע פּירעק פון שפּיזן. צווישן זיי האָבן געפלאַטערט פאָנען פון פאַרשידענע קאָלירן, און דאָס רוב בלאָע מיט ווייסע צלמים און בלאָע מיט גילדענע לייבן. זיי זענען צוגעקומען נאָך נענטער. אויף די מויערן איז געווען שטיל, דאָס לייכטע ווינטל האָט דעריבער אָנגעטראָגן פון זיי אַ סקריפּען פון רעדער, געקלימפּער פון כלי - זיין, אָפּהילך פון פערדישע טריט און געשטיקט געמורמל פון מענטשלעכע קולות. צוקומענדיק אויף אַ צוויי שאָסן פון אַ קאַנאָן, האָבן זיי זיך גענומען אויסציען פאַר דער פעסטונג. אַ פּאָר פּירעקן פון די פוס - גייער האָבן זיך צעשאָטן אין חמרים אָן אַ סדר. אַ פּנים, זיי האָבן זיך געקליבן אויפצושלאָגן געצעלטן און צו שיטן פאַרשאַנצונגען.

— אָט זענען זיי דאָ! — האָט דער הער סטאַראָסטע געזאָגט.

— זיי זענען דאָ, די הינטישע נאמנות! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— מ'וואָלט זיי געקאָנט איינעם נאָכן אַנדערן מיטן פינגער ציילן.

— אַזאַ אַלטער בעל - נסיון, ווי איך, דאַרף נישט ציילן, נאָר מיטן אויג אַ וואָרף - טאָן. זיי זענען צען טויזנט רייטער און אַכט טויזנט פוס - גייער מיט אַרטילעריע. אויב איך האָב זיך אין איין פוס - גייער, אָדער אין איין רייטער טועה געווען, בין איך גרייט מיך מיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרן טעות צו באַצאָלן.

— קאָן מען דען אַזוי אויסחשבונען?

— צען טויזנט רייטער און אַכט טויזנט פוס - גייער, כ'זאָל אַזוי געזונט זיין! איך האָף צו גאָט, אַז זיי וועלן אין אַסך קלע‑נערער צאָל אָוועקגיין, לאָמיך נאָר איין ארויספאַל אָנפירן.

— איר הערט, זיי שפּילן אַן אַריע!

די טראַמפּייטער מיט די פּויקער זענען טאַקע אַרויסגעריסן פֿאַר די פּאָלקן און עס האָט אָפּגעהילכט אַ מלחמה־מוזיק. ביי איר אָפּקלאַנג האָבן זיך דערנענטערט ווייטערע פּאָלקן און פֿון דער ווייטנס אַרומגערינגלט די שטאָט. לסוף האָבן זיך פֿון די צונויפֿגעפּרעסטע מאַסן אָפּגעריסן אַ צוואַנציק רייטער. אין מיטן וועג האָבן זיי אַנגעהאָנגען ווייסע טיכלעך אויף די שווערדן און גענומען מיט זיי פֿאָכן.

— שליחים! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — כ'האָב געזען ווי די גנבים זענען קיין בירזשע געקומען פּונקט מיט אַזאַ גדלות און ס'איז דאָך באַקאַנט, וואָס עס איז דערפֿון אַרויסגעקומען.

— זאַמאָשטש איז נישט בירזשע, און איך בין נישט דער ווילנער וואָיעוואָדע! — האָט דער הער סטאַראָסטע געענטפֿערט.

דערווייל זענען יענע צוגעקומען צום טויער. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז צום הער סטאַראָסטע צוגעלאָפֿן אַ דיגסט־אָפֿיציר מיט דער מעלדונג, אַז הער יאַן סאַפּיעהאַ וויל אין נאָמען פֿון שוועדישן קיניג זיך מיט אים זען און רעדן.

און דער הער סטאַראָסטע האָט זיך באַלד פֿאַר די זייטן אָנגענומען, איז פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן אַריבערגעטרעטן און גענומען סאָפּען און די ליפּן אָנבלאָזן און לסוף האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ שרעקלעכער גדלות:

— זאָג צום הער סאַפּיעהאַ, אַז זאַמאָיעסקי רעדט נישט מיט קיין בוגדים.

אויב דער שוועדישער קיניג וויל מיט מיר רעדן, זאָל ער אַן עכטן שוועד צו מיר שיקן, נישט קיין פּאָליאַק, די פּאָליאַקן, וואָס דינען דעם שוועד, זאָלן אַלס שליחים קומען צו מיינע הינט, ווייל איך פֿאַראַכט זיי ביידע צוגלייך.

— ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז אַ תשובה! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופֿן מיט אַן אויפֿריכטיקער התלהבות.

— און זאָל זיי דאָרט דער טייוול נעמען! — האָט דער סטאַראָסטע, באַגייסטערט פֿון זיינע אייגענע ווערטער און פֿון דעם לויב, אויסגערופֿן — וואָס? כוועל מיט זיי מאַכן צערעמאָניעס, אָדער וואָס?

— דערלויבט מיר, הויכווירדיקער הער, איך זאָל אים אַליין די דאָזיקע תשובה אָפּטראָגן! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

און נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע שהיות, איז ער זיך אַוועק מיטן דינסט-אָפיציר, אַקעגנגעגאַנגען דעם הער יאַן און אַפּנים, אַז ער האָט נישט בלויז דעם סטאַראָסטעס ווערטער איבערגעחזרט, נאָר געמוזט פון זיך אַליין עפּעס זייער מיאוסעס צוגעבן, ווייל דער הער סאַפּיעהאַ האָט זיך אַזוי האַסטיק אומגעדרייט, ווי אַ דונער וואָלט פאַרן פערד אַ שלאָג-געטאָן, און אַרויפוואַרפנדיק דאָס היטל אויף די אויערן, איז ער אַוועקגעפאָרן.

און פון די מויערן און פון פאָלק פון יענע רייטער, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן טויער, האָט מען גענומען די אוועקפאָרנדיקע נאָכשרייען:

— אין די בודע אַריין, בוגדים, פאַרקויפטע נשמות! יידישע משרתים! הוש! הוש!

סאַפּיעהאַ האָט זיך געשטעלט פאַרן קיניג אַ בלייכער, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן. אָבער אויך דער קיניג איז געווען צעטומלט, ווײַל זאַמאָשטש האָט זיין האָפנונג אָפּגענאַרט... נישט געקוקט דערויף, וואָס מהאָט אים פריער געזאָגט, האָט ער זיך העכסטנס געריכט צו געפינען אַ שטאָט פון אַזאַ ווידערשטאַנד-קראַפט, ווי קראָקע, פויזן און אַנדערע שטעט, וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל איינגענומען. דערווייל האָט ער געפינען אַ מעכטיקע פעסטונג, וואָס האָט דערמאָנט די דענישע און נידערלענדישע פעסטונגען, און וועגן וועלכע מ׳האָט אָן האַרמאַטן פון שווערן קאַליבר אַפילו טראַכטן נישט געקאָנט.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט, דערזעענדיק סאַפּיעהאַן.

— גאָרנישט! — דער הער סטאַראָסטע וויל נישט רעדן מיט די פאַליאַקן, וואָס דינען אייער קיניגלעכער מאַיעסטעט. ער האָט אַרויסגעשיקט צו מיר זיין לץ, וועלכער האָט מיך און אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט אַזוי מיאוס אויסגעזידלט, אַז עס פּאַסט אַפילו נישט נאָכצוזאָגן.

— ס'איז מיר אַלץ אײנס מיט װעמען ער װיל רעדן, אַבי ער זאָל רעדן. אַז עס װעלן מיר אױספעלן אַנדערע האָב איך אײזערנע אַרגומענטן און דערװײל װעל איך פאַרגעלן צו אים שיקן.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט פּאַרגעל טאַקע מיט אַ רײן שװעדישער באַגלײטונג זיך אָנגעמעלדעט בײם טױער. די קײטן־בריק האָט זיך געלאָזן אַראָפּגעלאָזט אױפן גראָבן און דער גענעראַל איז אַרײַנגעפאָרן אין דער פעסטונג, בײ אַן ערנסטער שטילקײט, די אױגן האָט מען נישט געבונדן נישט אים און נישט װעמען עס איז פון דער סװיטע; דער הער סטאַראָסטע האָט אַ פּנים געװאָלט, אַז ער זאָל אַדרבא אַלץ זען און װעגן אַלץ צום קיניג קאָנען מודיע זײַן. און אױפגענומען האָט ער אים מיט אַזאַ פּראַכט, װי אַ זעלבסטשטענדיקער פירשט און האָט באמת אין התפעלות אַרײַנגעבראַכט, װײַל די שװעדישע שררות האָבן נישט פאַרמאָגט אַפילו אַ צװאַנציקסטן טײל פון דעם עשירות, װאָס די פּאָליאַקן, און דער הער סטאַראָסטע איז צװישן זײ געװען שיר נישט דער מעכטיקסטער. דער דורכגעטריבענער שװעד האָט דעריבער באַלד גענומען זיך מיט אים אַזױ באַנעמען, װי דער קיניג קאַרל װאָלט אים געשיקט מיט אַ שליחות צו אַ מאָנאַרך פון זײַנס גלײַכן, ער האָט אים פון אָנהױב אָן גערופן פירשט און כסדר שױן אַזױ גערופן, הגם דער הער סאָביעפּאַן האָט באַלד בײם ערשטן מאָל אים איבערגעהאַקט.

— נישט פירשט, איך בין אַ פּױלישער ריטער, אָדער טאַקע דערפאַר בין איך אַזאַ יחסן, װי די פירשטן.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט פּאַרגעל געזאָגט, נישט לאָזנדיק זיך אַראָפּפירן פון װעג — דער ליכטיקסטער שװעדישער קיניג און האַר (דאָ האָט ער לאַנג אױסגערעכנט די טיטולן) איז דאָ כלל נישט אַלס שונא געקומען אַהער, נאָר ער איז פּשוט געקומען צו ־ גאַסט און ער מעלדעט זיך אָן דורך מיר, האָפנדיק, װי איך גלױב, נישט בחנם, אַז דער גנעדיקער הער פירשט װעט פאַר זײַן פּערזאָן און פאַר זײַנע חיילות באַװײליקן זײַנע טױערן צו עפענען.

— נישטאָ ביי אונז אזאַ מנהג — האָט דער הער זאַמאָיסקי געענטפערט — אַז מ'זאָל ווענען עס איז גאַסט - פריינטשאַפט אָפּזאָגן, ווען אַפילו ער זאָל קומען אומגעבעטן. עס וועט זיך שטענדיק ביי מיר געפינען פּלאַץ ביים טיש, און פאַר אַזאַ הויך - ווירדיקער פּערזאָן, אַפילו דער אויבן - אָניקער. זאָגט דעריבער דעם ליכטיקסטן קיניג, אַז איך בעט זייער און פון גאַנצן האַרצן באַזונדערס דערפאַר, ווייל פּונקט ווי דער ליכטיקסטער קאַרל גוסטאַוו איז מושל אין שוועדן, אַזוי בין איך אין זאַמאָשטש. אָבער אַזוי ווי איר האָט געזען, אַז קיין דינערשאַפט פעלט מיר נישט, דאַרף זיין שוועדישע ליכטיקייט זיין אייגענע דינערשאַפט מיט זיך נישט מיטנעמען. אַנדערש, וואָלט איך געמיינט, אַז ער האַלט מיך פאַר אַ דלפן און וויל מיך מבזה זיין.

— גוט! — האָט זאַגלאָבאַ, וואָס איז געשטאַנען האַרט הינ-טער דעם הער סטאַראָסטעס פּלייצעס, אַ שעפּטשע - געטון.

און דער הער סטאַראָסטע האָט נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּ-געזאָגט זיין דרשה, גענומען אָנבלאָזן דאָס מויל, סאָפּן און איבערחזרן:

— אַ! אָט וואָס! אַ!

פאַרגעל האָט געביסן די וואָנסעס, געשוויגן אַ ווײַלע און לסוף אַזוי געזאָגט:

— דער בולסטער באַווייז פון אומצוטרוי פאַרן קיניג וואָלט עס געווען, ווען דער גנעדיקער הער פּירשט וואָלט זיין חייל נישט באַוויליקט אין פעסטונג אַריינצולאָזן. איך בין דעם קי-ניגס אַן איש - נאמן, איך קען זיינע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען און אַ חוץ דעם האָב איך אַ באַפעל צו דערקלערן אייך, הויך - וויר-דיקער הער, און אין נאָמען פון קיניג מיטן וואָרט גוטצוזאָגן, אַז ער האָט נישט בדעה צו פאַרנעמען אויף תּמיד נישט זאַמאָיסקיס מלוכה און נישט די דאָזיקע פעסטונג. אָבער איצט, ווען די מלחמה האָט אין דאָזיקן גאַנצן אומגליקלעכן לאַנד אויפסניי זיך צעפלאַקערט, ווען די מורדים האָבן דעם קאָפּ אויפגעהויבן און יאַן קאַזשימיעזש, וועלכער רעכנט זיך נישט מיט די צרות, וואָס קאָנען קומען אויף דער רעפּובליק, האָבנדיק אין זין נאָר זיין אייגן

גליק איז ווידער אין די גרענעצן צוריק געקומען און אין חברותא מיט געצנדינער טרעט ער אַרויס קעגן אונזערע קריסטלעכע חיילות, האָט דער נישט בייגעקומענער קיניג און האַר מיינער באַשלאָסן אים צו יאָגן אַפילו ביז צו די טאָטערישע סטעפּעס, מיט דעם איינעם ציל נאָר, כדי צוריקצוגעבן דעם לאַנד זיין רו, די הער־שאַפט פון גערעכטיקייט און דאָס גליק און פרייהייט די בירגער פון דער דאָזיקער הערלעכער רעפּובליק.

דער קאַלושער סטאַראָסטע האָט מיט דער האַנט זיך אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער קני, אָבער ער האָט נישט געענטווערט קיין וואָרט, נאָר זאַגלאָבאַ האָט אַ שעפּטשע־געטאָן:

— די טומאָה אין דער יראה לייגט ער אַריין.

— שוין מיט אַ סך חסדים האָט דער קיניג דאָס דאָזיקע לאַנד מזכה געווען — האָט פאַרגעל ווייטער געזאָגט — אָבער דער ליכטיקסטער קיניג, וועלכער מיינט אין זיין פאָטערלעכער גוט־הארציקייט, אַז ער האָט נאָך נישט גענוג געטאָן, האָט ווידער זיין פרייסישע פּראָווינץ פאַרלאָזט, כדי אים נאָך אַמאָל צו גיין צו הילף, וואָס באַשטייט אין דאַזיגן יאַן קאַזשימיעזשן. כדי אָבער די דאָזיקע נייע מלחמה זאָל זיך גיך און מזלדיק קאָנען אויסלאָזן, איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז זיין קיניגלעכע מאַיעסטעט זאָל צייט־ווייליק פאַרנעמען די דאָזיקע פעסטונג, ווייל זי דאַרף פאַר די חיילות פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט ווערן דער פּלאַץ, פון וועלכן דאָס געיעג אויף די מורדים וועט געמאַכט ווערן. הערנדיק אָבער, אַז דער, וואָס איז דער האַר פון זאַמאָשטש, שטייגט אַלעמען אַרי־בער נישט בלויז מיט עשירות, נישט בלויז מיטן דורות־לאַנגן יחוס, חכמה, גרויסן גייסט, נאָר אויך מיט זיין ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד, האָט דער קיניג און האַר מיינער באַלד געזאָגט: „ער וועט מיך פאַרשטיין, ער וועט קאָנען אָפּשאַצן מיינע כוונות פאַר דער דאָזיקער מדינה, וועט מיין צוטרוי נישט אָפּנאַרן, די האָפנונ־גען דערפילן, צום גליק און רו פון דאָזיקן לאַנד די האַנט צולייגן". פון אייך, האַר, הענגט טאַקע אָפּ דער קינפטיקער גורל פון דאָזיקן פאָטערלאַנד. איר קאָנט ווערן זיין גואל און זיין פאָטער... דערפאַר בין איך נישט משוגע, אַז איר וועט דאָס טאָן. ווער עס האָט אַזאַ

רום פון זיינע אבות געירשנט, דער דאַרף נישט דורכלאָזן די גע־לעגנהייט, אים צו פאַרגרעסערן און אומשטערבלעך צו מאַכן. באמת, איר וועט מער אויפטאָן גוטעס דורך עפענען די טויערן פון דער דאָזיקער פעסטונג, ווי ווען איר וואָלט אַ גאַנצע פראָווינץ צו דער רעפּובליק צו פאַרייניקט. דער קיניג האָפט, אַז אייער אומגעווייג־לעכע חכמה צוגלייך מיט אייער גרויס האַרץ וועלן דערצו נוטה זיין, דערפאַר וויל ער נישט באַפעלן — ער וויל בעטער בעטן; ער דראָט נישט, נאָר שטרעקט אויס זיין האַנט צו פריינטשאַפט. נישט ווי אַ מושל מיט אַן אונטערוואָרפענעם, נאָר ווי אַ תקיף מיט אַ תקיף באַגערט ער צו אונטערהאַנדלען.

דאָ האָט גענעראַל פאָרגעל זיך פאַרנייגט פאַרן הער סטאַ־ראָסטע מיט אַזאַ דרך־ארץ, ווי פאַר אַן אומאָפּהענגיקן מאָנאַרך, און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין זאַל איז אויך שטיל געוואָרן. אַלעמענס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן סטאַראָסטע.

ער ווידער האָט, ווי זיין שטייגער איז, גענומען זיך דרייען אויף זיין באַגילטן שטול, דאָס מויל אָנבלאָזן און אַ שטרענגע מינע ווייזן, לסוף האָט ער די אָרעמס צעשפּרייט, די הענט אויף די קני אָנגעשפּאַרט און וואַרפנדיק מיטן קאָפּ, ווי אַ צעלאָזן פערד, האָט ער אַזוי אָנגעהויבן:

— אָט וואָס! איך בין זייער דאַנקבאַר זיין קיניגלעכער מאַ־יעסטעט פאַר דער הויכער מיינונג וואָס ער האָט וועגן מיין חכמה און וועגן די געפילן פאַרן פאָטערלאַנד. קיין שום זאַך איז מיר אויך נישט אַזוי ליב, ווי די פריינטשאַפט פון אַזאַ מאַכט־האָבער. אָבער איך מיין, אַז מיר וואָלטן זיך פּונקט אַזוי גוט געקאָנט ליב האָבן, ווען זיין קיניגלעכע מאַיעסטעט וואָלט זיך געבליבן אין שטאָקהאָלם, און איך אין זאַמאָשטש — וואָס? ווייל שטאָקהאָלם געהערט צו זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט און זאַמאָשטש איז מיין! וואָס שייך די געפילן פאַר דער רעפּובליק — איז טאַקע אמת! נאָר לויט מיין מיינונג, וועט דער רעפּובליק בעסער זיין נישט דעמאָלט, ווען די שוועדן וועלן אין איר אַריין, נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן פון איר אַרויס. אַוודאַי גלויב איך, אַז זאַמאָשטש וואָלט זיין שוועדישער מאַיעסטעט געקאָנט צוהעלפן צו אַ נצחון איבער

יאַן קאַזשימיעזשן, אָבער איר דאַרפט אויך וויסן, אַז איך האָב נישט זיין שוועדישער מאַיעסטעט, נאָר טאַקע יאַן קאַזשימיעזשן טריישאַפט צוגעשוואוירן, דערפאַר ווינטש איך אים נצחון, און זאַמאָשטש וועל איך נישט געבן! אָט וואָס!

— אָט דאָס הייסט פּאָליטיק! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

אין זאַל האָט זיך דערהערט אַ פריידיק געמורמל, אָבער דער הער סטאַראָסטע האָט זיך מיט די הענט איבער די קני אָקלאַפּ־געטאָן און דאָס דאָזיקע שושקעניש איינגעשטילט.

פּאָרגעל איז צעמישט געוואָרן און האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אײַנטענהן: ער האָט געפּאָדערט, אַביסל געסטראַשעט, געבעטן, געחנפעט. ווי אַ שטראָם האָט פון זײַן מויל זיך געגאָסן די דרשה, אַז טראָפּנס שווייס האָבן אים אַזש דעם שטערן באַפּערלט, אָבער אַלץ אומזיסט, ווײַל נאָך זײַנע בעסטע טענות־ומענות, וואָס זענען אַזוי שטאַרק געווען, אַז זיי האָבן אַ וואַנט געקאָנט רירן, האָט ער אַלץ געהערט די אײַנע תשובה:

— און איך וועל זאַמאָשטש דאָך נישט געבן, אָט וואָס!

די אוידיענץ האָט זיך שוין געהאַט צו לאַנג פאַרצויגן, צום סוף איז זי פאַר פּאָרגעלן געוואָרן לעסטיק און שווער, ווײַל אַ הייטערקייט האָט אַרומגענומען די בייגעוועזענע. וואָס אַמאָל אָפטער איז געפאַלן עפּעס אַ וואָרט, עפּעס אַ ליצנות, דאָ פון זאַגלאָבאַס מויל, דאָ פון אַנדערע מײַלער, נאָך וועלכע ס׳האָט זיך אין זאַל דערהערט אַ געשטיקט געלעכטער. פּאָרגעל האָט לסוף אײַנגעזען, אַז מען דאַרף אָנווענדן די לעצטע מיטלען, ער האָט דעריבער אויפגעוויקלט דעם פּערגאַמענט מיט די חתימות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און אויף וועלכן קיינער האָט ביז איצט קיין אַכט נישט געלייגט, און אויפשטעלנדיק זיך האָט ער געזאָגט מיט אַ פייערלעכער, דײַטלעכער שטים.

— פאַר עפנען די טויערן פון דער פעסטונג שענקט זײַן קעניגלעכע מאַיעסטעט (דאָ האָט ער ווידער לאַנג אויסגערעכנט די טיטולן) אײַער פירשטלעכער מאַיעסטעט די לובלינער וואָיעוודזטווע אויף דור ־ דורות אַרויס!

הערנדיק דאָס זענען אַלע נבהל־ונשתומם געוואָרן, ס׳איז אויף אַ ווײַלע נבהל־ונשתומם געוואָרן אויך דער הער סטאַראָס־טע. פאָרגעל האָט שוין געגומען נצחונדיק זיך אַרומקוקן אויף אַלע זײַטן, אָבער מיט אַמאָל האָט הער זאַגלאָבאַ, וועלכער איז געשטאַ־נען האַרט הינטער דעם סטאַראָסטע, אין דער טיפער שטילקייט זיך צו אים אָנגערופן אויף פויליש:

— שענקט דערפאַר נידערלאַנד דעם שוועדישן קיניג.

דער הער סטאַראָסטע האָט זיך לאַנג נישט מיישב געווען, אַ זעץ־געטון מיט דער האַנט אין די זײַטן און אויפן גאַנצן זאַל אַרויסגעפּלאַצט אין לאַטיין:

— און איך שענק נידערלאַנד זײַן שוועדישער מאַיעסטעט!

אין דער אותו־רגע האָט דער זאַל זיך צעהילכט מיט אַ מעכטיקן געלעכטער. ס׳האָבן זיך גענומען טרייסלען די בײַכער און די גאַרטלען אויף די בײַכער; אַ טייל האָט געפּאַטשט אין די הענט, אַנדערע האָבן זיך געקאַטשעט ווי די שיכורים, נאָך אַנדערע האָבן זיך אָנגעלענט אויף די שכנים. און דאָס געלעכטער האָט כסדר געהילכט. פאָרגעל איז געווען בלאַס; ער האָט בייז געקנייטשט די ברעמען, אָבער געוואַרט, מיט אַ פייער אין די שוואַרץ־אַפּלען און מיט אַ גדלותדיק אויפגעהויבענעם קאָפּ. צום סוף, ווען דער געלעכטער־אויסברוך איז געווען אַריבער, האָט ער געפרעגט מיט אַ קורצער, אָפּגעהאַקטער שטים:

— איז דאָס אײַער לעצטע תשובה, הויכווירדיקער הער?

דערויף האָט דער הער סטאַראָסטע אַ דריי־געטאָן די וואָנס.

— ניין! — האָט ער געענטפערט, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ מיט נאָך מער גדלות — ווײַל כ׳האָב האַרמאַטן אויף די מויערן!

די שליחות איז געווען געענדיקט.

מיט אַ שעה צוויי שפּעטער האָבן אַ דונער־געטאָן די האַרמאַטן פון די שוועדישע פאַרשאַנצונגען, און זאַמאָיסקיס האַר־מאַטן האָבן זיי אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער קראַפט. גאַנץ זאַמאָשטש האָט זיך באַדעקט מיט רויך, ווי מיט אַ ריזיקער כמאַרע, נאָר פון צייט צו צייט האָט געבליצט אין דער דאָזיקער כמאַרע

און ס'האָט געקראַכט אַן אומאויפהערלעכער דונער. באַלד האָט אָבער גובר געווען דאָס פייער פון די שווערע פעסטונג־קאַנאָנען. די שוועדישע קוילן זענען געפאַלן אין גרוב אָדער זיך אָפּגעשלאָגן אָן פּעולה אין די מעכטיקע ווינקלען; פאַרנאַכט האָט דער שונא געמוזט זיך צוריקציען פון די נענטערע פאַרשאַנצונגען, ווייל די פעסטונג האָט זיי פאַרשאָטן מיט אַזאַ קוילן־האָגל, אַז קיין שום לעבעדיקער נפש האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן. מלא־רציחה, האָט דער שוועדישע קיניג געהייסן אונטערצינדן אַלע אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, אַזוי אַז די סביבה האָט אויסגעזען ביינאַכט ווי איין ים פייער, אָבער דעם הער סטאַראָסטע האָט דאָס אַפילו נישט געאַרט.

— גוט — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי ברענען! מיר האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָבער זיי וועט גיך אין קאָלנער אַרייננריגען.

און ער איז אַזוי געווען צופרידן פון זיך אַליין און אַזוי מלא־שמחה, אַז נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט ער געפּראַוועט אַ סעודה און ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ כוסע פאַרבראַכט. אַ רוישיקע קאַפּעלע האָט צוגעשפּילט אַזוי הויך, אַז נישט געקוקט אויפן געקנאַל פון די האַרמאַטן האָט מען זי געהערט אַזש אין די ווייטסטע שוועדישע פאַרשאַנצונגען.

אָבער אויך די שוועדן האָבן געשאָסן עקשנותדיק, און אַפילו אַזוי עקשנותדיק, אַז דאָס פייער האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס זענען דעם קיניג אָנגעקומען נייע האַרמאַטן, און קוים האָט מען זיי אויף די פאַרשאַנצונגען אַרויפגעצויגן האָבן זיי שוין גענומען אַרבעטן קעגן דער פעסטונג. דער קיניג האָט אמת נישט געהאָפּט צו צעשמעטערן די מויערן, ער האָט נאָר געוואָלט איינפלאַנצן אין סטאַראָסטע די איבערצייגונג, אַז ער האָט באַשלאָסן צו שטורמען פאַרביטערט און אומדערבאַרמיק. ער איז אויסן געווען אָנצוואַרפן אַן אימה; אָבער קיינער איז פון איר נישט נתפעל געוואָרן. דער הער סטאַראָסטע האָט קיין איין רגע אין איר נישט געגלויבט און אָנווייזנדיק אָפּט אויף די מויערן, פלעגט ער זאָגן בעת דער גרעסטער שיסעריי:

— צו וואָס מאַכן זיי קאַליע דעם פולווער?!

דער הער וואָלאָדיאָווסקי און אַנדערע אָפיצירן האָבן זיך געבעטן אויף אַן ארויספאַל, אָבער דער הער סטאַראָסטע האָט נישט דערלויבט, ער האָט פשוט נישט געוואָלט אומזיסט בלוט פאַרגיסן. ער האָט איבעריקנס געוווסט, אַז מען וואָלט אודאי געמוזט פירן אַן אָפענע, שלאַכט, ווייל אַזאַ קלוגער מלחמה-מאַן, ווי דער שוועדישער קיניג און אַזאַ אויסגעבילדעטע אַרמיי וועלן זיך נישט לאָזן אומגעריכט באַפאַלן. זעענדיק דעם סטאַראָסטעס איינגעשפּאַרטן באַשלוס אין דעם פּרט, האָט זאַגלאָבאַ ערשט רעכט פאַרלאַנגט אַן אַרויספאַל און גוט-געזאָגט, אַז ער וועט אים אַליין אונטערנעמען.

— צו בלוט-גיריק זענט איר — האָט הער סאָביעפאַן גע-ענטפערט — אונז איז גוט, די שוועדן איז שלעכט, צו וואָס זאָלן מיר גיין צו זיי? איר קאָנט פאַלן און איר זענט מיר נויטיק אַלס בעל-יועץ, ווייל אַ דאַנק אייער המצאה האָב איך דאָס פאָרגעלן אַזוי צעטומלט, דערמאָנענדיק וועגן נידערלאַנד.

הער זאַגלאָבאַ האָט געענטפערט, אַז ער קאָן אין די מויער נישט אויסהאַלטן, אַזוי ציט עס אים צו די שוועדן, אָבער ער האָט געמוזט פאָלגן.

ניט האָבנדיק קיין אַנדערע באַשעפטיקונג, האָט ער דערייבער די צייט אויף די מויערן צווישן די זעלנער פאַרבראַכט, געבנדיק מיט חשיבות עצות און אָנווייזונגען, וועלכע זענען דורך אַלעמען אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס דרך-ארץ, ווייל זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ זייער אויסגעפּרוווטן מלחמה-מאַן און פאַר איינעם פון די בעסטע אין דער רעפּובליק. און ער האָט זיך אין האַרצן געפרייט, קוקנדיק אויף די פאַרטיידיקונג און אויפן ריטערלעכן מוט.

— הער מיכאל — האָט ער געזאָגט צו וואָלאָדיאָווסקין — אַן אַנדערער גייסט באַלעבט שוין די רעפּובליק און די שלאַכטע, אַנדערע צייטן. קיינער טראַכט שוין נישט וועגן בגידה און וועגן אונטערגעבן זיך, און יעדער איז פון איבערגעגעבנקייט צו דער רעפּובליק און מאַיעסטעט גיכער גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, איידער אויף איין שריט פאַרן שונא אָפּצוטרעטן. געדענקסט, ווי מ׳האָט מיט אַ יאָר צוריק פון אַלע זייטן געהערט: דער האָט בוגד

געווען, יעגער האָט אָנגענומען שוץ און היינט נויטיקן זיך שוין מער די שוועדן אין אונזער שוץ, און אויב דער טייוול וועט זיי ניט באַשיצן, וועט ער זיי אינגיכן נעמען. ווייל מיר האָבן דאָ אַזעלכע פולע בייכער, אַז מ׳וואָלט געקאָנט אויף זיי פויקן, זיי ווי־דער טריקנט דער הונגער די בעבעכעס אויס און צעדרייט זיי אויף בייטשן.

דער הער זאַגלאָבאַ איז געווען גערעכט. די שוועדישע אַרמיי האָט ניט געהאַט מיט זיך קיין לעבנס־מיטל־זאַפּאַסן און פאַר די אַכצן טויזנט מענטשן, ניט רעכענענדיק די פערד, איז ניט געווען פון וואַנען זיי צו נעמען, ווייל דער הער סטאַראָסטע האָט נאָך פאַרן אָנקומען פון שונא אַראָפּגעבראַכט פון אַלע זייגע גיטער אויף אַ צוואָנציק מייל אַרום דער פעסטונג די פאַשע פאַר מענטשן און פאַר פערד. אין די ווייטערע געגנטן פון לאַנד האָבן געווימלט מחנות פון די קאָנפעדעראַטן, קופּעס פון באַוואָפנטע פויערים, אַזוי, אַז די אָפּטיילונגען האָבן פון לאַגער ניט געקאָנט אַרויס נאָך לעבנסמיטלען, ווייל הארט הינטערן לאַגער האָט אויף זיי געוואַרט אַ זיכערער טויט.

דערצו נאָך איז הער טשאַרניעצקי נישט אַוועק אויף יענער זייט ווייסל, נאָר זיך ווידער געדרייט נעבן דער שוועדישער אַרמיי, ווי אַ ווילדע חיה נעבן אַ שעפסן־סטאַדע. ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן נאַכט־אַלאַרמען, אַ פאַרפאַלן־ווערן פון קלענערע אָפּטיילונגען אָן שום ידיעות. נעבן קראַשניק האָבן זיך באַוויזן עפּעס פוילישע חיילות, וועלכע האָבן די קאָמוניקאַציע מיט דער ווייסל דורכגעשניטן. צום סוף איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז הער פּאַוועל סאַפּיעהאַ גייט פון צפון מיט אַ מעכטיקער ליטווישער אַרמיי, אַז אויפן וועג האָט ער אגב־אורחא פאַרטיליקט דעם גאַרניזאָן אין לובלין, גענומען לובלין און איילט פון דאָרט קיין זאַמאָשטש.

עס האָט געזען די גאַנצע שוידערלעכקייט פון דער לאַגע דער גרעסטער בעל־נסיון פון די שוועדישע פירער, דער אַלטער וויטעמבערג און אָפן זי פאָרגעשטעלט דעם קיניג.

— כ'ווייס — האָט ער געזאָגט — אַז די חכמה אייער קי־ניגלעכער מאַיעסטעט קאָן נסים באַווייזן, אָבער געמענדיק די זאַך מענטשלעך, וועט דער הונגער אונז פאַרפייניקן, און אַז דער שונא וועט אויף פאַרמאַטערטע זיך וואַרפן, וועט קיין שריד־ופליט פון אונז נישט בלייבן.

— ווען איך וואָלט געהאַט די דאָזיקע פעסטונג — האָט דער קיניג געענטפערט — וואָלט איך אין צוויי חדשים די מלחמה גע־ענדיקט.

— פאַר אַזאַ פעסטונג איז אַ יאָר באַלאַגערונג צו ווייניק.

דער קיניג האָט אין האַרצן גערעכט געגעבן דעם אַלטן מלחמה־מאַן, ער האָט זיך נאָר נישט פאַר אים מודה געווען אין דעם, אַז ער זעט אַליין אויך נישט קיין מיטלען, אַז זיין חכמה איז אויסגעשעפּט.

אָבער ער האָט נאָך געהאָפט אויף עפּעס אַן אומגעריכטן פאַל — ער האָט דעריבער געהייסן שיסן בייטאָג און ביינאַכט.

— כ'וועל דעם מוט אין זיי אונטערדריקן, וועלן זיי גיכער וועלן אונטערהאַנדלען — האָט ער געזאָגט.

נאָך אַ פּאָר טעג שיסן אַזוי פאַרביטערט, אַז מ'האָט די ליכ־טיקע שיין פון הינטער דעם רויך נישט אַרויסגעזען, האָט ער פאַר־געלן ווידער געשיקט אין פעסטונג.

— דער קיניג און האַר מיינער — האָט דער גענעראַל גע־זאָגט, שטעלנדיק זיך פאַרן סטאַראָסטע — רעכנט דעריף, אַז די הזיקות, וואָס זאַמאָשטש האָט געמוזט ליידן פון אונזערע האַרמאַטן, וועלן ווייכער מאַכן אייער האַרץ, גנעדיקער הער פירשט, און באַ־וועגן אים צו אונטערהאַנדלונגען

דעריף האָט הער זאַמאָיסקי געענטפערט:

— אודאי! יאָ!.. הזיקות זענען פאַראַן... פאַרוואָס זאָלן זיי ניט זיין! איר האָט דערהרגעט אַ חזיר אויפן מאַרק, וועלכן אַ שפּליטער פון אַ גראַנאַט האָט אין בויך אַריינגעטראָפן. שיסט נאָך אַ וואָך. אפשר וועט איר דערהרגענען אַ צווייטן...

פאַרגעל האָט די דאָזיקע תשובה אַוועקגעטראָגן דעם קיניג.

אין אָוונט איז ווידער פאַרגעקומען אַ באַראַטונג אין דער קיניג־

לעכער קוואַרטיר און צוזאַרגנס האָבן די שוועדן גענומען פּאַקן די געצעלטן אויף די וועגנס און אַראָפּשלעפּן די האַרמאַטן פון די פאַרשאַנצונגען... און ביינאַכט האָט דאָס גאַנצע חייל זיך גערירט.

זאַמאָשטש האָט זיי נאָכגעקנאַלט פון אַלע האַרמאַטן, און ווען זיי זענען שוין געווען געוואָרן פון די אויגן, זענען דורכן דרומדיקן טויער אַרויס צוויי פּאָלקן און זיי נאָכגעגאַנגען.

די שוועדן האָבן מאַרשירט צו דרום - צו. וויטעמבערגס עצה איז אמת געווען אומצוקערן זיך צו וואַרשע - צו און מיט אַלע כוחות האָט ער איבערצייגט, אַז דאָס איז דער אייגציקער וועג פון אויסלייזונג, אָבער דער שוועדישער אַלעקסאַנדער האָט באַשלאָסן דוקא צו פאַרפאָלגן דעם פוילישן דאַריוס ביז צו די לעצטע עקן פון דער מלוכה.

4. קאַפּיטל

דער פרילינג פון יענעם יאָר איז געגאַנגען אין ווונדערלעכע דרכים, ווייל בעת אין צפון פון דער רעפובליק זענען שוין צעגאַנגען די שנייען און ס׳האָבן געלאָזט די פאַרגליווערטע טייכן, און דאָס גאַנצע געביט האָט געפלייצט מיט מערץ - וואַסער, איז אין דרום אויף די פעלדער, אויף די וואַסערן און וועלדער נאָך געגאַנגען פון די בערג דער אייזיקער הויך פון ווינטער. די וועלדער זענען געווען פאַרשאָטן מיט שניי, די פאַרפרוירענע וועגן האָבן געסקריפעט אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד, די טעג זענען געווען טרוקענע, די שקיעות רויטע, און די נעכט אויסגעשטערנטע און פראָסטיקע. דאָס פאָלק, וואָס איז געזעסן אויף דער פרוכפערדיקער ליימיקער ערד, אויף דער שוואַרצער ערד און אויף די פעלדער פון קליין - פוילן, האָט זיך געפרייט איבער דעם, וואָס די קעלטן האַלטן אַזוי לאַנג אָן, טענהנדיק, אַז עס וועלן פון זיי אויספגרן די פעלד - מייז און די שוועדן. אָבער דער פרילינג, אויף וויפיל ער האָט זיך פאַרשפעטיקט, אויף אַזוי פיל איז ער דערנאָך אָנגעקומען אַזוי פלוצלינג, ווי אַ פאַנצער - פאָלק, וואָס גייט צו דער אַטאַקע

אויפן שונא. די זון האָט פון הימל געשפריצט מיט גליענדיקן פייע און צוגלייך דערמיט האָט געפּלאַצט די ווינטערדיקע הויט; פון די אונגאַרישע סטעפּעס איז אָנגעפלויגן אַ גרויסער און וואַרעמער ווינט און ער האָט גענומען הויכן אויף די לאָנקעס, פעלדער און וועלדער. באַלד האָט אין מיטן פון די לייכטנדיקע קאַלוזשעס אַ־ רויסגעשוואַרצט די אַקערדיקע ערד, די גרינע ווינטער = זריעה אי־ גיך אויפגעגאַנגען אויף די נידריקע ברעגעס פון די טייכן, און די וועלדער האָבן גענומען ווייגן מיט טרערן פון די אויפגעטייעטע אייז = צאַפּנס.

אויף דעם כסדר לויטערן הימל האָט מען טאָג = טעגלעך געזען שנורן פון זשוראַוולעס, ווילדע קאַטשקעס, קריך = קאַטש־ קעס, און גענז. עס זענען אָנגעפלויגן באָטשאַנעס אויף די פּאַראַ־ אָריקע רעדער, און די דאַך = בוידעמס זענען פול געוואָרן מיט חמרים שוואַלבן, ס'האָט זיך דערהערט אַ געצוויטשער פון פייגל ביי די דערפער, אַ געפּילדער איבער די וועלדער און סטאַוון, און אין די אָוונטן האָט דאָס גאַנצע לאַנד געהילכט פון אַ קוואַקן און שרייען פון פרעש, וואָס האָבן נחתדיק אַרומגעשווימען אין וואַסער.

דערנאָך זענען געקומען גרויסע און ווי אָנגעוואַרעמטע רעגנס און זיי זענען געפאַלן ביי טאָג, געפאַלן ביי נאַכט, אָן אויפהער.

די פעלדער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָזערעס, די טייכן זענען איבערגעגאַנגען, די דורכגאַנג = שטעלן אין די טייכן זענען פאַרגאָסן געוואָרן, די וועגן זענען געוואָרן בלאָטיק און שליימיק גישט צום דורכגיין.

אין די דאָזיקע וואַסערן, בלאָטעס און זומפּן האָבן זיך אַליין צו דרום = צו געשלעפּט די שוועדישע חיילות.

אָבער ווי ווייניק איז די דאָזיקע מאַסע, וואָס איז געגאַנגען ווי צום טויט, ענלעך געווען אויף יענע הערלעכע אַרמיי, וועלכע האָט בשעתו אונטער וויטעמבערגס קאָמאַנדע אַריינמאַרשירט קיין קליין = פּוילן. דער הונגער האָט אַרויפגעדריקט בלאָע שטעמפּלע אויף די פּנימער פון די אַלטע זעלנער; זיי זענען געגאַנגען, מעני

ענלעך אויף געשפּענסטער, ווי אויף מענטשן, פּאַרצאָגטע, פאַרמאַטערטע, נישט אויסגעשלאָפענע, וויסנדיק אַז אין סוף וועג וואַרט אויף זיי נישט קיין עסן, נאָר הונגער, נישט קיין שלאָף, נאָר אַ שלאַכט, און אויב אַן אָפּרו, איז נאָר דער אָפּרו פון טויט.

די אין אייזן אָנגעטוענע סקעלעטן פון די רייטער זענען געזעסן אויף סקעלעטן פון פערד. די פוס־גייער האָבן קוים די פיס געשלעפּט, קוים מיט די ציטערדיקע הענט געקאָנט דערהאַלטן די שפּיזן און ביקסן. אַ טאָג איז פאַרגאַנגען נאָך אַ טאָג, זיי זענען אַלץ געגאַנגען פאָרויס. די פורן האָבן זיך געבראָכן, די האַרמאַטן זענען געבליבן שטעקן אין די זומפּן; זיי זענען געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך, אַז צייטנווייז האָבן זיי דורך אַ גאַנצן טאָג קוים אַ מייל באַוויזן דורכצוגיין. די קראַנק האָבן זיך געוואָרפן אויף די זעלנער, ווי די ראָבן אויף אַ מת; אַ טייל האבן געקלימפּערט מיט די ציין פון פיבער, אַנדערע האָבן פון אָפּגעשוואַכקייט זיך פשוט געלייגט אויף דער ערד, ווילנדיק בעסער שטאַרבן, איידער גיין ווייטער.

אָבער דער שוועדישער אַלעקסאַנדער האָט אַלץ פאַרפאָלגט דעם פוילישן דאַריוס.

גלייכצייטיק אָבער איז ער אַליין געוואָרן פאַרפאָלגט. פּונקט ווי נאָך אַ קראַנקן באַוואָל גייען ביינאַכט שאַקאַלן, וואַרטנדיק, אַז ער וועט באַלד פאַלן איבער די פיס, און ער ווייסט, אַז ער וועט פאַלן און הערט שוין דאָס געהייל פון דער הונגעריקער סטאַדע, אַזוי זענען אויך הינטער די שוועדן געגאַנגען „פּאַרטיעס״ פון שלאַכטע און פויערים, צוטרעטנדיק וואָס אַמאָל נענטער, באַפאַלנדיק און ארומפליקנדיק וואָס אַמאָל עזותדיקער.

לסוף איז אָנגעקומען דער שרעקלעכסטער פון אַלע, טשאַרניעצקי, און ער איז געגאַנגען האַרט הינטער זיי. די הינטערשטע שוועדישע וואַכן, וויפיל מאָל זיי האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן זיי שטענדיק געזען רייטער, צייטנווייז אויפן עק פון האָריזאָנט, צייטנווייז אויף אַ מהלך פון אַ הונדערט פופציק שריט, צייטנווייז אויף אַ מרחק פון צוויי ביקסן־שאָסן, ווען ער האָט אַטאַקירט, הינטערן רוקן.

דער שונא האָט געוואָלט די שלאַכט. מיט פאַרצווייפלונג האָבן די שוועדן וועגן איר מתפלל געווען צום אלהי־צבאות, אָבער טשאַרניעצקי האָט קיין שלאַכט נישט אויפגענומען, ער האָט געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר, דערווייל האָט ער בעסער געוואָלט פליקן אָדער נאָכלאָזן איינצלנע פאַרטיעס, ווי סאָקאָלן אויף וואַסער־פייגל.

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען איינער הינטערן אַנדערן. עס זענען אָבער געווען מאָמענטן אין וועלכע דער קיעווער קאַשטאַלאַן האָט געמיטן די שוועדן, ארויסגערוקט זיך פאָרויס און דורכגעשניטן זיי דעם וועג, סימולירנדיק אַז ער שטעלט זיך צו דער גאַנעראַל־שלאַכט. דעמאָלט האָבן די טראָמפּייטן פריידיק געשאַלט פון איין עק שוועדישן לאַגער אין צווייטן און ווי בדרך־נס האָבן נייע כוחות, אַ נייער גייסט ווי באַלעבט די פאַרמאַטערטע רייען פון די סקאַנדינאַווישע חיילות, קראַנקע, דורכגעווייקטע, אָפּגעשוואַכטע, אויף געבעכדיקע ברואים ענלעכע, האָבן זיי זיך מיט אַמאָל געשטעלט צו דער שלאַכט מיט פלאַמעדיקע פנימער, מיט אַ פייער אויף די שוואַרץ־אַפּלען. די שפּיזן און ביקסן האָבן זיך באַוויזן מיט אַזאַ פלינקייט, ווי אייזערנע הענט וואָלטן זיי געהאַלטן, מלחמה־געשרייען האָבן אָפּגעהילכט אַזוי הויך, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון די געזונטסטע ברוסטן און זיי זענען געגאַנגען פאָרויס, כדי מיט ברוסט קעגן ברוסט צו קעמפן.

הער טשאַרניעצקי האָט בכן אנגעגריפן איינמאָל און אַ צווייט מאָל, אָבער אַז די האַרמאַטן האָבן גענומען דונערן, האָט ער די חיילות צוריקגעצויגן אין די זייטן, איבערלאָזנדיק די שוועדן אַלס ריווח נאָר אַן אומזיסטע טרחא, נאָר אַ גרעסערע אַנטוישונג און נידערגעשלאָגנקייט.

דערפאַר אָבער דאָרט, וווּ די האַרמאַטן האָבן נישט באַוויזן צו דער רעכטער צייט אָנצוקומען, און אין אָפענעם פעלד האָבן די שפּיזן און ביקסן געזאָלט אַנטשיידן, דאָרט האָט ער אָנגעגריפן ווי אַ דונער, ווייסנדיק, אַז אין האַנט־געפעכט וועט די שוועדישע קאַוואַלעריע אַפילו די פּריוויליקע נישט קאָנען זיך אַקעגנשטעלן.

און ווידער האָט וויטעמבערג זיך באַמיט צו פּועלן ביים קי־ניג, אַז ער זאָל זיך צוריקציען, אַז ער זאָל זיך און דאָס חייל נישט אומברענגען, אָבער ער האָט אַלס תשובה דערויף פאַרביסן די ליפּן, געשאָטן מיט פייער פון די אויגן און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דרום, וווּ ער האָט אין די רייסישע מדינות זיך גע־ריכט צו טרעפן יאַן קאַזשימיעזשן, אָן אָפן פעלד צו נצחונות, אָפּ־רו, לעבנסמיטלען, פאַשע פאַר פערד און אַ רייכן שלל.

דערווייל, ווי אַ צולאָג צום אומגליק, האָבן יענע פּוילישע פאָלקן, וועלכע האָבן אים ביז אַהער געדינט און נאָר איצט גע־קאָנט ווי עס איז שטעלן אַ ווידערשטאַנד טשאַרניעצקיס אָנגריפן, גענומען פאַרלאָזן די שוועדן. דער ערשטער האָט געדאַנקט פאַר דער דינסט הער זבראָזשעק, וועלכן ס׳האָט ביז איצט געהאַלטן ביי קאַרלן נישט דער חשק צום פאַרדינסט, נאָר די בלינדע צוגעבונדנ־קייט צום פאָלק און זעלנערישע טריישאַפט. ער האָט געדאַנקט אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט אָפּגעפליקט מילערס דראַגונער־פאָלק, אַ העלפט מענטשן אויסגעקוילעט און איז אַוועק. נאָך אים האָט אָפּגעדאַנקט הער קאַלינסקי, אַריבערפאָרנדיק איבער די שווע־דישע פוס - גייער. סאַפּיעהאַ איז געוואָרן וואָס אַ טאָג מער אָנגע־כמורעט, עפּעס האָט ער טיף אין האַרצן געדריקט. עפּעס געוועבט, אַליין איז ער ביז איצט נישט אַוועקגעגאַנגען, אָבער די מענטשן זענען אים טאָג - טעגליך אַנטלאָפן פון פאָלק.

קאַרל גוסטאַוו איז געגאַנגען דורך נאַראָל, טשעשאַנאָוו און אָלעשיצע, כדי זיך צוצוקריגן צום סאַן. ס׳האָט אים אונטערגע־האַלטן די האָפענונג, אַז יאַן קאַזשימיעזש וועט אים פאַרלויפן דעם וועג און אַ שלאַכט פאַרפירן. נאָך האָט אַ נצחון געקאָנט דעם גורל פון די שוועדן פאַרבעסערן און אַ שנוי פון מזל גורם זיין. ס׳האָבן זיך טאַקע דערטראָגן קלאַנגען, אַז יאַן קאַזשימיעזש האָט אַרויס־מאַרשירט פון לעמבערג מיטן גרענעץ - חייל און די טאָטערס. אָבער קאַרל האָט זיך אין זיינע חשבונות אָפּגענאַרט, ווייל יאַן קאַזשי־מיעזש האָט בעסער געוואָלט וואַרטן אויפן קאָנצענטרירן זיך פון די חיילות און אויפן אָנקומען פון דער ליטווישער אַרמיי אונטער סאַפּיעהאַס קאָמאַנדע. דאָס פאַרשלעפּן איז געווען זיין בעסטער

אַר'בינדעטער, ווייל זיינע כוחות זענען געוואַקסן מיט יעדן טאָג, קאַרל ווידער איז מיט יעדן טאָג שוואַכער געוואָרן.

— דאָס גייט נישט קיין חייל, נישט קיין אַרמיי, נאָר אַ לויה! — האָבן געזאָגט די אַלטע זעלנער אין קאַזשימיעזשס סביבה.

דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון אַ סך שוועדישע אָפיצירן.

דער קיניג אַליין האָט נאָך איבערגעחזרט, אַז ער גייט קיין לוווו, אָבער ער האָט גענאַרט זיך מיט זיינע מענטשן. ניט קיין לוווו האָט ער געדאַרפט גיין, נאָר וועגן זיין אייגענע רעטונג טראַכטן. איבעריקנס איז אויך דאָס געווען אומזיכער, צי יאַן קאַזשימיעזש געפינט זיך אין לוווו, און יעדנפאַלס האָט ער זיך געקאָנט צוריקציען אַזש העט אויף פּאָדאָל און אַרויספירן הינטער זיך דעם שונא אין די ווייטע סטעפּעס, אויף וועלכע די שוועדן וואָלטן אומגעקומען אָן רעטונג.

דוגלאַס איז אַוועק קיין פּשעמישל פּרוּוון, צי לפּחות די דאָזיקע פעסטונג וואָלט זיך ניט געלאָזט פאַרנעמען און ער איז צוריקגעקומען נישט בלויז מיט גאָרנישט, נאָר אָן אַרומגעציפּטער. די קאַטאַסטראָפע האָט אָנגערוקט לאַנגזאַם, אָבער אומדערבאַרמיק. אַלע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען אין שוועדישן לאַגער, זענען נאָר געווען איר אָנזאָג. און יעדן טאָג זענען אָנגעקומען נייע, וואָסאַמאָל אימהדיקערע.

— סאַפּיעהאַ גייט, ער איז שוין אין טאָמאַשאָוו! — האָט מען אין איין טאָג איבערגעחזרט.

— הער לובאָמירסקי שטראָמט פון פּאָדגוזשע מיט מיליטער און בערג = לייט! — האָט מען צומאָרגנס געזאָגט.

און דערנאָך ווידער:

— דער קיניג פירט דאָס גרענעץ = חייל און הונדערט טויזנט טאָטערס! ער האָט מיט סאַפּיעהאַן זיך פאַראייניקט!

עס זענען צווישן די דאָזיקע „אַוויזן פון מפּלות און טויט" געווען נישט ריכטיקע און איבערגעטריבענע אָבער זיי האָבן אַלע פאַרשפּרייט אַ בהלה. דער מוט אין דער אַרמיי איז געפאַלן. אַנומעלט, ווען קאַרל בכבודו ובעצמו פלעגט זיך באַווייזן פאַר די

פאַלקן, פלעגט מען אים באַגריסן מיט אויסגעשרייען, אין וועלכע ס'האָט געקלונגען אַ האָפנונג אויף נצחון, איצט זענען די פאַלקן פאַר אים געשטאַנען טויבע און שטומע. ביי די פייער - הויפנס האָט דער אויסגעהונגערטער און צום טויט פאַרמאַטערטער זעלנער מער געשעפטשעט וועגן טשאַרניעצקין, ווי וועגן אייגענעם קיניג. מ'האָט אים געזען אומעטום. און אַ פלאַדיקע זאַך! אויב ס'איז אין משך פון אַפּאָר טעג ניט אומגעקומען קיין איין אָפּטיילונג, אויב אַפּאָר נעכט זענען אַריבער אָן אַלאַרמען, אָן אויסגעשרייען: „אַלאַ!" און „שלאָג הרגע!" איז די אומרויקייט נאָך גרעסער געוואָרן.

—טשאַרניעצקי איז אַנטקומען, גאָט ווייסט, וואָס ער גרייט־צו! — האָבן די זעלנער אַ'בערגעחזרט.

קאַרל האָט אַפּאָר טעג זיך אויפגעהאַלטן אין יאַראָסלאַוו, ווו ער האָט זיך מיישב געווען, וואָס ער זאָל טאָן. פאַר דער דאָ־זיקער צייט האָט מען אויף שיפלעך אָנגעלאָדנט די קראַנקע זעל־נער, וואָס זענען אין לאַגער געווען לרוב אין מיטן טייך אַרויסגע־שיקט קיין סאַנדאָמיעזש, ווי צו דער נאָענטסטער באַפעסטיקער שטאָט, וואָס איז נאָך געבליבן אין די שוועדישע הענט. נאָכן פאַרענדיקן די נייע אַרבעט, ווען עס זענען גראָד אָנגעקומען די ידיעות וועגן יאַן קאַזשימיעזשס אַרויסמאַרשירן פון לעמבערג, האָט דער שוועדישער קיניג באַשלאָסן צו דערגיין, ווו יאַן קאַזשימיעזש געפינט זיך באמת.

צו דעם צוועק איז פאַלקאָוויק קאַנעבערג מיט טויזנט ריי־טער אַריבער דעם סאַן און זיך געלאָזט צו מזרח - צו.

ס'קאָן זיין, אַז דער גורל פון דער מלחמה און פון אונז אַלעמען ליגט אין דיינע הענט — האָט דער קיניג ביים געזעגע־נען זיך צו אים געזאָגט.

און באמת איז זייער אַסך אָפּהענגיק געווען פון דער דאָ־זיקער אָפּטיילונג, ווייל אין ערגסטן פאַל האָט קאַנעבערג געדאַרפט פאַרזאָרגן דעם לאַגער מיט פּראָוויאַנט; אין פאַל אָבער, ווען ער וואָלט אויף זיכער אויסגעשפירט, ווו יאַן קאַזשימיעזש געפינט זיך, האָט דער שוועדישער קיניג געזאָלט תיכף מיט דער גאַנצער מאַכט מאַרשירן אַקעגן „פוילישן דאריוס", צעקלאַפּן זיינע חיילות און אַז

עס וועט זיך לאָזן, איז אויך איבּ אַליין אין די הענט אַריינקריגן.

מ׳האָט קאַנעבּערגן בּכן געגעבן די טיכטיקסטע זעלנער און די בּעסטע פערד. מ׳האָט שטאַרק איבּערגעקליבּן, בּאַזונדערס דערפאַר, ווייל דער פּאָלקאָווניק האָט נישט געקאָנט נעמען מיט זיך נישט קיין פוס־גייער, נישט קיין האַרמאַטן, ער האָט דעריבּער געמוזט האָבּן אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן אין אָפּענעם פעלד מיט דער שווערד אין דער האַנט קאָנען שטעלן אַ ווידערשטאַנד די פּוילישע רייטער.

דעם 20. מערץ איז די אָפּטיילונג אַרויסגעגאַנגען. ווען זיי זענען אַריבּערגעגאַנגען דורך דער בּריק, האָבּן אַ סך אָפיצירן און זעלנער זיך מיט זיי געזעגנט בּיים בּריקן־קאָפּ. „זאָל אייך גאָט פירן! זאָל אייך גאָט געבּן אַ נצחון! זאָל אייך גאָט געבּן אַ בּשלומדיקן צוריקקער!״ און זיי זענען געגאַנגען אין אַ לאַנגער ריי, ווייל זיי זענען דאָך געווען טויזנט מאַן, און געגאַנגען זענען זיי צו צוויי אין אַ שורה, איבּער אַ פרישׂ אויסגעפּאַרטיקטער בּריק, וואָס איין טייל אירע, אַ נאָך נישט פאַרענדיקטע, איז ווי עס איז בּאַדעקט געוואָרן מיט בּרעטער, כּדי זיי זאָלן נאָר קאָנען אַריבּערגיין.

אַ גוטע האָפענונג האָט זיי געלויכטן אויף די פּנימער, ווייל זיי זענען געווען אויסנאַמסווייז זאַט. מ׳האָט בּיי אַנדערע אַוועקגענומען און זיי געגעבּן צו עסן און בּראָנפן האָט מען זיי אין די פעלד־פלאַשן אָנגעגאָסן. פאָרנדיק האָבּן זיי דעריבּער פריילעך געשריגן און געזאָגט צו די בּיים בּריקן־קאָפּ פאַרזאַמלטע זעלנער:

— טשאַרניעצקין אַליין וועלן מיר אויף אַ שטריק אייך אַראָפּבּרענגען!

שוטים! זיי האָבּן נישט געוווּסט, אַז זיי זענען געגאַנגען, ווי די אָקסן צו דער שחיטה!

אַלץ האָט זיך צונויפגעלייגט זיי אומצובּרענגען. קוים זענען זיי אַריבּערגעגאַנגען, האָבּן די שוועדישע סאַפּערן בּאַלד נאָך זיי צענומען דעם צייטווייליקן בּרעטער־בּאָדעם, כּדי צו געבּן שטאַרקערע בּעלקעס, איבּער וועלכע אויך די האַרמאַטן זאָלן קאָנען אַריבּערגיין. און זיי האָבּן, אונטערזינגענדיק זיך אין דער שטיל,

אוועקגעלאָזט זיך צו וויעלקע אָטשי = צו, זייערע העלמען האָבן אין דער זון אויף די הויכקייטן נאָך אויפגעבליצט איינמאָל און אַ צווייט מאָל, דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען אַריינלאָזן טיף אין געדיכטן וואַלד.

זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ האַלבן מייל — גאָרנישט! שטיל אַרום און אַרום, די וואַלד = טיפענישן האָבן אויסגעזען צו זיין — פולשטענדיק פוסט. זיי האָבן זיך דעריבער אָפּגעשטעלט די פערד לאָזן אָפּרוען, דערנאָך האָבן זיי זיך לאַנגזאַם געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. צום סוף האָבן זיי אָנגעשפּאַרט ביז וויעלקע אָטשי, ווו זיי האָבן נישט געפונען קיין לעבעדיקן נפש.

די דאָזיקע פוסטקייט האָט פאַרחידושט קאַנעבערגן.

— אַפּנים, מ'האָט זיך אויף אונז דאָ געריכט — האָט ער געזאָגט צום מאַיאָר סוועגאָ — אָבער טשאַרניעצקי מוז זיין ערגעץ אַנדערשווו, אויב ער האָט אונז קיין מכשולים נישט אונטערגעלייגט.

— צי וועט איר באַפעלן צוריקצוקערן? — האָט סוועגא געפרעגט.

— מיר וועלן גיין ווייטער, אַפילו ביז לוווו, צו וועלכער ס'איז נישט זייער ווייט. מיר מוזן באַקומען אַן אויסזאָגער און דעם קיניג ברענגען אַ זיכערע ידיעה וועגן יאַן קאַזשימיעזשן.

— און אַז מיר וועלן אָנטרעפן אויף אַן איבערמאַכט?

— ווען אַפילו מיר זאָלן באַגעגענען אַ פּאָר טויזנט פון דעם לומפּן = געזינדל, וועלכעס זיי רופן לאַנד = שטורעם, וועלן מיר פונדעסטוועגן מיט אַזעלכע זעלנער נישט לאָזן פון זיך אַתל מאַכן.

— אָבער מיר קאָנען אָנטרעפן אויך אויף רעגולערע חיילות. מיר האָבן נישט קיין האַרמאַטן, און דער עיקר קאָן מען מיט זיי קעמפן נאָר מיט האַרמאַטן.

— דעמאָלט וועלן מיר זיך באַצייטנס צוריקציען און דעם קיניג וועגן שונא מיטטיילן. די ווידער, וואָס וועלן אונז דעם צו= ריקקער וועלן אָפּשניידן, וועלן מיר צעקלאַפּן.

— כ'האָב מורא פאַר דער נאַכט! —האָט סוועגאָ געענטפערט.

— מיר וועלן זײַן ווי ווײַט מעגלעך אָפּגעהיטן. פּאַשע פֿאַר די מענטשן און פֿערד האָבן מיר אויף צוויי טעג אַרויס, מיר דאַרפֿן זיך נישט אײַלן.

ווען זיי זענען ווידער אַרײַן טיף אין וואַלד הינטער וויעלקע אָטשי זענען זיי טאַקע געפֿאָרן לאַן־ערך פֿאָרזיכטיקער. פּופּציק רייטער זענען אַוועק פֿאָרויס. זיי זענען געפֿאָרן מיט גרייטע ביקסן אין די הענט, מיט די קאָלבעס אָנגעשפּאַרט אויף די קני און זיי האָבן זיך אויפֿמערקזאַם אומגעקוקט אויף אַלע זײַטן. זיי האָבן בודק־געווען די דערנער, אָפֿט זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט, צײַטנווײַז פֿון וועג אין אַ זײַט אַראָפּגעפֿאָרן, כּדי בודק צו זײַן די עקן פֿון די וואַלד־טיפֿענישן, אָבער סײַ אויפֿן וועג, סײַ אין די זײַטן איז קיינער נישט געווען.

ערשט מיט אַ שעה שפּעטער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געמיטן אַ געניוג אומגעריכטע איבערזיצונג, האָבן צוויי רייטער, וואָס זענען געפֿאָרן פֿאָרנט, דערזען אויף פֿיר הונדערט שריט פֿאַר זיך אַ רייטער אויף אַ פֿערד.

דער טאָג איז געווען אַ לויטערער און די זון האָט העל געליכטן, מ'האָט יענעם רייטער דעריבער געזען ווי אויף דער האַנט. געווען איז דאָס אַ נישט גרויס זעלנערל, אָנגעטאָן זייער לייטיש און אויפֿן אויסלענדישן שטייגער. ער האָט אויסגעזען אַ אַזוי קליין באַזונדערס דערפֿאַר, וואָס ער איז געזעסן אויף אַ הויכן גראָען טאָטערישן פֿערד, אַפּנים פֿון גרויס יחוס.

דער רייטער איז זיך געפֿאָרן געלאַסן, גלייך ווי ער וואָלט נישט געזען, אַז הינטער אים שיטן זיך חיילות. די פֿרילינג־וואַסערן האָבן אין וועג אויסגעגראָבן טיפֿע גריבער, אין וועלכע ס'האָט געגרוישט מוטנע וואַסער. דער רייטער האָט פֿאַר די גריבער אַ ריס־געטאָן דאָס פֿערד, וועלכעס האָט זיי אַריבערגעהיפּט מיט דער פֿלינקייט פֿון אַ הירש און איז ווידער געגאַנגען מיט קליינע טריט, וואַרפֿנדיק מיטן קאָפּ און אונטערהירזשנדיק פֿון צײַט צו צײַט.

ביידע רייטערס האָבן פאַרהאַלטן די פערד און גענומען זיך אומקוקן נאָכן וואַכמייסטער. דער איז תיכּף צוגעריטן, האָט אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— דאָס איז עפּעס אַ שמעק - הינט פון דער פּוילישער הינטישער סטאַדע.

— זאָל איך אַ געשריי - טאָן אויף אים? — האָט דער רייטער געפרעגט.

— שריי נישט. זיי קאָנען זיין אין אַ גרעסערער צאָל. מאַרש צום פּאָלקאָווניק!

דערווייל איז אָנגעפאָרן די רעשט פון דער פאָדערשטער וואַך און זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט; דער קלענער רייטער האָט אויך פאַרהאַלטן דאָס פערד און עס אויסגעדרייט מיטן פּראָנט צו די שוועדן, גלייך ווי ער וואָלט זיי וועלן דעם וועג פאַרצוימען.

אַ געוויסע צייט האָבן זיי געקוקט אויף אים, ער אויף זיי.

— פאַראַן אויך א צווייטער! אַ צווייטער! אַ דריטער! אַ פערטער! אַ גאַנצע קופּע! — האָט מען מיט אַמאָל גענומען רופן אין די שוועדישע רייען.

פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך טאַקע גענומען שיטן רייטער, תחילת איינצלווייז, דערנאָך צו צוויי, צו דריי. אַלע האָבן זיך געשטעלט נעבן יענעם, וועלכער האָט זיך באַוויזן דער ערשטער.

אָבער אויך די צווייטע שוועדישע וואַך מיט סווענאָן, און דערנאָך די גאַנצע אָפּטיילונג מיט קאַנעבערגן זענען צוגעקומען צום פּאָרפּאָסטן. קאַנעבערג און סווענאָ זענען באַלד אַרויסגע-פאָרן בראָש.

— כ'דערקען די דאָזיקע מענטשן! — האָט סווענאָ, קוים אַ קוק - טוענדיק, אויסגערופן — דערדאָזיקער פּאָלק האָט דער ער-שטער זיך געוואָרפן אויפן גראַף וואַלדעמאַר ביי גאָלאָמב, דאָס זענען טשאַרניעצקיס מענטשן. ער אַליין מוז דאָ זיין!

די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם, אין די רייען האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, נאָר די פערד האָבן געקלונגען מיט די מויל - ציימלעך.

— איך דערשנאַפּ דאָ עפּעס אַן אונטערגעשטעלטע סכנה — האָט סוועגאָ ווייטער געזאָגט — זיי זענען צו ווינציק אויף צו שטעלן אונז אַ ווידערשטאַנד, אָבער אין די וועלדער מוזן נאָך אַנדערע זיין באַהאַלטן.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו קאַנעבערגן.

— הויכווירדיקער הער, לאָמיר זיך אומקערן!

— אַ גוטע עצה גיט איר — האָט דער פּאָלקאָווניק געענטפערט, קנייטשנדיק די ברעמען — כדאי געווען ארויסצופאָרן, אַז אויפן אָנבליק פון אַ פּאָר צענדליק לומפּן זאָלן מיר דאַרפן זיך אומקערן! און פאַרוואָס האָבן מיר אויפן אָנבליק פון איינעם זיך גישט אומגעקערט? פאָרויס!

די שוועדישע ריי האָט אין דער רגע זיך אַ ריר געטאָן מיט דער גרעסטער געשיקטקייט, נאָך איר אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע. דער שטח צווישן ביידע אָפּטיילונגען האָט זיך גענומען פאַרקלענערן.

— טוי! — האָט קאַנעבערג אַ קאָמאַנדע געגעבן.

די שוועדישע ביקסן האָבן זיך אַ ריר געטאָן ווי איינע, די אייזערנע העלזער האָבן זיך אַ ציִ־אויס געטאָן צו די פּוילישע רייטער.

אָבער נאָך איידער די ביקסן האָבן אַ הילך געטאָן, האָבן די פּוילישע רייטער די פערד אויסגעדרייט און גענומען אַנטלויפן אין אומאָרדנונג.

— פאָרויס! — האָט קאַנעבערג אַ געשריי געטאָן.

די אָפּטיילונג האָט אַ שפּרינג געטאָן פון אָרט, אַז די ערד האָט אַזש אַ ציטער געטאָן אונטער די שווערע קאָפּיטעס פון די פערד.

דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט קולות פון די יאָגנדיקע און אַנטלויפנדיקע. נאָך אַ פערטל שעה יאָגעניש, צי ווייל די שוועדישע פערד זענען געווען בעסערע, צי ווייל די פּוילישע זענען געווען מיד פון עפּעס אַ וועג, גענוג, אַז דער מרחק, וואָס האָט אָפּגעטיילט ביידע חיילות, האָט גענומען זיך פאַרקלענערן.

אָבער אינאיינעם דערמיט איז געשען עפּעס ווונדערלעכס. די פּוילישע קופּע, וועלכע איז תּחילת אַנטלאָפן אין אומאָרדנונג, האָט אין מיטן אַנטלויפן נישט בלויז זיך וואָס אַמאָל מער צע־שפּרייט, נאָר להיפוך, זי איז אַנטלאָפן אין וואָס אַ מאָל אַ בעסערן סדר, אין וואָס אַמאָל גראָדערע רייען גלייך ווי בלויז דער גיכער לויף פון די פערד האָט אויסגעסדרט ד' רייטער אין רייען.

דאָס האָט באַמערקט סוועגאָ, ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, איז צוגעפאַלן צו קאָנעבערגן און גענומען רופן:

— הויכוועדיקער הער, דאָס איז אַן אומגעוויינלעכע פּאַרטיע, דאָס איז אַ רעגולערער זעלנער, וועלכער אַנטלויפט בכיון און פירט אונדז צו אַ פאַרבאָרגענער סכּנה.

— וועלן זיין שדים אין יענעם פאַרבאָרגעניש, אָדער מענטשן? — האָט קאָנעבערג געענטפערט.

דער וועג איז געגאַנגען אַ ביסל באַרג־אַרויף און איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ברייטער, דער וואַלד איז שיטערער געוואָרן און אין זיין עק האָט מען שוין געזען אַ נישט באַוואַקסן פעלד, און גיכער אַ ריזיקן פרייען שטח, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן און גראָען וואַלד.

דער פּוילישער פּאָלק האָט איצט גענומען שנעלער לויפן און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז תּחילת בכיון געגאַנגען פּויל, ווייל איצט האָט ער אין אַ קורצער ווייל אויף אַזוי פיל זיך דערווייטערט, אַז דער שוועדישער פירער האָט איינגעזען, אַז ער וועט אים קיינמאָל נישט דעריאָגן.

צוקומענדיק ביז צו דער העלפט פון פרייען שטח און זעענ־דיק, אַז דער שונא שפּאַרט שוין אָן כמעט ביז צו זיין צווייטן עק, האָט ער גענומען איינהאַלטן זיינע מענטשן און לויפן לאַנגזאַמער.

אָבער — פּלאי־פּלאָים! אַנשטאָט פאַרפאַלן צו ווערן אין אַקעגנאיבערדיקן וואַלד, האָט די פּוילישע אָפּטיילונג אין סאַמע עק געמאַכט אַ ריזיקן האַלב־עיגול און אין גאַלאָפּ זיך אַ קער־אום־געטאָן צו די שוועדן, שטעלנדיק זיך מיט אַ מאָל אין אַזאַ אויסגעצייכנטן שלאַכט־אָרדנונג, אַז דער שונא אַליין איז נתפּעל געוואָרן דערפון.

— יאָ! — האָט קאַנעבערג אויסגערופן — דאָס איז אַ רעגולערער זעלנער! זיי האָבן זיך אויסגעדרייט ווי אויף אַ מושטרירונג. וואָס ווילן זיי צו אַלדי רוחות!

— זיי לאָזן זיך צו אונדז!

דער פּאָלק האָט טאַקע זיך אַ לאָז־געטאָן פאָרויס. דער קליינער ריטער אויפן גראָען פערד האָט עפּעס געשריגן אויף זיינע מענטשן, האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און ווידער איינגעהאַלטן דאָס פערד, מיט דער שווערד געגעבן צייכנס, משמעות ער איז געווען דער קאָמענדאַנט.

— זיי אַטאַקירן אויף אַן אמת! — האָט קאַנעבערג מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט.

און אונטער יענע האָבן די פערד שוין צעלאָזט זיך מיטן גרעסטן אימפּעט און צודריקנדיק די אויערן, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אַזוי, אַז זיי האָבן שיר מיט די בייכער די ערד ניט באַרירט. די רייטער האָבן זיך אַראָפּגעבויגן אויף די קאַרקן און זיך באַהאַלטן הינטער די גרשיבעס. די שוועדן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, האָבן באַמערקט נאָר הונדערטער פונאַנדערגעבלאָזענע פערדישע נעזער און ברענענדיקע אויגן.

— גאָט איז מיט אונדז! שוועדן! פייער! — האָט קאַנעבערג אַ קאָמאַנדע געגעבן, אויפהויבנדיק די שווערד אין דער הויך.

ס׳האָבן אַ קנאַל־געטאָן אַלע ביקסן, אָבער אין דער זעלבער רגע איז דער פּוילישער פּאָלק אַריינגעפאַלן אין רויך מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אויף רעכטס און אויף לינקס אָפּגעוואָרפן די ערשטע שוועדישע רייען און זיך אַריינגעקלאַפּט אין געדיכטעניש פון די מענטשן און פערד, ווי עס קלאַפּט זיך אַריין אַ קליין אין אַ געשפּאָלטענעם בוים. ס׳איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה, אַ פאַנצער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פאַנצער, אַ שווערד אין אַ שווערד, און דאָס דאָזיקע געקלימפּער, געקוויטש פון די פערד, געיאָמער פון די גוססדיקע מענער, האָט אויפגעוועקט אַלע עכאָס, אַזוי, אַז דער גאַנצער וואַלד האָט געגומען זיך אָפּרופן אויף דער שלאַכט, ווי די משופּעדיקע בערג־פעלזן רופן זיך אָפּ אויף די דונערס.

די שוועדן זענען אַ ווײַלע געווען צעמישט, בפרט, אַז אַ גרויסע צאָל פֿון זיי איז געפֿאַלן פֿון ערשטן אָנגריף, אָבער קומענ־דיק באַלד צו זיך, האָבן זיי זיך מעכטיק אַ וואָרף־געטאָן אויפֿן שונא. זייערע פֿליגלען זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן, און אַזוי ווי דער פּוילישער פּאָלק האָט אַזוי אויך געשפּאַרט פֿאָרויס, ווײַל ער האָט געוואָלט אַריבערגיין צום האַנט־געפֿעכט, איז ער באַלד געוואָרן אַרומגערינגלט, די מיטלסטע רייען פֿון די שוועדן האָבן פֿאַר אים אָפּגעטרעטן, דערפֿאַר אָבער האָבן די זײַטן אים געשמיסן וואָס אַמאָל שטאַרקער, ניט קענענדיק אים אמת צערײַסן, ווײַל ער האָט זיך פֿאַרטיידיקט פֿאַרביטערט און מיט דער גאַנצער געשיקטקייט, וואָס האָט די פּוילישע רײַטער געמאַכט פֿאַר אַזוי שרעקלעך אין האַנט־געפֿעכט. ס׳האָבן אַזוי אַרום געאַרבעט שוועדן קעגן פּעכט־ראַפּירן, הרוגים זענען געפֿאַלן לרוב, אָבער דער נצחון האָט זיך אָט־אָט שוין געניײגט אויף דער שוועדישער זײַט, ווי מיט אַ מאָל האָט פֿון הינטער דער שוואַרצער וואַנט פֿון וואַלד זיך אַרויסגע־רוקט אַ צווייטער פּאָלק און מיט אַמאָל זיך אַ לאָז־געטאָן מיט אַ געשריי.

דער גאַנצער רעכטער שוועדישער פֿליגל, אונטער סווענאָס קאָמאַנדע, האָט זיך באַלד אַ קער־אום־געגעבן מיטן פּראָנט צום נײַעם שונא, אין וועלכן די געניטע שוועדישע זעלנער האָבן דערקענט הוזאַרן.

ס׳האָט מיט זיי אָנגעפֿירט אַ מאַן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ טיכטיקן געשפּרענקלטן פֿערד, אָנגעטאָן אין אַ בורקע און אַ היטל פֿון טיגער־פֿעל מיט אַ ווײַער־פֿעדער, מ׳האָט אים אויס־געצייכנט געזען, ווײַל ער איז געריטן אין אַ זײַט אויף אַ פּאָר טריט פֿון די זעלנער.

— טשאַרניעצקי! טשאַרניעצקי! — האָבן זיך געהערט אויס־רופֿן אין די שוועדישע רייען.

סווענאָ האָט מיט פֿאַרצווייפֿלונג אַ קוק־געטאָן אין הימל אַרײַן. דערנאָך האָט ער מיט די קני אַ דריק־געטאָן דאָס פֿערד און זיך אַ לאָז־געטאָן אין דער ברייט.

הער טשאַרניעצקי ווידער האָט געפירט די הוזאַרן אַ פּאָר שריט און ווען זיי זענען שוין געווען אין גרעסטן אימפּעט, האָט ער זיך אַליין אומגעקערט.

אין־דעם האָט פון וואַלד זיך אַרויסגעלאָזט אַ דריטער פאָלק, ער איז באַלד צו אים צוגעשפּרונגען און אים צוגעפירט, ס'האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ פערטער און ער האָט אים אויך צוגעפירט; מיטן שטאַב האָט ער יעדן פאָלק געוויזן, ווו ער זאָל אַנגרייפן און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ לאַנדווירט, וואָס פירט די שניטער און צעטיילט צווישן זיי די אַרבעט.

צום סוף, ווען ס'האָט זיך אַרויסגערוקט דער פינפטער פאָלק, האָט ער זיך אַליין געשטעלט אין דער שפּיץ און צוזאַמען מיט אים זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער שלאַכט.

אָבער די הוזאַרן האָבן שוין געהאַט צוריקגעשטויסן דעם רעכטן פליגל און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי אים אינגאַנצן צעריסן, און די דרײַ ווײַטערדיקע פאָלקן האָבן אויפן טאָטערישן שטייגער אַרומגערינגלט די שוועדן און מאַכנדיק אַ ליאַרם גענומען די צעטומלטע האַקן מיט אייזן, שטויסן מיט שפּיזן, צעקלאַפּן, צעטרעטן, און לסוף יאָגן אין געפילדער און אין בהלה.

קאַנעבערג האָט איינגעזען, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אונטערגעשטעלטער נעץ און אַז ער האָט זיין אָפּטיילונג ווי צו דער שחיטה געפירט; ס'איז אים שוין מער ניט געגאַנגען וועגן נצחון, נאָר ער האָט לפּחות געוואָלט וואָס מער מענטשן מציל זיין, ער האָט דעריבער געהייסן געבן אַ סיגנאַל צום צוריקציען זיך. די שוועדן האָבן זיך בכן מיטן גאַנצן אימפּעט אַ לאָז־געטאָן צו דעם זעלבן וועג, דורך וועלכן זיי זענען פון ווײַלקע אָטשי אָנגעקומען, טשאַרניעצקיס מענטשן האָבן זיי אָבער אַזוי נאָכגעיאָגט, אַז דער הויך פון די פּוילישע פערד האָט אָנגעוואַרעמט די שוועדישע פּלייצעס.

בײַ די דאָזיקע באַדינגונגען און מחמת דער פּאַניק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די שוועדישע רײַטער, האָט דאָס צוריקציען זיך ניט געקאָנט פאָרקומען אין אָרדנונג, די בעסערע פערד האָבן זיך אַרויסגעקריגן פאָרויס און אין גיכן איז קאַנעבערגס גלענצנדיקע

אָפּטיילונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קופּע, וואָס אַנטלויפט אין אומאָרדנונג און ווערט אויסגעקוילעט אָן אַ ווידערשטאַנד.

וואָס לעגנגער דאָס נאָכיאָגן האָט אָנגעהאַלטן, אַלץ אין אַ גרעסערער אומאָרדנונג איז עס פאַרגעקומען, ווייל אויך די פּאָליאַקן האָבן ניט געיאָגט אין אָרדנונג, נאָר יעדער האָט נאָכגעלאָזט דאָס פערד אין גרעסטן גאַלאָפּ, איז צוגעפאַלן צו וועמען ער האָט געוואָלט, האָט געשלאָגן וועמען ער האָט געוואָלט.

זיי האָבן זיך בכן אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע. מאַנכע פּוילישע זעלנער האָבן אַריבערגעיאָגט די לעצטע שוועדישע רייען און ס'האָט געטראָפן, אַז ווען אַ פּוילישער זעלנער האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן פערד, כדי וואָס מעכטיקער צו דערלאַנגען מיט דער שווערד דעם שוועדישן רייטער, וואָס איז פאַר אים געלאָפן, איז ער אַליין געפאַלן, געשטאָכן מיט אַ שווערד פון הינטן. דער וועג קיין וויעלקע אָטשי איז געדיכט באַלייגט געוואָרן מיט שוועדישע הרוגים, אָבער דאָ איז נאָך ניט געקומען קיין סוף צום נאָכיאָגעניש. סיי די פּאָליאַקן, סיי די שוועדן זענען מיטן זעלבן אימפּעט אַריינגעפאַלן אין צווייטן וואַלד, דאָרט אָבער האָבן די נאָך פון פריער פאַרמאַטערטע שוועדישע פערד גענומען אָפּשטיין און די שחיטה איז געוואָרן נאָך בלוטיקער.

מאַנכע שוועדישע רייטער האָבן גענומען אַראָפּשפּרינגען פון די פערד און אַנטלויפן אין וואַלד, אָבער נאָר אַ צען האָבן דאָס געטאָן, ווייל די שוועדן האָבן פון נסיון געוווּסט, אַז אין די וועלדער לויערן פויערן, האָבן זיי דעריבער בעסער געוואָלט אומקומען פון די שווערדן, איידער אין שרעקלעכע ענויים, וועלכע דער צעבושעוועטער המון האָט זיי נישט געקאַרגט.

אַנדערע האָבן געבעטן רחמים, צום גרעסטן טייל בחנם, ווייל יעדער האָט בעסער געוואָלט שטעכן דעם שונא און ווייטער יאָגן, איידער נעמען אים אין געפאַנגענשאַפט, היטן און אויפהערן נאָכצויאָגן.

מ'האָט בכן געהאַקט אָן רחמנות, כדי קיינער זאָל נישט קאָנען צוריקקערן מיט אַ ידיעה וועגן דער מפּלה. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געיאָגט אין דער פאָדערשטער ריי מיטן לאודער פּאָלק

ער איז דאָס געווען יענער רייטער, וועלכער האָט דער ערשטער זיך באַוויזן פאַר די שווערדן און זיי פאַרלאָקט. ער האָט דער ערשטער אָנגעגריפן, און איצט, זיצנדיק אויפן פליענקן פערד, האָט ער געהוליעט און געלאָזט זיך וויל־גיין, שטרעבנדיק זיך מיט בלוט אָנצוזעטיקן און נקמה צו נעמען פאַר דער מפּלה ביי גאַלאָמב. יעדע ווײַלע האָט ער נאָכגעיאָגט אַ רייטער און אָניאָגנדיק, אים כהרף־עין אומגעבראַכט; צייטנווייז איז ער געפאָרן אויפן געניק פון צוויי, דריי אָדער פיר, אָבער אַ קורצע ווײַלע, ווײַל אין אַ מינוט אַרום זענען שוין נאָר פערד אָן רייטער געלאָפן פאַר אים. אומזיסט האָט ניט איין שווערד אָנגעכאַפּט די אייגענע שווערד פאַר דער שאַרף און אויסדרייענדיק זי, צום צייכן פון אונטערגעבן זיך, מיטן הענטל צום ריטער, האָט ער מיט דער שטים אין די אויגן געבעטלט רחמים. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך אַפילו ניט פאַרהאַלטן ביי אים, נאָר אַריינרוקנדיק אים דעם שפּיץ פון דער שווערד דאָרט, וווּ דער האַלז באַרירט די ברוסט, האָט ער דערלאַנגט אַ לייכטן, אומבאַדייטנדיקן שטויס און יענער האָט די הענט צענומען, מיט בלאַסע ליפּן איין און אַ צווייט וואָרט געוואָרפן, דערנאָך האָט ער זיך פאַרזונקען אין דער פיסטערניש פון טויט.

און הער וואָלאָדיאָווסקי איז, מער ניט אומקוקנדיק זיך, געלאָפן ווייטער און נײַע קרבנות אויף דער ערד אַראָפּגעשליידערט.

ס'האָט באַמערקט דעם שרעקלעכן מחבל דער טיכטיקער סוועבאָ און צורופנדיק אַ צוואַנציק פון די טיכטיקסטע רייטער, האָט ער באַשלאָסן מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן און כאָטש אויף אַ ווײַלע איינצוהאַלטן דאָס גערעג, כדי אַנדערע מצ"ל צו זיין. זיי האָבן בכן אויסגעדרייט די פערד און אָנשטעלנדיק די שווערדן, האָבן זיי מיט די שאַרפן געוואַרט אויף די נאָכיאָגער. זעענדיק דאָס, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי קיין איין רגע זיך ניט געקווענקלט, ער האָט אַצי־געטאָן דאָס פערד און אַריינגעפאַלן צווישן זיי אין מיטן.

און נאָך איידערעמיצער וואָלט באַוויזן מיטן אויג אַ פינטל צו טאָן, זענען שוין צוויי העלמען אַרונטערגעפאַלן אויף די פערד. העכער צען שווערדן האָבן זיך איצט געווענדעט קעגן וואָלאָדיאָוו-

סקיס ברוסט, אָבער אין דער רגע זענען אָנגעלאָפן די סקשעטוסקיס, יוזוואַ בוטרים אָן-פּיס, הער זאַגלאָבאַ און ראָך קאָוואַלסקי, וועגן וועלכן זאַגלאָבאַ האָט געזאָגט, אַז אַפילו גייענדיק צו דער אַטאַקע, האָט ער נ ך צוגעמאַכטע אויגן און דרעמלט, און ער וועקט זיך ערשט, ווען ער שטייט פּנים אל פּנים מיטן שונא.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט ביים זאָטל אַזוי גיך זיך איינגעקנוילט, אַז די שווערדן האָבן דעם פּוסטן חלל דורכגעשטאָכן. ער האָט דאָס דאָזיקע מיטל פֿון די ביאַלאָגראָדער טאָטערס איבערגענומען, אָבער אַ קלײנער און צוגלייך אויך אומגעווייגלעך געשיקטער, האָט ער עס דערפירט צו אַזאַ פולקאָמענהייט, אַז ער איז נעלם געוואָרן פון די אויגן ווען ער האָט געוואָלט, אַמאָל הינטערן קאַרק, אַמאָל הינטערן בויך פון פערד. אַזוי איז ער אויך איצט נעלם געוואָרן און נאָך איידער די פאַרבליבטע רייטער האָבן באַוויזן תופס צו זיין, וואָס מיט אים איז געשען, האָט ער ווידער אומגעריכט זיך אַ וואָרף-געטאָן אויפן זאָטל, אַ שרעקלעכער ווי אַ ווילדע קאַץ, ווען זי שפרינגט פון די הויכע צווייגן צווישן אָנגעשראָקענע הינט.

דערווייל האָבן אויך די חברים אים געהאָלפן, פאַנאַנדערטראָגנדיק טויט און צעמישונג. איינער פון די רייטער האָט דעם הער זאַגלאָבאַ צוגעלייגט אַ פּיסטאָלעט צו דער סאַמער ברוסט, אָבער ראָך קאָוואַלסקי, וועלכער האָט אים געהאַט ביי דער לינקער זייט און דערפאַר אים נישט געקאָנט שניידן מיט דער שווערד, האָט צונויפגעביילט די פויסט און פאַרבייגייענדיק אים אין קאָפּ אַ זעץ-געטאָן, אַז יענער איז תיכף אַראָפּגעפאַלן אונטערן פערדווי פון אַ דונער געטראָפן. הער זאַגלאָבאַ ווידער האָט אַרויסלאָזנדיק אַ פרייד-אויסגעשריי סוועגאן אין די שלייף אַריין אַ שניטגעטאַן, און סוועגא האָט די הענט אַראָפּגעלאָזט אין מיטן שטעכן זיך אויפן קאַרק פון פערד אָנגעשפּאַרט. זעענדיק דאָס זענען די איבעריקע רייטער זיך צעלאָפן. וואָלאָדיאָווסקי, יוזוואַ אָן-פּיס און ביידע סקשעטוסקיס האָבן זיך אַ לאָז-געטאָן נאָך זיי און אויסגעקוילעט, נאָך איידער זיי זענען אָפּגעלאָפן הונדערט שריט.

און דאָס נאָכיאָגן האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. די שוועדישע פערד זענען געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרמאַטערט און האָבן זיך וואָס אַמאָל אָפטער געלייגט. לסוף זענען פון די טויזנט גלענצנדיקסטע רייטער, וואָס זענען אַרויס אונטער קאַנעבערגס קאָמאַנדע, געבליבן קוים הונדערט און עטלעכע צענדליק מאַן, די איבעריקע זענען אין אַ לאַנגער שורה געלעגן אויפן וואַלד־וועג. אָבער אויך די דאָזיקע לעצטע קופּע איז קלענער געוואָרן מיט יעדער רגע, ווייל די פּוילישע הענט האָבן נישט אויפגעהערט איבער איר צו אַרבעטן.

צום סוף זענען זיי אַרויס פון וואַלד. די טורעמס פון יאַראָסלאַוו האָבן זיך דייטלעך געריסעוועט אין בלאָען חלל. אָט איז אַ האָפנונג שוין אַריינגעטרעטן אין די הערצער פון די אַנטלויפנדיקע, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז אין יאַראָסלאַוו שטייט דער קיניג אַליין און די גאַנצע מאַכט און אַז יעדע רגע קאָן ער זיי קומען צו הילף.

זיי האָבן פאַרגעסן, אַז באַלד נאָך זייער אַריבערגיין האָט מען אַוועקגענומען די ברעטער אין לעצטן טייל פון דער בריק, כּדי אונטערצולייגן שטאַרקערע ברעטער פאַר די האַרמאַטן.

הער טשאַרניעצקי ווידער, צי ער האָט געוווסט וועגן דעם פון זיינע שפּיאָנען, אָדער גאָר ער האָט בכּיון זיך געוואָלט ווייזן דעם שוועדישן קיניג און פאַר זיינע אויגן דערקוילן די דאָזיקע אומגליקלעכע, געננוג, אַז ער האָט נישט בלויז נישט צוריקגעהאַלטן דאָס נאָכיאָגן, נאָר ער איז אַליין מיט די הוזאַרן געשפּרונגען פאָראויס, האָט אַליין געהאַקט, אַליין מיט די אייגענע הענט געשניטן — יאָגנדיק זיך נאָך דער קופּע אַזוי, ווי ער וואָלט מיטן זעלבן אימפּעט געוואָלט וואַרפן זיך אויף יאַראָסלאַוו.

צום סוף זענען זיי צוגעלאָפן אויף אַ הונדערט שריט צו דער בריק. די געשרייען פון פעלד האָבן זיך דערטראָגן צום שוועדישן לאַגער. אַ סך זעלנער און אָפיצירן זענען אַרויסגעלאָפן פון דער שטאָט זען וואָס אויף יענער זייט טייך טוט זיך. קוים האָבן זיי אַ קוק געטאָן — האָבן זיי דערזען! און דערקענט די רייטער, וואָס זענען באַגינען אַרויס פון לאַגער.

— קאָנעבערגס אָפּטיילונג! קאָנעבערגס אָפּטיילונג! — האָבן טויזנטער שטימען געגומען שרייען.

— ס'איז כמעט קיין זכר פון זיי נישט געבליבן! קוים הונדערט מענטשן לויפן!

אין דער רגע איז אין גאַלאָפּ צוגעריטן דער קיניג אַליין און נאָך אים וויטעמבערג, פאָרגעל, מילער און אַנדערע גענעראַלן.

דער קיניג איז בלאַס געוואָרן.

— קאָנעבערג! — האָט ער געזאָגט.

— גאָט מיינער! די בריק איז נישט פאַרענדיקט! — האָט וויטעמבערג אויסגערופן — זיי וועלן זיי אויסקוילן ביז איינעם!

דער קיניג האָט אַ קוק געטאָן אויפן טייך, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון די פרילינג-וואַסערן; עס האָט געראַנשט מיט אַ געלער כוואַליע, וועגן אַריבערשווימען מיט היל̃ף האָט מען אַפילו טראַכטן נישט געקאָנט.

יענע האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט.

אין דעם האָט מען ווידער גענומען שרייען:

— דעם קיניגס וועגנס און גוואַרדיע קומען אָן! אויך זיי וועלן אומקומען!

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז אַ טייל פון קיניגס בופעט, מיט הונדערט מענטשן פון דער פוס-גייער-גוואַרדיע, האָט זיך אין דער רגע דורך אַן אַנדערן וועג אַרויסגענומען פון די שכנותדיקע וועלדער. דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך, האָבן די מענטשן פון דער באַגלייטונג, אין דער איבערצייגונג, אַז די בריק איז פאַרטיק, גענומען מיט אַלע כוחות זיך איילן צו דער שטאָט-צו.

אָבער מ'האָט זיי דערזען פון פעלד — און תיכף האָבן אַ דריי הונדערט פערד זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי מיטן גאַנצן אימפּעט, און בראש פון אַלע איז געפלויגן מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד איבערן קאָפּ און מיט אַ פלאַם-פייער אין די אויגן דער פּאַכטער פון וואָנסאָש, זשענדזשאַן. קיין גרויסע גבורות האָט ער ביז איצט נישט באַוויזן, אָבער אויפן אָנבליק פון די פורן, אין וועלכע ס'האָט זיך געקאָנט געפינען אַ בשפעדיקער של̃ל, איז זיין האַרץ אַזוי איבערפולט געוואָרן מיט מוט, אַז ער האָט אויף אַ פּאָר

צענדליק שריט אַריבערגעיאָגט די איבעריקע. די פוס - גייער ביי די וועגנס, זעענדיק, אַז זיי וועלן נישט אַנטקומען, האָבן זיך צו־נויפגעשלאָסן און הונדערט ביקסן מיט אַמאָל זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף זשענדאַנס ברוסט. אַ קנאַל האָט אויפגעטרייסלט די לופט, אַ פּאַס רויך איז דורכגעפלויגן דורך דער וואַנט פון די צו־נויפגעשלאָסענע פוס - גייער, אָבער נאָך איידער דער רויך איז צעפלאָסן געוואָרן, האָט דער פּאַכטער פּאַר זיי שוין א ריס - געטאָן דאָס פערד אַזוי, אַז די פאָדערשטע קאָפּיטעס זענען אַ ווײַלע געבליבן הענגען איבער די קעפּ פון די רייטער — און ער איז ווי אַ דונער אַרײַנגעפאַלן אין מיטן.

דער שטראָם פון די רייטער האָט אַ פלייץ - געטאָן נאָך אים.

און פונקט ווי ווען וועלף קומען - ביי אַ פערד, לעבט עס נאָך און ליגנדיק אויפן רוקן, פאַרטיידיקט עס זיך פאַרצווייפלט מיט די קאָפּיטעס, און זיי באַדעקן עס אינגאַנצן און שינדען פון אים אַראָפּ לעבעדיקע שטיקער פלייש — אַזוי זענען אויך יענע וועגנס און פוס - גייער באַדעקט געוואָרן אינגאַנצן מיט אַ צונויפגעקנויל־טער מאַסע פון פערד און רייטער. נאָר אימהדיקע געשרייען זענען אויפגעגאַנגען פון דאָזיקן ווירבל און האָבן זיך דערטראָגן צו די אויערן פון די שוועדן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן צווייטן ברעג.

און דערווייל האָט מען נאָך גענטער צום ברעג דערקוילעט די רעשט פון קאָנעבערגס רייטער. די גאַנצע שוועדישע אַרמיי איז ווי איין מאַן אַרויס אויפן הויכן ברעג פון סאַן. די פוס - גייער, רייטער, אַרטילעריע, האָבן זיך צונויפגעמישט אינאייבעם — און אַלע האָבן זיי געקוקט, ווי אַמאָל אין רוימישן צירק, אויף דעם ספּעקטאַקל, נאָר זיי האָבן געקוקט מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ יאוש אין האַרצן, מיט אימה, מיט אַגעפּיל פון אומבאַהאָלפנקייט. ווײַלגנוויז האָט זיך פון די ברוסטן פון די דאָזיקע אומגערנווילי‌קע צוקוקער אַרויסגעריסן אַ מוראדיק געשריי. ווײַלגנוויז האָט זיך גע־הערט אַן אַלגעמיין געוויין, באַלד איז ווידער געוואָרן שטיל און מ'האָט נאָר געהערט דאָס סאַפּען פון די צערייצטע זעלנער. ווײַל די דאָזיקע טויזנט מענטשן, וואָס קאָנעבערג האָט אַרויסגעפירט, זענען

געווען דער שטאָלץ און דער גלאַנץ פון דער גאַנצער שוועדישער אַרמיי; בלויז וועטעראַנען זענען דאָס געווען, וואָס האָבן זיך פאַר־שאַפט אַ רום גאָט ווייסט אין וויפיל מדינות און גאָט ווייסט אין וויפיל שלאַכטן! און איצט זענען זיי געלאָפן, ווי אַ בלאָנדזשנדיקע סטאַדע שעפסן איבערן גרויסן אַקעגנאיבערדיקן פעלד, אומקומענ־דיק ווי די ייעפסן אונטערן חלף פון שוחט. דאָס איז בכן נישט געווען קיין שלאַכט, נאָר אַן אויפכאַפעניש. די שרעקלעכע פוילישע רייטער האָבן זיך געדרייט ווי אַ שטורם־ווינט איבערן שלאַכט־פעלד, שרייענדיק מיט פאַרשיידענע קולות און פאַרלויפנדיק די שווע־דישע רייטער דעם וועג. צייטנווייז האָבן נאָך איינעם זיך געיאָגט אַ פאָר, צייטנווייז אַ יחיד נאָך אַ יחיד. מאַנכעס מאָל האָט דער דעריאָגטער שוועד זיך אַראָפּגעבויגן אויפן זאָטל, כּדי דעם שונא דעם קלאַפּ צו פאַרלייכטערן, מאַנכעס מאָל האָט ער די שלאַכט אויפגענומען, אָבער ער איז אין דאָס רוב פאַלן אומגעקומען, ווייל מיט ווייסן כּלי־זייען האָבן די שוועדישע זעלנער נישט געקאָנט זיך פאַרמעסטן מיט דער אין כּלערליי געפעכטן אויסגעבילדעטער פוילישער שלאַכטע.

אָבער מער פון אַלעמען האָט געווילדעוועט צווישן די פאָ־ליאַקן דאָס קליינע ריטערל, וואָס איז געזעסן אויפן גראָען פליגקן און געשיקטן פערד. ס'האָט אים לסוף באַמערקט דאָס גאַנצע חייל, ווייל וועמען ער האָט אָנגעיאָגט, ווער עס האָט זיך מיט אים באַ־געגנט, איז אומגעקומען, אַז מ'האָט נישט געוווסט ווי אַזוי און ווען, מיט אַ זעלכע קליינע, מיט אַזעלכע אומבאַדייטנדיקע באַווע־גונגען פון דער שווערד האָט ער די געזונטסטע רייטער אויף דער ערד אַראָפּגעשליידערט. צום סוף האָט ער דערזען קאַנעבערגן גופא ׳ וועלכן עס האָבן געיאָגט אַ צוואָנציק פוילישע זעלנער, ער האָט אַ געשריי־געטאָן אויף זיי, מיט אַ באַפעל דאָס נאָכיאָגן איינגעהאַלטן און אַליין זיך אויף אים געוואָרפן.

די שוועדן פון צווייטן ברעג האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין דער ברוסט. דער קיניג אַליין האָט זיך צוגערוקט האַרט צום ברעג און געקוקט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, מיט שרעק און האָפ־נונג אינאיינעם, ווייל קאַנעבערג, אַלס גרויסער שררה און קרוב

פֿון קיניג, װעלכער האָט פֿון זיין קינדהייט אָן זיך געבילדעט אין כל המינים געפֿעכטן ביי איטאַליענישע מייסטערס, האָט אין קאַמף מיט װייסן געװער נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין דער שװעדישער אַרמיי. אַלעמענס אויגן האָבן דעריבער איצט זיך איינגעגראָבן אין אים, די אָפּענע מיילער האָבן קוים דערװעגט זיך דעם אָטעם צו כאַפּן, ער װידער, זעענדיק, אַז דאָס מאַסן־געיעג האָט אויפֿגעהערט און װילנדיק נאָכן פֿאַרלירן דאָס חייל ראַטעװען זיין רום אין קיניגס אויגן, האָט זיך איז זיין באַטריבטן האַרצן אַזױ געטראַכט:

— װיי װעט זיין צו מיר, אויב נאָכדעם װי איך האָב דאָס חייל געלאָזט אומקומען, װעל איך מיטן אייגענעם בלוט די שאַנד איצט נישט אָפּשטעמפּלען אָדער אויב כ׳װעל דאָס לעבן נישט אויסקויפֿן דורך אומברענגען דעם דאָזיקן שרעקלעכן מאַן. אַנדערש, װען אַפֿילו גאָטס האַנט װאָלט מיך אויף יענער זייט אַריבערגעטראָגן, װאָלט איך קיין שום שװעד אין די אויגן אַריין נישט געקאָנט קוקן!

אַזױ טראַכטנדיק האָט ער אומגעדרייט דאָס פֿערד און זיך אַ לאָז־געטאָן צום געלן ריטער.

און היות די רייטער, װאָס זענען אים פֿאַרלאָפֿן דעם װעג פֿון טייך, האָבן זיך איצט אַװעקגערוקט, האָט קאַנעבערג געהאַט אויך די האָפֿנונג, אַז װען ער װעט דעם קעגנער בייקומען, װעט ער צושפּרינגען צום ברעג און אין װאַסער זיך אַריינװאַרפֿן, און דערנאָך, װאָס עס װעט זיין, װעט זיין; אויב ער װעט נישט באַװייזן די ברױזנדיקע כװאַליעס אַריבערצושװימען, װעט דער שטראָם אים צוזאַמען מיטן פֿערד לפּחות װייט פֿאַרטראָגן און דאָרט װעלן זיינע ברידער שוין עפּעס אַ רעטונג פֿאַר אים צוטראַכטן.

ער איז בכן בליץ־שנעל צוגעשפּרונגען צום ריטער, און דער ריטער צו אים. דער שװעד האָט געװאָלט זיין שװערד טיף דעם קעגנער אונטערן אָרעם אַריינשטעכן, ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז אַליין אַ מייסטער, האָט ער אויך אויף אַ מייסטער געמוזט אָנטרעפֿן, װייל די שװערד האָט זיך נאָר אַראָפּגעגליטשט אין דער לענג פֿון דער שאַרף פֿון דער פּױלישער שװערד, זי האָט זיך

נאָר עפּעס מאָדנע איז אַ וואַקל־געטאָן אין דער האַנט, גלייך ווי דער אָרעם וואָלט אים מיט אַמאָל אָפּגענומען געוואָרן; ער האָט קוים באַוויזן צו פֿאַרשטעלן זיך פֿון קלאַפּ, וועלכן דער ריטער האָט אים דערנאָך דערלאַנגט; אַ נס, וואָס די פֿערד האָבן זיי אין דער רגע פֿאַנאַנדערגעטראָגן אין צוויי זייטן.

ביידע האָבן דאַן זיך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע און זיך גלייכצייטיק אַ קער־אום־געטאָן אײנער אַ קעגן צווייטן, אָבער זיי זענען זיך שוין לאַנגזאַמער אַקעגנגעשפּרונגען, ווײַל זיי האָבן געוואָלט האָבן מער צייט אויפֿן באַגעגעניש און כאָטש אַ פּאָר מאָל דאָס אייזן קרייצן. קאַנעבערג האָט זיך איצט אַריינגענורעט אין זיך אַזוי, אַז ער איז ענלעך געוואָרן אויף אַ פֿויגל, בײַ וועמען עס שטאַרט־אַרויס פֿון די אויפֿגעבלאָזענע פֿעדערן נאָר דער מעכטיקער שנאָבל. ער האָט געקענט איין זיכערן שטויס, וועלכן אַ געוויסער פֿלאָרענטינער האָט אים אויסגעלערנט, ער איז געווען שרעקלעך, ווײַל פֿאַרפּירעריש און כמעט ניט צום אָפּשלאָגן. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שאַרף, וועלכע איז כלומרשט געווען געווענדעט אין דער ברוסט, האָט, אויסמײַדנדיק פֿון אַ זײַט דעם ווידערשטאַנד, דורכגעשטאָכן דעם גאָרגל און אַרויס אַזש הינטן אַרום דורכן קאַרק.

און אַ זיכערער אין זיך, האָט ער זיך דערנענטערט, אײַנהאַלטנדיק וואָס אַמאָל מער דאָס פֿערד, און הער וואָלאָדיאָווסקי (ער איז עס געווען) איז צוגעריטן צו אים מיט קליינע טריט. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט, אַז ער זאָל אויפֿן ביאַלאָגראָדער שטייגער מיט אַמאָל אונטערן פֿערד נעלם־ווערן, אָבער היות ער האָט זיך געזאָלט באַגעגענען נאָר מיט איין מאַן און דאָס פּאַר די אויגן פֿון ביידע אַרמייען, איז הגם ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס דערוואַרט אים עפּעס אַן אומגעריכטער שטויס, איז אים געווען אַ בושה צו פֿאַרטיידיקן זיך אויף אַ טאָטעריש, און ניט אויף אַ ריטערלעכן אופֿן.

— דו ווילסט מיך, ווי דער רייער דעם סאָקאָל מיט אַ שטאָך אַוועקלייגן — האָט ער זיך געטראַכט — אָבער איך וועל

דיך מכבד - זיין מיט יענער ווינט - מיל, וועלכע איך האָב נאָך אין לובני אויסגעטראַכט.

דער דאָזיקער געדאַנק איז אים לעת - עתה צום בעסטן געפעלן געוואָרן. ער האָט דעריבער אויפן זאָטל זיך אויסגעגליכן, דאָס שווערדל אויפגעהויבן און געלאָזט אין באַוועגונג ווי דער פליגל פון אַ ווינט - מיל, אָבער אַזוי גיך, אַז די לופט האָט גע- זומען אימהדיק פייפן.

און אַזוי ווי די פאַרגייענדיקע זון האָט זיך אָפגעשפיגלט אין זיין שווערד, האָט אים ווי אַ ליכטיק, בלענדנדיק ראָד ארומ- געריינגלט; ער האָט דאָס פערד מיט די שפּאָרנס אַ זעץ - געטאָן און זיך אַ לאָז - געטאָן אויף קאַנעבערגן.

קאַנעבערג האָט זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט און איז ווי צוגעקלעמט געוואָרן צום פערד; אין א רגע - כמימרא האָט ער צונויפגעבונדן דעם ראַפּיער מיט דער שווערד, מיט אַמאָל האָט ער ווי אַ שלאַנג דעם קאָפּ אַרויסגערוקט און אַ מוראדיקן שטויס - גע- טאָן.

אָבער אין דער רגע האָט אַ רויש - געטאָן אַ שרעקלעכער דריי, די שווערד האָט זיך אַ רוק - געטאָן צום שוועד אין דער האַנט, די שאַרף האָט אַ זעץ - געטאָן אין פוסטן חלל דערפאַר אָבער איז דער אויסגעבויגענער עק פון דעם קליינעם ריטערס שווערד בליץ - שנעל אַראָפּגעפאַלן אויף קאַנעבערגס פנים, דורכ- געשניטן אים אַ טייל פון דער נאָז, דאָס מויל, די באָרד, איז אַראָפּגעפאַלן אויפן אַקסל - ביין, אים צעהאַקט און פאַרהאַלטן זיך ערשט אויפן אָרעם.

די פעכט - שווערד האָט זיך אַרויסגערוקט פון אומגליקלעכנס הענט און אַ פינסטערניש האָט אים דעם קאָפּ אַרומגעהילט, אָבער נאָך איידער ער איז פון פערד אַראָפּגעפאַלן, האָט הער וואָלאָדיִאָוו- סקי די שווערד אויפן שנורל אָפּגעלאָזט און אים פאַר די אָרעמס אָנגעכאַפּט.

עס האָט אָפּגעהילכט איין אויסגעשריי פון צווייטן ברעג, און הער זאַגלאָבאַ איז צוגעשפּרונגען צום קליינעם ריטער און געזאָגט:

— הער מיכאל, כ'האָב געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי זיין, אָבער כ'בין גרייט געווען צו נעמען נקמה פאַר דיר!

— דאָס איז געווען אַ מייסטער — האָט וואָלדיאָווסקי גע־ענטפערט — גענומט דאָס פערד פאַרן צוים, עס האָט עס כשר פאַר־דינט!

— האָ! ווען נישט דער טייך, וואָלט מען זיך אַוועקגעלאָזט אַ הוליע = טאָן מיט יענע דאָרט! דער ערשטער וואָלט איך...

די ווייטערדיקע ווערטער האָט דעם הער זאַגלאָבאַ איבער־געהאַקט אַ געפּייף פון קוילן, ער האָט דעריבער נישט פאַרענדיקט דעם געדאַנק, דערפאַר אויסגעשריען:

— לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען, הער מיכאל, די דאָזיקע בוגדים זענען אונז גרייט צו דערשיסן!

עס האָבן שוין קיין אימפּעט נישט די דאָזיקע קוילן — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — ווייל ס'איז צו ווייט.

דערווייל האָבן זיי אַרומגערינגלט אַנדערע פּוילישע רייטער, ווינטשנדיק וואָלאָדיאָווסקין און קוקנדיק אויף אים מיט התפּעלות, און ער האָט נאָר די וואָנסעלעך פון צייט צו צייט באַוויזן, ווייל ער איז אויך געווען צופרידן פון זיך.

און אויפן צווייטן ברעג, צווישן די שוועדן האָט געקאָכט, ווי אין אַ בינשטאָק. די אַרטילעריסטן האָבן בהפזונדיק די האַרמאַטן געשלעפּט, אין די נאָענטע פּוילישע רייען האָבן דעריבער געשאַלט טרומייטן צום צוריקציען זיך. דערהערנדיק זיי איז יעדער צו זיין פאָלק געשפּרינגען און כּהרף = עין זענען אַלע געשטאַנען אויסגע־סדרט. זיי האָבן גיך צוריקגעצויגן צום וואַלד צו און זיך ווידער פאַרהאַלטן, ווי זיי וואָלטן דעם שונא אַ פּלאַץ פרייגעמאַכט און פאַרבעטן אויף יענער זייט טייך. צום סוף איז פאַר דער מאַסע פון מענטשן און פערד אַרויסגעפאָרן אויף אַ געשפּרענקלטן פערד אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אַ בורקע און היטל מיט אַ רייער = פעדער, מיט אַ באַגילטן שטאַב אין דער האַנט.

מ'האָט אים אויסגעצייכנט געזען, ווייל עס זענען אויף אים געפאַלן די רויטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון און אגב

איז ער געריטן פאַר די פאָלקן, ווי ער וואָלט זיי מושטירט. ס'האָבן אים באַלד דערקענט אַלע שווערדן און זיי האָבן גענומען שרייען:

— טשאַרניעצקי! טשאַרניעצקי!

ער ווידער האָט עפּעס גערעדט מיט די פּאָלקאָווניקעס. מ'האָט געזען, ווי ער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט בײַם ריטער, וועלכער האָט קאַנעבערגן צעהאַקט, און די האַנט אויף זיין אָרעם אַרויפגעלייגט, דערנאָך האָט ער דעם שטאַב אויפגעהויבן און די פּאָלקן האָבן גענומען פּאַמעלעך, איינער נאָכן אַנדערן, צו די וועלדער זיך אומקערן.

די זון איז אויך גראָד פאַרגאַנגען. אין יאַראָסלאַוו האָבן די גלאָקן זיך צעקלונגען איבער די קירכעס, און אַלע פּאָלקן האָבן אָפּפאָרנדיק מיט איין קול געזונגען „דער מלאך פון גאָט האָט אָנגעזאָגט דער הייליקסטער בתולה מאַריאַ" און מיטן דאָזיקן געזאַנג זענען זיי די שווערדן געלם געוואָרן פון די אויגן.

5. קאַפּיטל

יענעם טאָג האָבן די שווערן זיך געלייגט שלאָפן, ניט געמענדיק גאָרניט אין מויל אַריין און אָן האָפנונג, אַז זיי זאָלן צומאָרגנס האָבן מיט וואָס זיך צו קרעפּטיקן. פון הונגער האָבן זיי נישט געקאָנט שלאָפן. נאָך איידער דער צווייטער האָן האָט גענומען קרייען, האָבן די געפּייניקטע זעלנער גענומען זיך איינצלווייז אַרויסשאַרן פון לאַגער און קופּעסווייז זיך לאָזן אויף רויבערייען איבער די דערפער נעבן יאַראָסלאָוו. זיי זענען געגאַנגען, ווי די נאַכטגזלנים, צו ראַדימנאָ, קאַנטשוגאַ, טיטשין, וווּ זיי האָבן געקאָנט און וווּ זיי האָבן זיך געריכט צו געפינען עפּעס צום עסן. מוט האָט צוגעגעבן דאָס, וואָס טשאַרניעצקי איז געווען אויף יענער זייט טייך, אָבער ווען ער וואָלט אַפילו שוין באַוויזן זיך אַריבערצוקריגן, וואָלטן זיי בעסער געוואָלט שטאַרבן, איידער הונגערן. אַ פּנים, אַז די צורודערונג אין לאַגער איז שוין געווען גרויס, ווייל אַרום פופצן הונדערט מענטשן האָבן זיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגערוקט, נישט עקוקט אויף די האַרבסטע באַפעלן פון קיניג.

זיי האָבן קבן גענומען ווילדעווען איבער דער געגנט, ברענענדיק, ראַבעווענדיק, קוילנדיק, אָבער כמעט קיינעם פון זיי איז שוין מער נישט באַשערט געווען צוריקצוקערן אין לאַגער. טשאַרניעצקי איז אמת געווען פון דער צווייטער זיין סאַן, אָבער אויך אויף דער זייט האָבן זיך געדרייט פאַרשיידענע „פאַרטיעס" פון שלאַכטע און פויערן; און די מעכטיקסטע, דעם הער סטשאַלקאָווסקיס, וואָס איז באַשטאַנען פון דער העלדישער בערג-שלאַכטע, האָט גראָד יענע נאַכט, ווי צום אומגליק, זיך דערגענטערט צו פּרובניק. דערזעענדיק פלאַמען און דערהערנדיק אַ שיסעריי, איז הער סטשאַלקאָווסקי גלייך אַוועק אויפן אָרט פון טומל און באַפאַלן די רויבער. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרטיידיקט אין די פּלויטן, אָבער הער סטשאַלקאָווסקי האָט זיי צעריסן, אויסגעקוילעט, קיין איינעם נישט געלאָזט לעבן. אין אַנדערע דערפלעך האָבן אַנדערע פאַרטיעס געטאָן דאָס זעלבע, דערנאָך האָבן זיי יאָגנדיק זיך נאָך די אַנטלויפנדיקע זיך צוגערוקט האַרט צום שוועדישן לאַגער, פאַנאַנדערטראָגנדיק פּחד און צעמישונג, שרייענדיק אויף טאָטעריש, וואַלאַכיש, אונגאַריש און פּויליש, אַזוי, אַז די שוועדן האָבן געמיינט, אַז עפּעס מעכטיקע חיילות רוקן-אָן אויף זיי, אפשר דער כאַן מיט דער גאַנצער טאָטערישער אַרמיי.

ס'איז געוואָרן אַ צעמישעניש און אַ ביז-איצט נית געוועזענע נאָך — אַ בהלה, וועלכע עס האָט זיך די אָפיצירן מיט דער גרעסטער מי איינגעגעבן צו דערשטיקן. אָבער דער קיניג, וועלכער איז פון באַגינען אָן געזעסן אויפן פערד, האָט געזען וואָס עס טוט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס עס קאָן פון דעם אַרויסקומען און באַלד פאַרטאָגס צונויפגערופן אַ מלחמה-באַראַטונג.

יענע טרויעריקע באַראַטונג האָט נישט לאַנג געדויערט, ווייל קיין צוויי ברירות זענען נישט געווען. דער מוט אין דער אַרמיי איז געפאַלן, דער זעלנער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן, דעם שונאס מאַכט איז געוואַקסן.

דער שוועדישער אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט דער גאַנצער וועלט צוגעזאָגט נאָכצויאָגן דעם פּוילישן דאַריוס אפילו ביז צו די

סאָטערישע סטעפּעס, האָט שוין איצט נישט חעגן וויי־ערדיקן גע־יעג, נאָר וועגן זיין אייגענער רעטונג געמוזט טראַכטן.

— דורכן סאַן קאָן מען קיין סאַנדאָמיעזש זיך אומקערן, פון דאָרט מיט דער ווייסל קיין וואַרשע און קיין פּרייסן — האָט וויטעמבערג געזאָגט — אויף אַזאַ אופן וועלן מיר ניצול ווערן פון אונטערגאַנג.

דוגלאַס האָט פאַרן קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט:

— אַזוי פיל נצחונות, אַזוי פיל מאַטערנישן, אַזאַ גרויס לאַנד אונטערייאָכט און מיר זאָלן גאָר מוזן זיך אומקערן!

און וויטעמבערג האָט דערויף זיך אָנגערופן:

— האָט איר דען עפּעס אַן אַנדערע עצה?

— כ'האָב נישט! — האָט דוגלאַס געענטפערט.

דער קיניג, וועלכער האָט ביז איצט גאָרנישט גערעדט, האָט זיך אויפגעשטעלט צום צייכן, אַז די זיצונג איז פאַרענדיקט און ער האָט געזאָגט:

— איך באַפעל זיך צוריקצוציען.

מער האָט מען יענעם טאָג קיין איין וואָרט פון זיין מויל נישט געהערט.

די פויקן האָבן געגומען ברומען און די טרומייטן שאַלן אין שוועדישן לאַגער. די ידיעה וועגן באַפעל צוריקצוציען זיך האָט זיך אין איין רגע צעטראָגן פון איין עק אין צווייטן. מ'האָט זי אויפגענומען מיט פרייד ־ אויסגעשרייען. די שלעסער און פעסטונגען זענען דאָך נאָך געווען אין די שוועדישע הענט, דאָרט האָט אויף זיי געוואַרט אויסרו, עסן, זיכערקייט.

די גענעראַלן און די זעלנער האָבן זיך מיט אַזאַ ברען גענומען צו די הכנות אויף צוריקצוציען זיך, אַז דער דאָזיקער ברען, ווי דוגלאַס האָט באַמערקט, האָט אַזש מיט שאַנד געגרענעצט.

דוגלאַסן אַליין האָט דער קיניג אַרויסגעשיקט אין דער פאָדערשטער וואַך, כדי ער זאָל די שווערע דורכגאַנג ־ ערטער אויסבעסערן, די וועלדער רייניקן. באַלד האָט נאָך אים אַרויסמאַרשירט די גאַנצע אַרמיי, אויסגעסדרט ווי צו דער שלאַכט; דעם פראָנט האָבן די האַרמאַטן באַשיצט, דעם הינטן — די לאַגער ־ פורן, ביי־

די זייטן זענען די פּוס-גייער געגאַנגען. די מלחמה-מכשירים און געצעלטן זענען געשווימען מיטן טייך אויף שיפלעך.

די דאָזיקע אַלע פּאָרזיכטיקייט-מיטלען זענען נישט געווען איבעריק, ווייל קוים האָט דער לאַגער זיך גערירט, האָבן די הינטערשטע שוועדישע וואַכן שוין דערזען פּוילישע רייטער, וואָס זענען זיי נאָכגעגאַנגען, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי כמעט שוין קיינמאָל זיי נישט פאַרלוירן פון אויג. טשאַרניעצקי האָט צונויפגענומען די אייגענע פּאָלקן, אַלע אַרומיקע „פּאַרטיעס", האָט געשיקט נאָך נייע פאַרשטאַרקונגען צום קיניג און זיך געלאָזט נאָכגיין די שוועדן. דאָס ערשטע נאַכט-לעגער אין פּשעוואָרסק איז צוגלייך געווען דער ערשטע אַלאַרם. די פּוילישע אָפּטיילונגען האָבן אַזוי נאָענט אָנגעשפּאַרט, אַז אַפּאָר טויזנט פּוס-גייער, צוזאַמען מיט האַרמאַטן, האָבן קעגן זיי געמוזט אַרויסגעשיקט ווערן. אַ ווײַלע האָט דער קיניג אַליין געמיינט, אַז דאָס אַטאַקירט טאַקע טשאַרניעצקי אָבער ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, נאָר אַרויסגעשיקט איין אָפּטיילונג נאָך דער אַנדערער. די דאָזיקע אָפּטיילונגען זענען פון הינטן אָנגעפאַלן, געמאַכט קולות און תיכף זיך צוריקגעצויגן. די נאַכט איז ביז אין דער פרי אַריבער אויף אַזעלכע געראַנגלען; אַן אומרויקע, שלאָפלאָזע נאַכט פאַר די שוועדן.

און דער גאַנצער מאַרש, אַלע קומענדיקע נעכט און טעג האָבן געזאָלט אַזוי אויסזען.

דערווייל האָט דער קיניג טשאַרניעצקין ווידער צוגעשיקט צוויי רייטער-פּאָלקן, גוט באַוואָפנטע, און אויך אַ בריוו, אַז בקרוב וועלן די העטמאַנעס מיטן רעגולערן חייל אַרויסמאַרשירן, און ער אַליין וועט מיט דער רעשט פּוס-גייער און מיט די טאָטערס זיי גיך נאָכקומען. ס'האָבן אים טאַקע נאָך פאַרהאַלטן נאָר די אונטערהאַנדלונגען מיטן כאַן, מיט ראַקאָטשין און מיטן קייזער. טשאַרניעצקי האָט זיך אומגעהייער דערפרייט מיט דער דאָזיקער ידיעה און ווען צומאָרגנס באַגינען האָבן די שוועדן זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין, אין דעם קלין צווישן דער ווייסל און סאַן, האָט דער הער קאַשטעלאַן געזאָגט צום פּאָלקאָווניק פּאָלאַנאָווסקי:

— די נעץ איז אויסגעשפּרייט, די פיש לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע.

— און מיר וועלן טאָן, ווי יענער פישער — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — וועלכער האָט זיי אויף דער פלייט געשפּילט, אַז זיי זאָלן טאַנצן און אַז זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט ער זיי אַרויסגעצויגן אויפן ברעג; ערשט דעמאָלט האָבן זיי גענומען שפּרינגען, אָבער ער האָט זיי גענומען מיטן שטעקן מכבד זיין, זאָגנדיק: „אָ, איר טויגעניכטן! איר האָט געדאַרפט טאַנצן, כל־זמן כ'האָב געבעטן!"

דערויף האָט הער טשאַרניעצקי געזאָגט:

— זיי וועלן טאַנצן, זאָל נאָר דער הער מאַרשאַלעק לובאָ־מירסקי אָנקומען מיט זיין חייל, וועלכעס ציילט פינף טויזנט מאַן.

— אַ ליאַדע רגע וועט ער זיך באַווייזן — האָט הער וואָלאָ־דיאָווסקי געזאָגט.

— עס זענען היינט אָנגעקומען אַ פּאָר שלאַכטשיצעס פון פּאָדגוזשע — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — זיי פאַרזיכערן, אַז ער גייט גיך און איילן, אָבער צי ער וועט וועלן זיך מיט אים פּאַ־רייניקן, אַנשטאַט אויף אייגענער האַנט צו קעמפן, דאָס איז עפּעס אַנדערש!

פאַרוואָס עפּעס? — האָט הער טשאַרניעצקי געפרעגט, שאַרף קוקנדיק אויף זאַגלאָבאַן.

— ווייל דאָס איז אַ מענטש פון אַן אויסערגעוויינלעכער אַמביציע און קנאה. איך קען אים אַ סך יאָרן און בין געווען זיין איש־נאמן. כ'האָב מיך מיט אים באַקענט, ווען ער איז נאָך גע־ווען אַ יינג שררהלע, אין סטאַניסלאַוו, דעם קראָקעווער האַרס הויף־פעכטן האָט ער זיך דעמאָלט געלערנט ביי פראַנצויזן און איטאַ־ליענער און ער איז מוראדיק אויף מ'ר אין כעס געוואָרן, ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז דאָס זענען זענען שלימזלס, וואָס קיינער פון זיי וועט מיך ניט בייקומען. מיר האָבן זיך געוועט און איך אַליין האָב זיבן פון זיי איינעם נאָכן אַנדערן אויסגעצויגן. ער ווי־דער האָט זיך ווייטער געלערנט ביי מיר ניט בלויז פעכטן, נאָר

אויך תּכסיסי־מלחמה. אַ קאָפּ האָט ער בטבע געהאַט אַ טעמפּן; אָבער דאָס, וואָס ער קען, קען ער פון מיר.

— אַזאַ מייסטער זענט איר? — האָט פּאָלאַנאָווסקי געפרעגט.

— נעמט, אַ שטייגער, הער וואָלאָדיאָווסקין, מיין צווייטן תּלמיד. פון אים האָב איך שוין איינמאָל נחת.

— אמת, אַז איר האָט סוועגאָן צעהאַקט?

— סוועגאָן? ווען דאָס וואָלט עמיצן פון אייך געטראָפן, וואָלט ער זיין גאַנץ לעבן געהאַט וואָס צו דערציילן, ער וואָלט נאָך די שכנים צו זיך פאַרבעטן און ביי אַ גלעזל וויין זיי אַלץ־איינאיינעם דערציילט וועגן זיינע גבורות, אָבער איך נעם מיך דערמיט נישט איבער, ווייל ווען כ׳וואָלט וועלן אַלץ אויסרעכענען, וואָלט איך מיט אַזעלכע סוועגאָס דעם וועג אַזש ביז סאַנדאָמיעזש געקענט אויספלאַסטערן. אפשר וואָלט איך נישט געקענט? זאָגט, ווער עס קען מיך!

— דער פעטער וואָלט געקענט! — האָט ראָך קאָוואַלסקי זיך אָנגערופן.

הער טשאַרניעצקי האָט נישט געהערט דעם ווייטערדיקן המשך פון שמועס, ווייל ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט איבער זאַגלאָבאַס ווערטער. אויך ער האָט געקענט הער לובאָמירסקיס אַמביציע און איז נישט מסופק געווען, אַז אָדער ער וועט וועלן אים זיין רצון אָנוואַרפן, אָדער ער וועט אויף אייגענער האַנט פירן די מלחמה, ווען אַפילו דאָס זאָל זיין לרעה פון דער רעפּובליק.

זיין שטרענג פּנים איז דעריבער טריב געוואָרן און ער האָט גענומען דרייען די באָרד.

— אָהאָ! — האָט זאַגלאָבאַ צו יאַן סקשעטוסקין אַ שעפּטשע־געטאָן — טשאַרניעצקי קייעט שוין דאָרט עפּעס ביטערעס, ווייל דאָס פּנים איז אים ענלעך געוואָרן אויפן פּנים פון אַן אָדלער, באַלד וועט ער דאָ עמיצן אַ פּיק־טאָן.

אין־דעם האָט הער טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן:

— ס׳איז נויטיק, אַז עמיצער פון אייך זאָל מיט אַ בריוו פון מיר צום הער לובאָמירסקי פאָרן.

— איך קען אים און נעם עס זיך אונטער — האָט הער יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— גוט — האָט דער פירער געענטפערט — וואָס חשובער דער שליח, אַלץ בעסער...

זאַגלאָבאַ האָט זיך געווענדעט צו וואָלאָדיאָווסקין און געזאָגט:

— ער רעדט שוין אונטער דער נאָז, אַ סימן, אַז ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט.

הער טשאַרניעצקי האָט טאַקע געהאַט אַ זילבערנעם גומען, ווייל אַן אייזענער קויל האָט אים ביי בושא מיט יאָרן צוריק גע־האַט אַרויסגעריסן. איז יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אויפגע־רעגט, בייז און אומרויק, פלעגט ער שטענדיק רעדן מיט אַ שאַר־פער און קלינגנדיקער שטים.

מיט אַמאָל האָט ער זיך איצט געווענדעט צו זאַגלאָבאַן:

— און אפשר וואָלט איר אויך געפאָרן מיטן הער סקשע־טוסקי?

— זייער גערן — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — אויב איך וועל נישט פועלן, וועט קיינער נישט פועלן. אגב, צו אַ מענטשן פון אַזאַ גרויסן יחוס וועט אין צווייען זיין פאַסיקער.

טשאַרניעצקי האָט פאַרביסן די ליפּן, אַ ציפּ־געטאָן די באָרד און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— גרויסער יחוס... גרויסער יחוס...

— דאָס וועט דעם הער לובאָמירסקי קיינער נישט אָפּפרעגן — האָט זאַגלאָבאַ באַמערקט.

און טשאַרניעצקי האָט די ברעמען געקנייטשט:

— די רעפּובליק אַליין איז גרויס און לגבי איר זענען נישטאָ קיין גרויסע מיוחסים, נאָר קליינע, און הלוואי זאָלן איז דער ערד איינגעזונקען ווערן די, וואָס פאַרגעסן וועגן דעם!

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל ער האָט עס זייער מעכטיק געזאָגט, און ערשט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן:

— לגבי דער גאַנצער רעפּובליק האָט איר רעכט!

— איך בין אויך נישט פון הינטערן אויוון אַפּער — האָט טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן — און דאָך האָבן מיר ווי׳ גענטאָן די קאָזאַקן, וועלכע האָבן מיר דאָס מויל דורכגעשאָסן, און איצט טוט מיר ווי דער שווער און אָדער איך וועל דעם דאָזיקן ווייטאָק מיט דער שווערד אַוועקהאַקן, אָדער איך וועל אַליין פ׳ן אים אונ־טערגיין, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן!

— און מיר ווילן צוהעלפן מיט אונזער בלוט! — האָט פּאָלאַנאָווסקי געזאָגט.

טשאַרניעצקי האָט נאָך אַ געוויסע צייט געקייעט דאָס ביטערניש, וואָס האָט איבערפולט זיין האַרץ אויפן געדאַנק, אַז ד׳ אַמביציע פון הער מאַרשאַלעק קאָן אים שטערן צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, לסוף האָט ער זיך באַרויקט און געזאָגט:

— דאַרף מען, הייסט עס, דעם בריוו אָנשרייבן. איך בעט אייך מיט מיר מיטגיין.

יאַן סקשעטוסקי און זאַגלאָבאַ זענען אים נאָכגעגאַנגען, און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן זיי זיך געזעצט אויף די פערד און געפאָרן צוריק קיין ראַדימנאָ, ווייל עס זענען געווען דיעות, אַז דער הער מאַרשאַל מיט דער אַרמיי האָט זיך דאָרט גראָד אָפּגעשטעלט.

— יאַן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט, טאַפּנדיק דעם בייטל, אין וועלכן ער האָט געפירט הער טשאַרניעצקיס בריוו — טו מיר די טובה און לאָז מיך אַליין רעדן צום מאַרשאַל.

— און דער פּאָטער האָט אים טאַקע באמת געקענט און אים פּעכטן געלערנט?

— ע! ס׳האָט זיך נאָר גלאַט אַזוי גערעדט, כּדי די צונג זאָל נישט צעווייקט ווערן, וואָס עס קאָן זיך לייכט טרעפן פון אַ צו לאַנגן שווייגן. נישט איך האָב אים געקאָנט, און נישט איך האָב אים געלערנט. האָב איך דען נישט עפּעס בעסערס צו טאָן, ווי צו זיין אַ בערן־טרייבער און צו לערנען דעם הער מאַרשאַל, ווי אַזוי צו גיין אויף די הינטערשטע פיס? אָבער דאָס איז אַלץ איינס. איך האָב אים גוט דערקענט פון דעם, וואָס די מענטשן ערציילן וועגן אים און כ׳וועל אים אויסקנעטן אַזוי, ווי אַ קעכין ד׳

קלויסקעס. נאָר איין זאַך בעט איך דיך: זאָג נישט, אַז כ׳האָב אַ בריוו פון הער טשאַרניעצקין און דערמאָן נישט אַפילו וועגן אים, ביז איך וועל אים אַליין נישט אָפּגעבן.

— ס׳טייטש? זאָל איך, הייסט עס, נישט אויספירן די פונקציע, מיט וועלכער מ׳האָט מיך געשיקט? דאָס האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געטאָן און וועל עס נישט טאָן. ס׳קאָן נישט זיין! ווען אַפילו הער טשאַרניעצקי זאָל עס מיר מוחל זיין, וועל איך דאָס נישט טאָן פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט!

— וועל איך אַרויסציען די שווערד און דיין פערד דעם פוס - באַשלאָג אונטערהאַקן, כדי דו זאָלסט מיר נישט קאָנען נאָכלויפן. האָסטו שוין אַמאָל געזען, אַז איך זאָל מיט מיינער אַ המצאה נישט אויספירן דאָס, וואָס איך וויל? האָסטו שלעכט אָפּגעשניטן פון זאַגלאָבאַס איינפאַלן? האָט שלעכט אָפּגעשניטן הער מיכאַל, אָדער אַפילו דיין האַלשקע? אָדער גאָר מיר אַליין, ווען איך האָב איינך פון ראַדזיווילס האַנט אַרויסגעריסן? כ׳זאָג דיר, אַז פון דאָזיקן בריוו קאָן גיכער אַרויסקומען אַ רעה, איידער אַ טובה, ווייל דער הער קאַשטעלאַן האָט אים געשריבן אין אַזאַ אויפרעגונג, אַז ער האָט דריי פעדערן צעבראָכן. איבעריקנס, ווען מיינע איינפאַלן וועלן זיך נישט איינגעבן, איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך וועל אים דעמאָלט אַליין אָפּגעבן, אָבער נישט פריער.

— אַבי כ׳זאָל אים קאָנען אָפּגעבן, איז מיר קיין חילוק נישט ווען.

— מער דאַרף איך אויך נישט! און איצט היידאַ, ווייל דער וועג איז אַ שווערער.

זיי האָבן אַ טרייב - געטאָן די פערד און געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ. אָבער זיי האָבן נישט געדאַרפט לאַנג פאָרן, ווייל דעם מאַרשאַלס פאָדערשטע וואַכן האָבן שוין געמיטן נישט בלויז ראַדימנאָ, נאָר אויך יאַראָסלאַוו, און ער אַליין האָט זיך געפונען אין יאַראָסלאַוו און איז געשטאַנען אין דער פריערדיקער קוואַרטיר פון שוועדישן קיניג.

זיי האָבן אים געטראָפֿן בײַם מיטאָג, מיט די חשובֿסטע אָפּיצירן. ווען זיי האָבן זיך אָבער אָנגעמעלדעט, האָט לובאָמירסקי געהייסן זיי תּיכּף אויפֿנעמען, ווײַל ער האָט געקענט זייערע נעמען מחמת זיי זענען דעמאָלט באַרימט געווען אין דער גאַנצער רע פּובליק.

ווען זיי זענען אַרײַנגעקומען, האָבן אַלעמען אויגן זיך אַ קער געטאָן צו זיי; באַזונדערס האָט מען מיט באַוווּנדערונג און נײַגעריקייט געקוקט אויף סקשעטוסקין, און דער מאַרשאַל, וועלכער האָט זיי שוין באַגריסט, האָט באַלד געפֿרעגט:

— צי האָב איך פֿאַר זיך דעם באַרימטען ריטער, וועלכע האָט די בריוו פֿון באַלאַגערטן זבאַראַזש צום קיניג אַריבערגעפֿירט?

— איך האָב זיך דאָס דורכגעגנבֿעט — האָט הער יאַן געענטפֿערט.

— זאָל מיך גאָט מזכּה זײַן מיט וואָס מער אַזעלכע אָפּיצירן! מיט קיין שום זאַך בין איך דעם הער טשאַרניעצקי נישט אַזוי מקנא, איבעריקנס, ווייס איך, אַז אויך מײַנע קליינע פֿאַרדינסטן וועלן נישט פֿאַרגעסן ווערן.

— און איך בין זאַגלאָבאַ! — האָט דער אַלטער ריטער געזאָגט, אַרויסרוקנדיק זיך פֿאָרויס.

דאָ האָט ער מיטן אויג אַפּיר געטאָן איבער די פֿאַרזאַמלטע; און דער מאַרשאַל, וועלכער האָט אַלע געוואָלט געווינען פֿאַר זיך, האָט באַלד אויסגעשריגן:

— ווער ווייסט דאָס נישט וועגן דעם מאַן, וועלכער האָט בורלאַין, דעם באַרבאַרישן מאַן, צעהאַקט, וועלכער האָט ראַדזיווילן דאָס חיל אויפֿגעבונטעוועט...

— און דעם הער סאַפּיעהאַ האָב איך צוגעפֿירט דאָס חיל, וועלכעס האָט, דעם אמת געזאָגט, מיך און נישט אים פֿאַר אַ פֿירער אויסגעקליבן — האָט זאַגלאָבאַ צוגעגעבן.

— און איר האָט, קאָנענדיק האָבן אַזאַ הויכן אַמט, געוואָלט זיך פֿון אים אָפּזאָגן און בײַ הער טשאַרניעצקין אין דינסט אַרײַנגטרעטן?

דערויף האָט זאַגלאָבאַ אַפּינטל־געטאָן מיטן אויג צו סקשעטוסקין און געענטפערט:

— הויך־וויל געבוירענער הער מאַרשאַל, סיי איך און ס-דאָס גאַנצע לאַנד נעמען זיך פון אייך אַראָפּ אַ מוסר־השׂכל, ווי אַזוי מען דאַרף צוליב טובת־הכּלל פון אַמביציע און פּריוואַטן נוצן זיך אָפּזאָגן.

לובאָמירסקי איז רויט־געוואָרן פון צופרידנקייט, און זאַגלאָבאַ האָט זיך אָנגענומען פאַר די זייטן, און ווייטער געזאָגט:

— הער טשאַרניעצקי האָט בכּיון אונז געשיקט, כּדי מיר זאָלן אייך, הויכוווירדיקער הער, אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון דער גאַנצער אַרמיי גריסן, און אינאיינעם דערמיט אויך מודיע זיין וועגן באַדייטנדיקן נצחון, וואָס גאָט האָט אונז דערלויבט אָפּצוהאַלטן איבער קאַנעבערגן.

— מיר האָבן שוין וועגן דעם געהערט — האָט גענוג טרוקן געזאָגט דער מאַרשאַל, אין וועלכן ס׳האָט זיך שוין געוועקט די קנאה — אָבער מיר וועלן גערן נאָכאַמאָל הערן פון דעם מויל פון אַן עד־ראיה.

דערהערנדיק דאָס האָט הער זאַגלאָבאַ באַלד גענומען דערציילן, נאָר מיט מאַנכע שנויים, ווייל קאַנעבערגס כּוחות זענען אין זיין מויל אויסגעוואַקסן אין צוויי טויזנט מאַן. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן צו דערמאַנען וועגן סוועניאָן, וועגן זיך, וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳האָט פאַרן קיניגס אויגן האַרט ביים טייך די רעשט רייטער אויסגעקוילעט, ווי אַזוי די וועגנס און דריי הונדערט מענטשן פון דער גוואַרדיע זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די גליקלעכע זיגער, הקיצור, דער נצחון איז אין דער שילדערונג אויסגעוואַקסן אין אַן אומגעהייערער מפּלה פאַר די שוועדן.

אַלע האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט, ס׳האָט אויך אויסגעהערט דער הער מאַרשאַל, אָבער ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אָנגעכמורעט און דאָס פּנים איז אים פאַרשטאַרט געוואָרן ווי אַ שטיק אייז, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— איך לייקן נישט, אַז הער טשאַרניעצקי איז אַן אויסגעצייכנטער מלחמה־מאַן, אָבער אַליין וועט ער דאָך אַלע

שוועדן נישט אויפעסן און פאַר אַנדערע וועט אויך נאָך אַ ביסן פאַרבלייבן.

דערויף האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— הויך · וויל · געבוירענער הער, נישט הער טשאַר-ניעצקי האָט דאָס דעם דאָזיקן נצחון אָפּגעהאַלטן.

— נאָר ווער?

— נאָר לובאָמירסקי!

אַ ווײַלע זענען אַלע געווען פאַרבליפט. דער הער מאַרשאַל האָט דאָס מויל אויפגעמאַכט, מיט די אויגן געגומען פינטלען און געקוקט אויף זאַגלאָבאַן מיט אַזאַ פאַרחידושטן בליק, ווי ער וואָלט אים ווען פרעגן:

— זענט איר נישט אַמאָל חסר · דעה?

אָבער הער זאַגלאָבאַ האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטומלען, אדרבא, ער האָט דאָס מויל מיט גרויס גדלות אָנגעבלאָזן (די דאָ-זיקע העויה האָט ער איבערגענומען פון הער זאַמאָיסקין) און געזאָגט:

— כ'האָב געהערט, ווי טשאַרניעצקי אַליין האָט געזאָגט פאַר דער גאַנצער אַרמיי: „נישט אונזערע שווערדן שלאָגן, נאָר זאָגט ער לובאמירסקיס נאָמען שלאָגט, ווייל ווען זיי (זאָגט ער) האָבן דער-שנאַפּט, אַז אָט · אָט קומט ער אָן, איז זיי באַפאַלן אַזאַ פּחד, אַז אין יעדן זעלנער זעען זיי דעם מאַרשאַלס אַרמיי און זיי גייען ווי די שעפּסן צו דער שחיטה".

ווען אַלע שטראַלן פון דער זון וואָלטן מיט אַמאָל געפאַלן אויפן הער מאַרשאַלס פּנים, וואָלט דאָס דאָזיקע געזיכט נישט גע-קאָנט מער אויסלייטערן זיך.

— היתּכן? — האָט ער אויסגעשריגן — טשאַרניעצקי אַליין האָט דאָס געזאָגט?

— יאָ, און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, אָבער כ'ווייס נישט, צי כ'מעג זיי איבערחזרן, ווייל ער האָט נאָר צו זײַנע מקורבים גערעדט.

— דערציילט, דערציילט! הער טשאַרניעצקיס יעדע וואָרט איז ווערט אַז מ׳זאָל עס הונדערט מאָל איבערחזורן. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש און כ׳האָב דאָס שוין לאַנג געזאָגט!

זאַגלאָבאַ האָט צופינטלענדיק מיט איין אויג, אויפן מאַרשאַל אַ קוק - געטאָן און געברומט אונטער דער נאָז:

— האָסט זיך געלאָזט כאַפּן אויף די ווענדקע, איך וועל דיך דאָ באַלד אויסציען.

— וואָס זאָגט איר? — האָט דער מאַרשאַל געפרעגט.

— איך זאָג, אַז די אַרמיי האָט לכבוד אייך אַזוי געוויוואַטעוועט, אַז בעסער וואָלט עס שוין דעם האַר קיניג ניט געוויוואַטעוועט. און אין פּשעוואָרסק, ווען מיר האָבן די שוועדן אַ גאַנצע נאַכט צרות אָנגעטאָן, איז יעדעס מאָל, ווען אַ פּאָלק האָט אָנגעגריפן, האָט עס געשריגן: „לובאָמירסקי! לובאָמירסקי” און דאָס האָט מער פּעולה געהאַט, ווי אַלע „אַלאַ!„ און „שלאָג הרגע!” פאַראַן דאָ אַן עדות, הער סקשעטוסקי, אַ זעלנער אויך נישט אַבי־ווער, וועלכער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט.

דער מאַרשאַל האָט אומגערנווילִיק אַ קוק - געטאָן אויף סקשעטוסקין, וועלכער איז ביז איבער די אויערן רויט געוואָרן און גענומען עפּעס מורמלען אונטער דער נאָז.

דערווייל האָבן דעם מאַרשאַלס אָפיצירן גענומען אויף אַ קול לויבן די שליחים.

— זייער פּיין האָט הער טשאַרניעצקי געטאָן, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אַזעלכע איידעלע ריטער! ביידע זענען די חשובסטע ריטער, און איינעם רינט פּשוט האָניג פון מויל!

— איך האָב שטענדיק געהאַלטן פון הער טשאַרניעצקין, אַז ער איז מיינער אַ פריינט, אָבער איצט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך וועל פאַר זיינעטוועגן נישט טאָן! — האָט אויסגעשריגן דער מאַרשאַל, וועמענס אויגן זענען פון גרויס נחת אַזש מיט אַ נעפּל פאַרלאָפן געוואָרן.

דערויף איז הער זאַגלאָבאַ אַריין אין התלהבות:

— הויך־ וויל־ געפּירצנער הער! ווער וואָלט אייך נישט אָפּרערט, ווער וואָלט אייך נישט נושא־פּנים געווען, אייך, וואָס איר פאַרקערפּערט אַלע בירגערלעכע גוטע מדות, וואָס מיט אייער יושר דערמאָנט איר אַריסטידעסן, און מיט אייער גבורה — די סציפּיאָס! אַסך ביכער האָב איך אין מיין לעבן געלייענט, אַסך דורכגעטראַכט און דאָס האַרץ איז מיר צעריסן געוואָרן פון צער, ווייל וואָס האָב איך דערזען אין דער דאָזיקער רעפּובליק! די אָפּאַלינסקיס, די ראַדזשעיאָווסקיס, די ראַדזיוווילס, וועלכע האָבן די אייגענע גדלות, די אייגענע אַמביציע טייערער געהאַלטן פון אַלץ און זענען צוליב פּריוואַטן נוצן יעדע רגע עלול געווען פון אייגענעם פאָטערלאַנד אָפּצוקערן. כ'האָב זיך דעריבער געטראַכט: עס גייט אונטער די רעפּובליק דורך די זינד פון די אייגענע זין! אָבער ווער האָט מיך געטרייסט, ווער האָט מיר אין מיין יאוש מוט צוגעגעבן? הער טשאַרניעצקי! „זי גייט נאָך נישט אונטער — האָט ער געזאָגט — קוים לעבט אין איר לובאָמירסקי. יענע (זאָגט ער) טראַכטן וועגן זיך, ער ווידער קוקט נאָר, זוכט נאָר, ווו ער זאָל פון זיין אייגענעם נוצן קאָנען ברענגען אַ קרבן אויפן מזבח פון כּלל, יענע רוקן זיך אַרויס, ער רוקט זיך אַוועק, ווייל ער וויל דינען פאַר אַ ביישפּיל. אָט אויך איצט (זאָגט ער) קומט ער אָן מיט דער גאַנצער מעכטיקער און זיגרייכער אַרמיי, און שוין (זאָגט ער) הער איך, אַז ער וויל מיר די קאָמאַנדע איבער זיך אָפּטרעטן, כּדי אַנדערע זאָלן זיך אַ מוסר־השכל אַראָפּנעמען, ווי אַזוי מ'דאַרף אַמביציע, אַפילו אַ באַרעכטיקטע, פאַרן פאָטערלאַנד מקריב זיין. פאָרט דעריבער (זאָגט ער) צו אים, טיילט אים מיט, אַז איך וויל נישט דעם דאָזיקן קרבן, ווייל ער איז אַ בעסערער פירער פון מיר, ווייל איבעריקנס, זענען מיר אים גרייט נישט בלויז פאַר אַ פירער, נאָר — זאָל גאָט געבן אונזער קאַזשימיעזשן לאַנגע יאָרן — פאַר אַ קיניג אויסצוקלייבן!!... און... מיר וועלן אויסקלייבן!!!

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ אַליין זיך אַביסל איבערגעשראָקן, צי ער האָט נישט אַמאָל די מאָס אַריבערגעכאַפּט און ווירקלעך איז נאָכן אויסגעשריי: „מיר וועלן אויסקלייבן!“ שטיל געוואָרן; אָבער

פאַרן מאַגנאַט האָט זיך נאָר דער הימל געעפנט, תּחילת איז ער אַ ביסל בלאַס געוואָרן, דערנאָך איז ער רויט געוואָרן, דערנאָך ווידער בלאַס געוואָרן און טיף אָטעמענדיק האָט ער נאָך אַ ווײַלע שטיל שווײַגן געזאָגט:

— די רעפּובליק האָט און וועט שטענדיק האָבן די שליטה איבער איר ווילן, ווײַל אויף דעם שטיצן זיך די אַלטע יסודות פון אונזערע פרײַהייטן... אָבער איר בין נאָר אַ דינער פון אירע דינער און גאָט איז מײַן עדות, אַז איך הייב נישט אויף די אויגן אויף יענע הויכקייטן, אויף וועלכע אַ בירגער דאַרף נישט קוקן... וואָס שייך דער קאָמאַנדע איבערן חייל... מוז הער טשאַרניעצקי די איבערנעמען. איך וויל טאַקע געבן אַ בײַשפּיל יענע, וואָס האָבנ־דיק פסדר אין זינען די גדולה פון זייער משפחה, ווילן זיי קיין שום העכערע מאַכט נישט אַנערקענען, ווי אַזוי מען דאַרף צוליב דער טובה פון כּלל פאַרגעסן די גדולה פון דער אייגענער משפחה. און דערפאַר, הגם איך בין אפשר גאָרנישט אַזאַ שלעכטער פירער, פונדעסטוועגן גיי איך, לובאָמירסקי, גוטוויליק אונטער הער טשאַר־ניעצקיס קאָמאַנדע, בעטנדיק צו גאָט נאָר וועגן דעם, אַז ער זאָל אונדז באַווײַלקן מזכּה צו זײַן מיט אַ נצחון איבערן שונא!

— רוימער! פּאַטער פון פּאָטערלאַנד! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי־ געטאָן, אָנכאַפּנדיק דעם מאַרשאַלס האַנט און צודריקנדיק זי צו זײַנע ליפּן.

אָבער דאָ האָט דער אַלטער פוקס גלײַכצײַטיק דאָס אויג אויף סקשעטוסקין אָנגעשטעלט און גענומען מיט אים כּסדר פּינטלען.

ס'האָבן זיך דערהערט הילכיקע אויסגעשרייען פון די אָפי־צירן און זעלנער. דער עולם אין דער קוואַרטיר איז גרעסער גע־וואָרן מיט יעדער מינוט.

— ווײַן! — האָט דער הער מאַרשאַל אויסגערופן.

און אַז מ'האָט אַרײַנגעבראַכט די בעכערס, האָט ער באַלד געטרינקען פאַרן געזונט פון קיניג, דערנאָך פון הער טשאַרניעצקין, וועלכן ער האָט גערופן „מײַן פירער", און צום סוף פון די שליחים. זאַגלאָבאַ איז נישט געבליבן הינטערשטעליק מיט די טאָסטן און

האָט אזוי אַלעמענס הערצער גערירט, אַז דער מאַרשאַל אַליין האָט זיי ביז איבער דער שוועל אַריבער באַגלייט און די ריטער — אַזש ביז צו די ראַגאַטקעס פון יאַראָסלאָוו.

צום סוף זענען זיי געבליבן אַליין; דעמאָלט איז זאַגלאָבאַ סקשעטוסקין דעם וועג פאַרפאָרן, האָט דאָס פערד איינגעהאַלטן און אָנכאַפנדיק זיך פאַר די זייטן, האָט ער געזאָגט;

— נו וואָס זאָגסטו, יאַן?

— בנאמנות! — האָט סקשעטוסקי געענטפערט — ווען איך וואָלט עס מיט די אייגענע אויגן נישט געזען און מיט די אייגענע אויערן נישט געהערט, וואָלט איך נישט וועלן גלויבן, ווען אפילו אַ מלאך וואָלט מיר דאָס דערציילט.

און הער זאַגלאָבאַ האָט געזאָגט:

— האַ? וואָס? כ'שווער דיר, אַז טשאַרניעצקי האָט העכסטנס אויפגעפאָדערט און געבעטן לובאמירסקין, אַז ער זאָל מיט אים גיין האַנט ביי האַנט. און ווייסטו וואָס ער וואָלט געוועזן געפועלט? אָט דאָס, אַז לובאמירסקי וואָלט געגאַנגען באַזונדער, ווייל אויב אין בריוו האָט ער אים באַשווירן אין נאָמען פון ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד און אויב עס איז נאָך עפּעס דערמאָנט געוואָרן וועגן אייגענעם נוצן, (און כ'בין זיכער, אַז עס איז דערמאָנט געוואָרן) וואָלט דער הער מאַרשאַל זיך באַלד געוועזן אָנגעבלאָזן און געזאָגט: „ער וויל אפשר ווערן מיין וועג - ווייזער און מיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף דעם פאָטערלאַנד דינען?...” איך קען זיי!! צום גליק האָב איך גענומען די זאַך אין דער האַנט אַריין, בין געפאָרן און קוים האָב איך דאָס מויל געעפנט, וויל שוין לובאמירסקי נישט בלויז גיין צוזאַמען, נאָר ער וואַרפט זיך אויך אונטער אַ קאָמאַנדע. הער טשאַרניעצקין ווערט דאָרט דער קאָפּ צעפלאַצט פון דאגה, אָבער איך וועל אים טרייסטן... נו וואָס, יאַן, זאַגלאָבאַ קאָן זיך מיט מאַגנאַטן אַן עצה געבן?

— איך זאָג אייך, אַז כ'האָב פון פאַרוווּנדערונג די פאַרע פון מויל נישט געקאָנט אַרויסלאָזן.

— איך קען זיי! ווייז נאָר עמיצן אַ קרוין און דעם עק פון אַ גראָנאָסטאַיענעם מאַנטל, וועט ער זיך לאָזן גלעטן, ווי אַ

הינטל. ער וועט זיך נאָך איינבויגן און אַליין דעם רוקן אונטער־
שטעלן... קיין שום קאַץ וועט זיך נישט אַזוי באַלעקן אַפילו אַז
דו וועסט איר ווייזן אַ פולע שיסל מיט גריוון. דעם ערלעכסטן
וועלן די אויגן פון גלוסטעניש אַרויסקריכן, און אַז מ׳טרעפט זײַן
אויף אַן אויסוורף, ווי, למשל, דער ווילנער פירשט וואָיעוואָדע
איז ער אויך מסוגל דאָס פאָטערלאַנד צו פאַרראַטן. ווי פּוסט די
מענטשן זענען! גאָט מײַנער! ווען דו וואָלסט מיר געגעבן אַזוי
פיל טויזנטער, וויפיל קאַנדידאַטן דו האָסט באַשאַפן פאַר דער דאָ־
זיקער קרוין, וואָלט איך אַליין אויך קאַנדידירט... ווייל אויב ווער
פון זיי מיינט, אַז איך האַלט מיך פאַר אַן ערגערן פון זיי, זאָל
אים פון זיין אייגענער גדלות דער בויך אויפפּלאַצן... זאַגלאָבאַ איז
פּונקט אַזאַ יחסן, ווי לובאָמירסקי, דער חילוק איז נאָר אין פאַר־
מעגן... יאָ, יאָ, יאַן... דו מיינסט אַז כ׳האָב אים טאַקע אין דער
האַנט אַ קוש־געטאָן? כ׳האָב זיך אַליין אין גראָבן פינגער אַ
קוש־געטאָן, און אים האָב איך נאָר מיט דער נאָז אַ רייב־גע־
טאָן... אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, האָט אים אַוודאי נאָך קיינער אַזוי
אין באָד אַריין נישט געפירט׳ כ׳האָב אים ווייך געמאַכט ווי פּוטער
פאַרן הער טשאַרניעצקי... זאָל גאָט געבן אונזער קיניג אריכת
ימים, אָבער אין פאַל פון וואַלן, וואָלט איך בעסער וועלן פאַר זיך
די שטים אָפּגעבן, איידער פאַר אים... ראָך קאָוואַלסקי וואָלט פאַר
מיר די צווייטע שטים אָפּגעגעבן, און הער מיכאַל וואָלט די קעג־
נער אויסגעקוילעט... כ׳שווער דיר ביי גאָט! כ׳וואָלט דיך באַלד
פאַרן גרויסן קרוין־העטמאַן געמאַכט, דעם הער מיכאַל נאָך סאַ־
פּיעהאַן פאַרן ליטווישן גרויס־העטמאַן... און זשענדזשאַנען פאַר
שאַץ־מייסטער... ער וואָלט דאָס די יידן מיט שטייערן פאַר־
וואָרפן!.. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן; דער עיקר איז, וואָס
כ׳האָב לובאָמירסקין אויף דער ווענדקע געכאַפּט, און דאָס שנירל
וועל איך טשאַרניעצקין אין דער האַנט אַרייַנלייגן. ווי עס זאָל נישט
זיין, די שוועדן וועלן האָבן אַ מיאוסן סוף און וועמענס פאַרדינסט
וועט דאָס זיין? וועמס? וועגן אַן אַנדערן וואָלטן די כראָניקער גע־
שריבן, אָבער איך האָב נישט קיין מזל... גוט נאָך, אויב טשאַר־
ניעצקי, וועט אויפן זקן דעם כעס נישט אויסלאָזן דערפאַר, וואָס

ער האָט דעם בריוו נישט אָפּגעגעבן... אַזאַ איז שוין די מענטשלעכע דאַנקבאַרקייט... האַ! נישט צום ערשטן מאָל טרעפט עס מיר, נישט צום ערשטן מאָל... אַנדערע זיצן אויף סטאַראָסטוועס און ווערן ווי די חזירים מיט פעטס באַוואַקסן, און דו אַלטער טרייסל דיר ווייטער דעם בויך אויף דער שקאַפּע...

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט.

— כאַפּט דער טייוול די מענטשלעכע דאַנקבאַרקייט! סיי ווי מוז מען שטאַרבן, און דעם פאָטערלאַנד' איז דאָך ליב צו דינען. דער בעסטער שכר איז אַ גוטע חברותא. אַז אַ מענטש זעצט זיך אַמאָל אויפן פערד, איז ער מיט אַזעלכע חברים, ווי דו און מיכאַל, גרייט צו פאָרן אין עק וועלט... אַזוי איז שוין די פוילישע טבע. געניג נאָר אַמאָל אויפן פערד זיך צו זעצן. דער דייטש, דער פראַנצויז, דער ענגלענדער אָדער טונקל־הויטיקער שפּאַניער, שלינגט באַלד אין די אויגן אַריין, און דער פּאָליאַק, בטבע אַ סבלן, וועט אַ סך אַריבערטראָגן, לאַנג זיך לאָזן אַפילו פון אַזאַ שווערע צרות אָנטאָן, אָבער אַז דאָס מעסטל פון געדולד גייט איבער, וועט ער אַ דערלאַנג־טאָן אין פּיסק, אַז אַזאַ שווער וועט זיך דריי מאָל איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... ווייל מוט איז נאָך פאַראַן, און כּל־זמן מוט איז נאָך דאָ, וועט די רעפּובליק אַ קיום האָבן. נעם דיר דאָס גוט אין זינען אַריין, יאַן...

און לאַנג האָט נאָך הער זאַגלאָבאַ אַזוי אייַנגעטענהט, ווייל ער איז זייער צופרידן געווען פון זיך, און אין אַזאַ פאַל פלעגט ער תמיד זיין אויסערגעוויינלעך באַרעדעוודיק און פול מיט קלוגע געדאַנקען.

6. קאַפּיטל.

טשאַרניעצקי האָט באמת נישט דערוועגט זיך אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, אַז דער הער קרוין־מאַרשאַל זאָל זיך אונ־טערוואַרפן זיין קאָמאַנדע, ער האָט נאָר געוואָלט, אַז זיי זאָלן קעמפן צוזאַמען און ער האָט מורא געהאַט, אז אויך דאָס וועט, מחמת דעם מאַרשאַלס גרויסער אַמביציע, נישט צושטאַנד־קומען, ווי רים דער שטאָלצער שררה האָט שוין נישט איינמאָל פריער זיך געהאַט אָנגערופן צו זיינע אָפיצירן, אַז ער וויל בעסער אויף אייגענער האַנט אונטערקומען די שוועדן, ווייל ער קאָן אויך אַזוי עפּעס אויפטאָן, און ווען ער וואָלט צוזאַמען מיט טשאַרניעצקין אַ נצחון אָפּגעהאַלטן, וואָלט דעמאָלט אַלץ געגאַנגען אויף טשאַרניע־צקיס חשבון.

און עס וואָלט טאַקע אַזוי אויך געווען. טשאַרניעצקי האָט פאַרשטאַנען דעם מאַרשאַלס טעמים און ער האָט זיך מצער געווען־נאָכדעם, ווי ער האָט דעם בריוו פון פשעוואָרסק אַרויסגעשיקט, האָט ער איצט צום צענטן מאָל זיין קאָפּיע איבערגעלייענט, ווילנדיק

זיך איבערצייגן, צי ער האָט נישט אָנגעשריבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַזאַ עפּפינדלעכן מענטש קאָנען פּוגע - בכּבוד זיין.

און ער האָט חרטה געהאַט אויף מאַנכע אייסדרוקן, צום סוף האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט בכלל דעם בריוו אַרויסגעשיקט. ער איז בכן געזעסן אַן אומעטיקער אין זיין קוואַרטיר און איז יעדע ווייל צום פענסטער צוגעגאַנגען און געקוקט אויפן וועג, צי די שליחים קערן נישט צוריק. ס'האָבן אים דורכן פענסטער געזען די אָפיצירן און זיי האָבן זיך משער געווען, וואָס מיט אים טוט זיך, ווייל מ'האָט די דאגה געזען בחוש אויף זיין פּנים.

— גיט אַ קוק — האָט פּאָלאַנאָווסקי געזאָגט צו וואָלאָדיאָווסקין — קיין גוטס וועט נישט זיין, ווייל אויפן קאַשטעלאַנס פּנים בייטן זיך די קאָלירן, און דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

טשאַרניעצקיס פּנים איז טאַקע פול געווען מיט שפּורן פון פּאָקן און אין מאָמענטן פון גרויסער אויפרעגונג אָדער אומרויקייט, האָט עס זיך באַדעקט מיט ווייסלעכע און טונקעלע פלעקן, און היות ער האָט געהאַט שאַרפע שטריכן, אַ זייער הויכן שטערן מיט בייזע יופּיטער - ברעמען, אַ געבויגענע נאָז און ממש אַ דורכשטעכנדיקן בליק, איז ווען די דאָזיקע פלעקן האָבן אים באַדעקט, איז ער געוואָרן שרעקלעך! די קאָזאַקן האָבן אים אין זיין צייט געגעבן דעם צונאָמען: געפלעקטער הונט, אָבער למען האמת, איז ער גיכער אויף אַ געפלעקטן אָדלער ענלעך געווען, און אַז ער פלעגט פירן דאָס פּאָלק צו אַן אַטאַקע מיט אַ צעפלאַטערטער בורקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי ריזיקע פליגל, האָט דעמאָלט די דאָזיקע ענלעכקייט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון די אייגענע און פון די שונאים.

ער האָט אויך געוועקט אַן אימה ביי די ערשטע און ביי די צווייטע. פאַר די צייטן פון די קאָזאַקן - מלחמות האָבן די אָנפירער פון די מעכטיקע באַנדעס פאַרלוירן די קעפּ, אַז עס איז זיי אויסגעקומען צו שלאָגן זיך מיט טשאַרניעצקין. כמיעלניצקי אַליין האָט פאַר אים מורא געהאַט, און בפרט פאַר זיינע עצות, וועלכע ער האָט דעם קיניג געגעבן. זיי האָבן דאָס די קאָזאַקן געהאַט צו פאַרדאַנקען די שרעקלעכע מפּלה ביי בערעסטעשקאָ. אָבער זיין רום

איז דער עיקר אויסגעוואַקסן נאָך דער שלאַכט ביי בערעסטעטשקא ווען בשותפות מיט די טאַטערס איז ער די סטעפּעס ווי אַ פּלאַם, דורכגעלאָפן, פון די צעבונטעוועטע מחנות קיין זכר נישט איבער געלאָזט, מיט שטורעם גענומען שטעט, אָקאָפּעס, וואַרפנדיק זיך מיט דער גיכקייט פון אַ ווינטער פון איין עק אוקראַינע אין צווייטן.

מיט דער זעלבער פאַרביסנקייט און עקשנות האָט ער אויך איצט די שוועדן צעפּליקט. „טשאַרניעצקי וועט נישט אויסהרגענען, נאָר אַרויסגנבענען מיר די אַרמיי" — האָט קאַרל גוסטאַוו געזאָגט. אָבער טשאַרניעצקין איז טאַקע שוין נמאָס געוואָרן אַרויסצוגנבענען; ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צו שלאָגן, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרמאַטן, קיין פוס - גייער, און וועלכע מ'האָט באַין אופן קיין שום וויכטיקע זאַך נישט געקאָנט אויפטאָן; דערפאַר האָט ער אַזוי געגאַרט זיך צו פאַרייניקן מיט לובאָמירסקין, וועלכער האָט אמת אויך געהאַט אַ קלייגע צאָל האַרמאַטן, אָבער ער האָט געפירט מיט זיך פוס - גייער, וואָס זענען באַשטאַנען פון בערג - לייט. זיי, הגם זיי זענען נאָך נישט געווען צענויג אויסגעבילדעט, זענען זיי שוין אָבער נישט איינמאָל געווען אין פייער און בשעת - הדחק האָט מען זיי געקאָנט באַנוצן קעגן קאַרל גוסטאַווס אומפאַרגלייכלעכע פוס - גייער - מזונות.

הער טשאַרניעצקין האָט עס דעריבער געוואָרפן ווי אין קדחת. נישט קאָנענדיק לסוף מער אויסהאַלטן אין דער קוואַרטיר, איז ער אַרויסגעגאַנגען פאַרן פאָדער - הויז און דערציילנדיק וואָלאָדיאָוו-סקין מיט פאַלאַנאָווסקין, האָט ער געפרעגט:

— מ'זעט נאָך נישט די שליחים?

— אַ פּנים, אַז מ'פרייט זיך דאָרט מיט זיי — האָט וואָלאָ-דיאָווסקי געענטפערט.

— מ'פרייט זיך מיט זיי, אָבער נישט מיט מיר, ווייל אַנישט וואָלט דער הער מאַרשאַל זיינע אייגענע שליחים מיט אַ תשובה אַהערגעשיקט.

— הער קאַשטעלאַן — האָט זיך אָנגערופן פאַלאַנאָווסקי, צו וועלכן דער פירער האָט געהאַט גרויס פאַרטרויען — צו וואָס דאגהן; וועט דער הער מאַרשאַל באַקומען איז גוט! אויב נישט,

וועלן מיר אויפן אַלטן שטייגער אונטערקומען. עס רינט אַזוי אויך בלוט פון שוועדישן טאָפּ, און ס'איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז קוים הויבט אַ טאָפּ אָן צו רינען, מוז אַלץ פון אים אַרויסרינען.

דערויף האָט טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן:

— אויך אין דער רעפּובליק רינט. אויב זיי וועלן איצט אַנטקומען, וועלן זיי זיך אָננעמען מיט כּוחות, זיי וועלן באַקומען פאַרשטאַרקונג פון פּרייסן, דער שעת־הכּושר וועט אַריבער!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך מיט דער האַנט אַ זעץ־געטאָן איבער דער פּאָלע, צום צייכן פון אומגעדולד. אין־דעם האָבן זיך געלאָזט הערן פערדישע טריט און זאַגלאָבאַס באַס־שטים וועלכע האָט געזונגען:

Poszła Kaśka do piekarni,
A Stach do niej: puść, przygarnij,
Kochana!

Bo śnieg pada i wiatr wieje,
gdzież ja się biedny podzieję
Do rana!..

— אַ גוטער סימן! זיי קערן פריילעכע צוריק! — האָט פּאָלאַנאָווסקי אויסגערופן.

דערווייל זענען יענע, דערזעענדיק דעם קאַשטעלאַן, אַראָפּגעשפּרונגען פון די זאָטלען, איבערגעגעבן די פערד דעם דינער און גיך געגאַנגען צום פאָדער־הויז; מיט אַמאָל האָט זאַגלאָבאַ אונטערגעוואָרפן דאָס היטל אין דער הויך און באַכמאַכנדיק דעם מאַרשאַלס שטים אַזוי קונציק, אַז ווער עס וואָלט אים נישט געזען, וואָלט ער זיך געקאָנט טועה זיין, האָט ער אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן הער טשאַרניעצקי, אונזער פירער!

דער קאַשטעלאַן האָט זיך פאַרקרומט און גיך געזאָגט:

— פאַראַן אַ בריוו צו מיר?

— נישטאָ — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — פאַראַן עפּעס בעסערס. דער מאַרשאַל מיט דער גאַנצער אַרמיי גייען גוטווייליק איבער אונטער אייער קאָמאַנדע!

טשאַרניעצקי האָט אים דורכגעשטאָכן מיטן בליק, דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צו סקשעטוסקין, ווי ער וואָלט צו אים וועלן זאָגן:

— רעד דו, ווייל יענער איז שיכור!

הער זאַגלאָבאַ איז טאַקע געווען אַ ביסל שיכור: אָבער סקשעטוסקי האָט באַשטעטיקט זיינע ווערטער און דעריבער האָט אַ פאַרווונדערונג זיך אָפּגעשלאָגן אויפן קאַשטעלאַנס פּנים.

— קומט מיט מיר! — האָט ער געזאָגט צו די אָנגעקומענע

— הער פּאָלאַנאָווסקי, הער וואָלאָדיאָווסקי, קומט אויך מיט!

און אַלע זענען אַריין אין שטוב. זיי האָבן זיך נאָך נישט געזעצט, ווי טשאַרניעצקי האָט געפרעגט:

— וואָס האָט ער געזאָגט צו מיין בריוו?

— גאָרנישט האָט ער געזאָגט — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט

— און פאַרוואָס, וועט קלאָר ווערן צום סוף פון מיין באַריכט, און איצט הויב איך אָן...

דאָ האָט ער גענומען אַלץ דערציילן, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען, ווי אַזוי ער האָט דעם מאַרשאַל צו אַזאַ גינסטיקן באַשלוס דערפירט. טשאַרניעצקי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ וואַקסנדיקער פאַרווונדערונג, פּאָלאַנאָווסקי האָט פאַרן קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט, הער מיכאַל האָט די וואָנסעלעך באַוויגן.

— איך האָב דאָך אייך ביז איצט גאָרנישט געקענט, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט דער קאַשטעלאַן צום סוף אויסגערופן

— די אייגענע אויערן ווילט זיך מיר נישט גלויבן!

— אוליסעס האָט מען מיך שוין לאַנג גערופן — האָט זאַגלאָבאַ עניוותדיק געזאָגט.

— ווו איז מיין בריוו?

— אָט איז ער!

— איך מוז אייך שוין שענקען, וואָס איר האָט אים נישט אָפּגעגעבן! אָט דאָס הייסט אַ דורכגעטריבענער פוקס! דער וויצע-

קאָנצלער מעג זיך ביי אים לערנען, ווי אַזוי צו פירן אונטערהאַנ־דלונגען! ביי גאָט, ווען איך וואָלט געווען קיניג, וואָלט איך אייך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען שיקן...

— עס וואָלטן שוין דאָ הונדערט טויזנט טערקן געשטאַנען!

— האָט הער מיכאַל אויסגעשריגן.

און זאַגלאָבאַ האָט דערויף אויסגערופן.

— צוויי הונדערט, נישט איין הונדערט, זאָל איך אַזוי געזונט זיין!

— האָט זיך דער מאַרשאַל גאָרנישט געכאַפּט? — האָט טשאַרניעצקי ווידער געפרעגט.

— ער? ער האָט אַלץ געשלונגען, וואָס כ'האָב אים אין מויל אַריינגעלייגט, ווי אַ שטאָפּ־גאַנז לאָקשן, נאָר דער גאָרגל בײַן האָט ביי אים געטאַנצט און די אויגן זענען אים מיט אַ נעפּל פאַרלאָפן געוואָרן. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט פּלאַצן פון שמחה, ווי אַ שוועדישער גראַנאַט. דעם דאָזיקן מענטש וואָלט מען מיט הניפות אין גיהנום אַריין געקאָנט פירן!

— אַבי די שוועדן זאָלן האָבן אַ ווינסטן סוף, אַבי זיי זאָלן האָבן אַ ווינסטן סוף, און איך האָף, אַז עס וועט אַזוי זיין! — האָט דער דערפרייטער טשאַרניעצקי אויסגערופן — איר זענט גע־שיקט, ווי אַ פוקס. אָבער צופיל חוזק זאָלט איר פון הער מאַר־שאַל נישט מאַכן, ווייל אַן אַנדערער וואָלט דאָס אויך נישט גע־טאָן. אַ סך איז פון אים אָפּהענגיק... אַזש ביז סאַנדאָמיעזש וועלן מיר גיין דורך די גיטער פון די לובאָמירסקיס און דער מאַרשאַל קאָן מיט איין וואָרט די גאַנצע געגנט שטעלן אויף די פיס, די פויערן הייסן די דורכגענג קאַליע־מאַכן, די בריקן ברענען, דאָס עסנוואַרג אין די וועלדער באַהאַלטן... איר וועט האָבן אַ פאַר־דינסט, וועלכן איך וועל אייך ביזן טויט נישט פאַרגעסן, אָבער אויך דעם הער מאַרשאַל מוז איך דאַנקען, ווייל איך מיין, אַז נישט בלויז צוליב חשק נאָך כבוד האָט ער דאָס געטאָן.

דאָ האָט ער אין די הענט אַ פּאַטש־געטאָן און אַ גע־שריי־געטאָן צום דינער:

— דאָס פערד מיר דערלאַנגען תיכף ומיד!... לאָמיר שמידן דאָס אייזן, כּל־זמן ס'איז הייס!

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די פּאָלקאָווניקעס:

— איר אַלע קומט מיט מיר, כּדי די באַגלייטונג זאָל זיין וואָס שענער.

— זאָל איך אויך פאָרן? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— איר האָט אויסגעבויט די דאָזיקע בריק צווישן מיר און דעם הער מאַרשאַל, דאַרפט איר על־פּי־יושר דער ערשטער איבער איר דורכפאָרן. אַגב, מיין איך, אַז מ'האָט אייך דאָרט זייער גערן... פאָרט, פאָרט, הער ברודער, ווייל אַ נישט וועל איך זאָגן, אַז איר ווילט אַ האַלב־אָפּגעטויענע זאַך אָוועקוואַרפן.

— פאַרפאַלן! איך מוז נאָר דעם פּאַסעק פעסטער צוציען, ווייל כ'וועל פון טרייסלען זיך מיד ווערן... כ'בין שוין אויך ניט כּוחות, סיידן איך זאָל זיך מיט עפּעס קרעפטיקן.

— מיט וואָס, למשל?

— מ'האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן קאַשטעלאַנס מעד, וועלכן כ'האָב ביז איצט נישט טועם געווען, און כ'וואָלט לסוף וועלן וויסן, צי ער איז בעסער פון מאַרשאַלס מעד?

— אויב אַזוי וועלן מיר פאַרן אָפּפאָרן נעמען צו ביסלעך, דערפאַר אָבער, אַז מיר וועלן צוריקקומען, וועלן מיר זיך פרייער־אויס נישט אָפּמעסטן. אַ פּאָר פלעשלעך וועט איר אויך געפינען ביי זיך אין דער קוואַרטיר...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער הער קאַשטעלאַן געהייסן דערלאַנגען בעכערס און זיי האָבן געטרונקען נישט קיין סך, כּדי זיך צוצוגעבן מוט און גוטן הומאָר, דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף די פערד און אָפּגעפאָרן.

דער מאַרשאַל האָט דעם הער טשאַרניעצקי מקבּל־פּנים געווען מיט אָפענע אָרעמס, מכבּד געווען, געגעבן צו טרינקען, ביז באַגינען נישט אָפּגעלאָזט, דערפאַר אָבער באַגינען האָבן ביידע אַרמייען זיך פאַרייניקט און געגאַנגען ווייטער אונטער הער טשאַרניעצקיס קאָמאַנדע.

נעבן שיעניאַוואַ זענען זיי ווידער באַפאַלן די שוועדן, מיט אַזאַ הצלחה, אַז זיי האָבן די הינטערשטע וואַך אויסגעקוילעט און אַריינגעבראַכט אַ צעמישונג אין די רייען פון דער הויפּט-אַרמיי. ערשט פאַרטאָגס האָבן די האַרמאַטן זיי פאַרטריבן. ביי לעזשייסק האָט טשאַרניעצקי נאָך שטאַרקער אָנגעגריפן. באַדייטנדיקע שוועדישע אָפּטיילונגען זענען געבליבן שטעקן אין די בלאָטעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען פון די רעגנס און פאַרפלייצונגען, און זענען אַריינגעפאַלן אין די פּוילישע הענט. דער וועג איז פאַר די שוועדן געוואָרן וואָס אַ מאָל קלאָגעדיקער. די פאַרמאַטערטע, אויסגעהונגערטע און פון נישט שלאָפן געפּייניקטע פעלקן האָבן קוים מאַרשירט. וואָס אַ מאָל מער זעלנער זענען געבליבן אויפן וועג. מאַנכע האָט מען געפונען אין אַזאַ צרהדיקן צושטאַנד, אַז זיי האָבן שוין נישט געוואָלט עסן און טרינקען, נאָר געבעטן דעם טויט. אַנדערע האָבן זיך געלייגט און געשטאָרבן אין די פאַרפלאָנטערטע געוויקסן, נאָך אַנדערע האָבן פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין און מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט געקוקט אויף די אָנקומענדיקע פּוילישע רייטער. די אויסלענדער, וואָס זענען געווען אין אַ היפּשער צאָל אין די שוועדישע רייען האָבן זיך גענומען אַרויסגנבענען פון לאַגער און אַריבערגיין צום הער טשאַרניעצקי. נאָר קאַרל גוסטאַוום אומגעבראָכענער גייסט האָט אויפגעהאַלטן די רעשט ביסל אויסגייענדיקע כוחות אין דער גאַנצער אַרמיי.

ווייל נישט בלויז הינטער דער אַרמיי איז דער שונא געגאַנגען; פאַרשידענע „פּאַרטיעס" אונטער דער קאָמאַנדע פון אומבאַקאַנטע פירער און קופּעס פון פויערן זענען איר כסדר דעם וועג פאַרלאָפן. די דאָזיקע אָפּטיילונגען, צולאָזענע און נישט זייער גרויסע, האָבן אמת קיין שלאַכט מיט איר נישט געקאָנט פירן, זיי האָבן איר אָבער געבערענטע צרות אָנגעטאָן. און ווילדיק אַרויסרופן ביי די שוועדן די איבערצייגונג, אַז די טאַטערס זענען שוין אָנגעקומען מיט הילף, האָבן אַלע פּוילישע חיילות אַרויסגעלאָזט טאַטערישע אויסגעשרייען, די קולות „אַלאַ! אַלאַ!" האָבן דעריבער געהילכט ביי טאָג און ביי נאַכט, נישט אויפהערנדיק קיין איין רגע. דער שוועדישער זעלנער האָט נישט געקאָנט אָפּעטעמען, אויף

אַ ווײַלע דאָס געווער אַוועקשטעלן. נישט איינמאָל האָבן אַ צוואַנציק מענטשן די גאַנצע אַרמיי אַלאַרמירט. די פֿערד זענען געלאָפֿן אין די צענדליקער, ווייל אַראָפּברענגען פּראָוויאַנט איז געוואָרן אוממעגלעך. פֿון צייט צו צייט האָבן די פּוילישע רייטער געפֿונען שרעקלעך צעפּליקטע שוועדישע הרוגים, אין וועלכע זיי האָבן באַלד דערקענט די פּויערישע האַנט. דאָס רוב דערפֿער אין קליין צווישן סאַן און דער ווייסל האָט געהערט צום הער מאַרשאַל און צו זיינע קרובים. אַלע פּויערן אין זיי האָבן ווי איין מאַן זיך געשטעלט אויף די פֿיס, ווייל דער הער מאַרשאַל, וועלכער האָט אויפֿן אייגענעם פֿאַרמעגן נישט חס געווען, האָט אויסגערופֿן, אַז דער, וואָס וועט צום כּלי־זיין זיך כאַפּן, וועט פֿון אונטערטאַנשאַפֿט באַפֿרייט ווערן. קוים האָט די ידיעה וועגן דעם זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבער די דערפֿער, האָבן די פּויערן געכאַפּט די קאָסעס און יעדן טאָג האָט מען געבראַכט אין לאַגער שוועדישע קעפּ, אַז דער הער מאַרשאַל האָט אַזש דעם דאָזיקן נישט־קריסטלעכן מנהג געמוזט אסרן.

דעמאָלט האָט מען גענומען טראָגן הענדשקעס און רייטער־שפּאַרנס. דערפֿירט צו יאוש, האָבן די שוועדן אַראָפּגעשינדן די הויט פֿון די, וואָס זענען זיי אין די הענט אַריינגעפֿאַלן און די מלחמה איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שוידערלעכער. אַ ביסל פּוילישע מיליטער האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי די שוועדן, אָבער מ׳האָט זיי געהאַלטן נאָר דורך דראָונגען. אויפֿן וועג קיין לעזשייסק זענען אַ סך פֿון זיי אַנטלאָפֿן, די פֿאַרבליבענע האָבן יעדן טאָג אָנגעמאַכט אַזאַ ליאַרם אין לאַגער, אַז קאַרל גוסטאַוו האָט באַפֿוילן צו דערשיסן אַ פּאָר פּוילישע אָפֿיצירן. די פּעולה דערפֿון איז געווען, אַז אַלע האָבן גענומען אַנטלויפֿן און דאָס מיט דער שווערד אין דער האַנט. קיינער איז כּמעט נישט געבליבן, נאָר טשאַרניעצקי, וועלכער איז דורך זיי פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, האָט וואָס אַמאָל מעכטיקער גענומען אָנגרייפֿן.

דער הער מאַרשאַל האָט אים מיט אַלע כּוחות מיטגעהאָלפֿן. ס׳קאָן זיין, אַז די איידעלערע זייטן פֿון זיין נאַטור האָבן אין יענער, אגב קורצער צייט באַקומען די שליטה איבער דער גדלות

און אייגן-ליבע, ער האָט בכן נישט געקאַרגט נישט קיין מי, און נישט אַפילו דאָס לעבן און נישט איינמאָל האָט ער בכבודו ובעצמו מיט אַ פאָלק אָנגעפירט, דעם שונא נישט געלאָזט דעם אָטעם כאַפּן, און היות ער איז געווען אַ גוטער זעלנער, האָט ער באַדייטנדיקע פאַרדינסטען אָפּגעגעבן. די דאָזיקע פאַרדינסטן, צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע, וואָלטן אים געווען געזיכערט אַ רום-רייכן שם אין פאָלק, ווען נישט יענע שענדלעכע מרידה, וואָס ער האָט צום סוף פון זיין אונטערנעמונג אָרגאַניזירט, כדי צו שטערן די געזונט-מאַכונג פון דער רעפּובליק.

אָבער אין יענער צייט האָט ער געטאָן אַלץ, כדי זיך צו פאַרשאַפן רום און ער האָט זיך מיט אים באַדעקט ווי מיט אַ מאַנטל. די בכורה אויסדינגען האָט אים געוואָלט הער ווישאָווסקי, דער סאַנדאָמיעזשער קאַשטעלאַן, אַן אַלטער און אויסגעפּרוּווטער זעלנער; דער האָט מיט טשאַרניעצקין אַליין געוואָלט זיך אויסגלייכן, אָבער ער האָט עס נישט באַוויזן, ווייל גאָט האָט אים נישט באַשאַפן גרויס צו זיין.

אַלע דריי האָבן וואָס אַ מאָל מעכטיקער געדריקט די שוועדן, ביז עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פוס-גייער און רייטער-פאָלקן, וועלכע ס'איז אַלס רעזערוו אויסגעקומען צו גיין מיט מיט דער הינטערשטער וואַך, זענען געגאַנגען אין אַזאַ שרעק, אַז צוליב אַ ליאַרע סיבה איז צווישן זיי אַנטשטאַנען אַ מהומה. דעמאָלט האָט קאַרל גוסטאַוו אַליין באַשלאָסן תמיד צו גיין מיט דער הינטערשטער וואַך, כדי דורך זיין ביי-זיין מוט צוצוגעבן.

אָבער באַלד אין אָנהויב האָט ער שיר נישט מיטן לעבן דערפּער באַצאָלט. ס'האָט זיך געטראָפן, אַז האָבנדיק ביי זיך אַ פאָלק פון דער לייב-גוואַרדיע, דעם טיכטיקסטן פון אַלע פאָלקן, ווייל די זעלנער פאַר אים זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון גאַנצן סקאַנדינאַווישן פאָלק, האָט דער קיניג זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו אין דאָרף רודניק. נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט ביים גלח מיטאָג אָפּגעגעסן, האָט ער באַשלאָסן זיך אַ ביסל אויסצורוען, ווייל ער האָט די פריערדיקע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן. די לייב-גוואַרדיסטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, כדי צו וואַכן איבער

דעם קיניגס זיכערקייט. דערווייל האָט דעם גלחס שטאָל־קנעכט הינטן ־ ארום זיך פון דאָרף אַרויסגעגנבעט און צולויפנדיק צו אַ סטאַדע יינגע בהמות, וואָס איז געגאַנגען איבערן וועג, איז ער אויף אַ זשרעבאַק אויפגעשפּרונגען און איז געפלויגן צום הער טשאַרניעצקי.

אָבער הער טשאַרניעצקי האָט זיך דאָס מאָל געפינען אויף אַ מרחק פון צוויי מייל, און די פאָדערשטע וואַך, וואָס איז באַ־שטאַנען פון פירשט דימיטרי ווישניאָוויעצקיס פּאָלק איז אונטער דעם פּאָרוטשניק שאַנדאַראָווסקיס קאָמאַנדע געגאַנגען נישט ווייטער ווי אַ האַלב מייל הינטער די שוועדן. הער שאַנדאַראָווסקי האָט גראָד געשמועסט מיט ראָך קאָוואַלסקין, וועלכער איז מיט באַפעלן פון קאַשטעלאַן אָנגעקומען, ווי מיט אַ מאָל האָבן זיי ביידע דערזען דאָס אין גרעסטן איילעניש אָנלויפנדיקע יינגל.

— וואָס פאַר אַ טייוול פליט דאָס אַזוי? — האָט שאַנדאַ־ראָווסקי געפרעגט — און דערצו נאָך אויף אַ זשרעבאַק.

— אַ דאָרפיש יינגל — האָט קאָוואַלסקי געזאָגט.

דערווייל איז דאָס יינגל צוגעפלויגן נאָענט צו דער ריי און זיך פאַרהאַלטן ערשט דעמאָלט, ווען דער זשרעבאַק, איבערגע־שראָקן דורכן אָנבליק פון פערד און מענטשן, האָט זיך אַ שטעל ־ אָפּ געגעבן און איינגעגראָבן זיך מיט די קאָפּיטעס אין דער ערד. דאָס יינגל איז אַראָפּגעשפּרונגען און צוהאַלטנדיק דעם זשרעבאַק האָט ער זיך פאַרבויגן פאַר די הערן ריטערס.

— און וואָס ווערסטו זאָגן נייעס? — האָט שאַנדאַראָווסקי צוגייענדיק צו אים געפרעגט.

— די שוועדן זענען ביי אונז אין גלחס הויז, מ׳זאָגט, אַז דער קיניג אַליין איז צווישן זיי! — האָט דאָס יינגל געזאָגט מיט צעפינקלטע אויגן.

— און וויפיל זענען זיי?

— נישט מער ווי אַ צוויי הונדערט רייטער.

שאַנדאַראָווסקין האָבן אויף די אויגן אויפגעלויכטן; אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן אונטערגעשטעלטער נעץ, ער האָט דעריבער בייז אַ קוק געטאָן אויפן יינגל און געפרעגט.

— ווער האָט דיך געשיקט?

— ווער האָט מיך געזאָלט שיקן? כ'בין אַליין אויפן זשרע־ אַק אַרויפגעשפּרונגען, און כ'בין שיער נישט געפאַלן און דאָס היטל פאַרלוירן. נאָך גוט, וואָס זיי האָבן מיך, די גבלות, נישט געזען!

דער אמת האָט געשלאָגן פון דעם ייִנגלס אָפּגעבריענטן פּנים און אַן אַפּעטיט האָט ער אַ פּנים געהאַט אַ גרויסן צו די שוועדן, ווייל די באַקן האָבן אים געפלאַמט און האַלטנדיק מיט איין האַנט דעם זשרעבאַק פאַר דער גזשיבע, איז ער געשטאַנען פאַר די אָפיצירן מיט צעפלאָשעטע האָר, צעכראַסטעטן העמד אויף דער ברוסט און גיך געאָטעמט.

— און וווּ איז די רעשט פון שוועדישן מיליטער? — האָט דער פאָנטרעגער געפרעגט.

— נאָך פאַרטאָגס האָבן זיי אין אַזאַ גרויסער צאָל זיך דורכגעשאָטן, אַז מיר האָבן איבערציילן נישט געקאָנט, אָבער יע־ נע זענען ווייטער געגאַנגען, און געבליבן זענען נאָר די רייטער, און אייגער שלאָפט ביים גלח, מ'זאָגט, אַז דער קיניג.

דערויף האָט שאַנדאַראָווסקי זיך אָנגערופן:

— ייִנגל, אויב דו זאָגסט ליגן וועט מען דיר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען, אָבער אויב דו זאָגסט אמת, קאָנסטו דיר אויסבעטן, וואָס דו ווילסט.

און דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרנייגט אים ביז צו די פיס:

— כ'זאָל אַזוי געזונט זיין! כ'וויל נישט קיין שום שכר, נאָר, אַז דער הויך־וווילגעבוירענער הער אָפיציר זאָל מיר אַ שווערד הייסן געבן.

— גיט אים דאָרט עפּעס אַ שווערד — האָט דער שוין פולשטענדיק איבערצייגטער שאַנדאַראָווסקי אַ געשריי־געטאָן צו זיינע דינער.

די אַנדערע אָפיצירן האָבן גענומען נאָך אויספרעגן דאָס ייִנגל, ווו איז דער הויף ווו איז דאָס דאָרף, וואָס די שוועדן טוען, און ער האָט געענטפערט:

— זיי היטן, די הינטישע נאמנות! אַז איר וועט גיין גלייך, וועלן זיי אייך זען, אָבער איך וועל אייך פירן הינטער דעם וואַלד.

מ'האָט באַלד אַרויסגעגעבן באַפעלן און דער פאָלק האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, תחילת מיט פּאַמעלעכע טריט, דערנאָך גאַלאָפּ. דאָס ייִנגל איז געריטן אָן זאָטל אויף זיין זשרעבאַק אָן צוים, פאַר דער ערשטער ריי. דעם זשרעבאַק האָט ער מיט די פּיענטעס געטריבן, און יעדע וויילע האָט ער מיט שטראַלנדיקע אויגן געקוקט אויף דער אַנטבלויזטע שווערד.

ווען מ'האָט שוין דאָס דאָרף אַרויסגעזען, האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין די געוויקסן און געפירט דורך אַ ביסל אַ זומפּיקן וועג צו דעם וואַלד צו, אין וועלכן ס'איז געווען נאָך בלאָטיקער; דאָ האָבן זיי גענומען פאָרן לאַנגזאַמער.

— שטיל! — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט — אַז דער וואַלד וועט זיך אויסלאָזן, וועלן זיי זיין רעכטס אויף אַ פּאָר הונדערט שריט.

זיי האָבן בכן גענומען זייער פּאַמעלעך פאָרן, ווייל אויך דער וועג איז געווען אַ שווערער, און די שווערע פערד זייערע זענען נישט איינמאָל ביז צו די קני אין בלאָטע געזונקען. צום סוף האָט דער וואַלד גענומען שיטערער ווערן און זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויפן ברעג.

דעמאָלט האָבן זיי, נישט ווייטער ווי אויף אַ דרייהונדערט שריט, דערזען אַ ברייטן פלאַץ, וואָס גייט אַ ביסל באַרג-אַרויף; הינטער אים צום גלחס הויז, אַרומגערינגלט מיט ליפּעס, צווישן וועלכע מ'האָט געזען די שטרויענע ביידלעך פון בינ-שטעק, און אויפן פלאַץ צוויי הונדערט רייטער אין לענגלעכע שפּיציקע העלמס און אין פּאַנצערס.

די ריזיקע רייטער זענען געזעסן אויף ריזיקע, הגם אָפּגעמאַטערטע פערד און זיי זענען געשטאַנען גרייט צום קאַמף, אַ טייל מיט די פּעכט-שווערדן ביי די אָרעמס, אַנדערע מיט די ביקסן, אָנגעשפּאַרט אויף די קני, אָבער זיי האָבן געקוקט אין אַן אַנדערע זייט, צום הויפּט-וועג, ווייל נאָר פון דאָרט האָבן זיי

זיך געקאָנט ריכטן אויפן שונא. אַ פּרעכטיקע בלוילעכע פאָן מיט אַ גילדענעם לייב האָט געפלאַטערט איבער זייערע קעפּ.

ווייטער, אַרום דעם הויז, זענען געשטאַנען וואַכן, צו צוויי מאַן; איינע פון זיי איז געשטאַנען מיט די פּנימער צום וואַלד געקערט, אָבער אַזוי ווי די זון האָט שטאַרק געברענט און געבלענדט אין די אויגן, און אין וואַלד, וועלכער איז שוין געווען געדיכט באַדעקט מיט בלעטער, איז געווען כמעט פינסטער, האָט זיי נישט געקאָנט דערזען. ענע וואַך די פּוילישע רייטער

אין שאַנדאַראָווסקין, דער פייערדיקן ריטער, האָט דאָס בלוט גענומען זידן ווי אין אַ קעסל, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געוואַרט, ביז די ריי וועט זיך נישט אויסשטעלן, דערווייל האָט ראַך קאָוואַלסקי אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויפן יינגלס אַקסל.

— הער, קונדאַס! — האָט ער געזאָגט — דו האָסט דעם קיניג געזען?

— כ'האָב געזען, הויך = ווויל = געבוירענער האר! — האָט דאָס יינגל געשעפּטשעט.

— ווי אַזוי זעט ער אויס? אין וואָס דערקענט מען אים?

— ער איז זייער שוואַרץ אויפן פּנים און טראָגט רויטע בענדער ביי דער זייט.

— און זיין פערד וואָלסטו דערקענט?

— דאָס פערד איז אויך שוואַרץ מיט הייסע פלעקן אויפן שטערן.

דערויף האָט ראַך זיך אָנגערופן:

— שטאַל = קנעכט! זאָלסט מיך היטן און אים מיר ווייזן!

— גוט הער! ווען מיר זיך באַלד אויף זיי וואַרפן?...

— האַלט ס'מויל!

דאָ זענען זיי אנטשוויגן געוואָרן און דער הער ראַך האָט האָט גענומען מתפּלל זיין צו דער הייליקסטער פריילין, אַז זי זאָל אים דערלויבן זיך צו באַגעגענען מיט קאַרלען און אים אין באַגעגעניש מצליח זיין.

אַ ווײַלע נאָך האָט דאָס שטילשווײַגן אָנגעהאַלטן, אין דעם האָט דאָס פערד אונטער שאַנדאַראָווסקין גופא אַ הירזשע געטאָן. דערויף האָט אַ רײַטער פון דער וואַך אַ קוק־געטאָן, אויפגעציטערט, ווי עפּעס וואָלט אים אין זאָטל אונטערגעוואָרפן און אויסגעקנאַלט פון פּיסטאָלעט.

— אַלאַ! אַלאַ! שלאָג, הרגע! אוהאַ — או! — האָט אין וואַלד אָפּגעהילכט.

און דער פּאָלק איז ווי אַ דונער פון שאָטן אַרויסגעפאַלן און זיך אַ לאָז־געטאָן צו די שוועדן.

ער האָט זיך אַרײַנגעשלאָגן אין רויך, נאָך אײדער אַלע האָבן באַוויזן זיך צו אים מיט די פּנימער אַ קער־צו־טאָן און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיק קײלעניש בלויז אויף שוועדן, ווײַל שיסן האָט קײנער קײן צײַט נישט געהאַט. כּהרף־עין זענען די שוועדן צוגעשפּאַרט געוואָרן צום פּלויט, וועלכער איז אונטערן דרוק פון די פערדישע הינטנס אײַנגעפאַלן מיט אַ קראַך, און מ׳האָט זײ גענומען האַקן אַזוי פאַרביטערט, אַז זײ האָבן זיך צעטומלט און צעמישט. צוויי מאָל האָבן זײ געפּרוּווט זיך צונויפקלאַמערן און צוויי מאָל זענען זײ צעריסן געוואָרן און געבילדעט צוויי באַזונדערע גרופּעס, וועלכע האָבן תּיכּף זיך ווידער צעטײלט אויף קלענערע, צום סוף האָבן זײ זיך צעשאָטן, ווי די קערנדלעך וואָס דער פּויער וואַרפט מיט דער שאַפל אין דער לופט.

מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע קולות:

— דער קיניג! דער קיניג! ראַטעוועט דעם קיניג!

קאַרל גוסטאַוו איז באַלד אין דער ערשטער רגע פון באַגעגעניש אַרויסגעלאָפן דורך דער טיר מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט און מיט אַ שפּאַדע אין די צײַן. דער רײַטער, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס פערד האַרט בײַ דער טיר, האָט עס אים תּיכּף דערלאַנגט, דער קיניג איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען און אַרײַנדרײַענדיק זיך בײַם סאַמע ווינקל האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן צווישן די ליפּעס און בין־שטעק, כּדי הינטן־אַרום זיך אַרויסצוגנבענען פון קאַמף־אָרט.

אַז ער איז צוגעלאָפן צום פּלויט, האָט ער אַ ריס-געטאָן דאָס פערד, אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און אַריינגעפאַלן אין אַ קופּע רייטער, וועלכע האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן רעכטן פּוילישן פליגל, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק גראָד אַרומגערינגלט דאָס הויז און זיך הינטערן גאָרטן צוזאַמענגעשטויסן מיט די שוועדן.

— אויף די פערד! — האָט קאַרל גוסטאַוו אַ געשריי-געטאָן.

און אַראָפּוואַרפנדיק מיט אַ שטויס פון דער שפּאָדע אַ פּוילישן רייטער, וועלכער האָט אויף אים שוין געהאַט די שווערד אויפגעהויבן, האָט ער מיט איין שפּרונג זיך אַרויסגעקריגן פון שלאַכט-ווירבל; נאָך אים האָבן זיינע רייטער צעריסן אַ פּוילישע ריי און זיך געלאָזט פליען מיטן גאַנצן אימפּעט, ווי אַ סטאַדע הירשן, געיאָגט דורך הינט, לויפט דאָרט, ווו עס פירט זי זייער וועג-ווייזער.

די פּוילישע רייטער האָבן זיך צו זיי מיט די פערד אומגעקערט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. די ערשטע און די צווייטע זענען אַרויס אויפן הויפּט-וועג, וואָס פירט פון רודניק קיין באָיאַנוועק. מ׳האָט זיי באַמערקט פון פאָדערשטן פלאַץ, אויף וועלכן ס׳האָט געפלאַקערט די הויפּט-שלאַכט און דעמאָלט טאַקע האָבן זיך דערהערט די קולות.

— דער קיניג! דער קיניג! ראַטעוועט דעם קיניג!

אָבער די רייטער אויפן פאָדערשטן פלאַץ זענען דורך שאַנדאַראָווסקין אַליין שוין געווען אַזוי צוגעדריקט, אַז זיי האָבן אַפילו וועגן זייער אייגענער רעטונג נישט געקאָנט טראַכטן, דער קיניג איז דעריבער געפלויגן אין אַ קופּע, נישט גרעסער פון צוועלף רייטער, נאָך זיי האָבן זיך געיאָגט בערך דרייסיק פּוילישע זעלנער און בראש פון אַלע ראָך קאָוואַלסקי.

דאָס ייִנגל, וואָס האָט אים דעם קיניג געזאָלט ווייזן, איז ערגעץ אין דער הויפּט-שלאַכט פאַרפאַלן געוואָרן, אָבער ראָך האָט אַליין דערקענט דעם קיניג לויטן בוקעט פון רויטע בענדערדאָ האָט ער זיך געטראַכט, אַז זיין צייט איז געקומען, ער האָט

זיך אַראָפּגעבויגן אויפן זאָטל, אַ דריק־געטאָן דאָס פּערד מיט די שפּאָרנס און ווי אַ ווייכער זיך געלאָזט פליען פאָרויס.

די אַנטלויפנדיקע האָבן אַרויסיאָגנדיק דעם לעצטן דאָך פון די פערד זיך אויסגעצויגן איבערן ברייטן וועג. די פלינקערע און לייכטערע פוילישע פערד האָבן אָבער באַלד זיי געכאַפּט אָניאָגן. דעם ערשטן שוועדישן רייטער האָט ראָך זייער גיך אָנגעיאָגט, כדי צו קאָנען זיך בעסער פאַרמעסטן האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויפן זאָטל און מוראַדיק אַ שניט־געטאָן; די האַנט מיטן אַקסל האָט ער מיט איין מוראַדיקן זעץ אָפּגעהאַקט. און ער איז געלאָפן ווי אַ ווייכער, איינגראָבנדיק אויפסניי די אויגן אין קיניג.

דערנאָך האָט אַ צווייטער שוועדישער רייטער אים געשטעלט זיך אין וועג, ער האָט דעם צווייטן אַראָפּגעוואָרפן, דעם דריטן האָט ער דעם העלם און דעם קאָפּ אויף צוויי העלפטן צעשפּאָלטן און ער איז ווייטער געפלויגן, האָבנדיק בלויז דעם קיניג אויפן אויג. אין־דעם האָבן די פערד פון די שוועדישע רייטער גענומען זיך שטרויכלען און פאַלן; אַ כמאַרע פוילישע רייטער האָט זיי אָנגעיאָגט און כהרף־עין אויסגעקוילעט.

העד ראָך האָט שוין געמיטן מענטשן און פערד, כדי קיין צייט נישט צו פאַרלירן; דער מרחק צווישן אים און קאַרל גוס־טאַוון האָט גענומען זיך פאַרקלענערן. נאָר צוויי רייטער האָבן זיי שוין אָפּגעטיילט אויף אַ שטח פון אַ פּאָר צענדליק שריט.

אין־דעם האָט אַ פייל, וואָס איז דורך איינעם פון די פוילישע זעלנער נאָכגעלאָזט געוואָרן פון אַ בויגן, אַ זשומע־געטאָן נעבן העד ראָכס אויער און געבליבן שטעקן אין רוקן פון דעם רייטער, וואָס איז פאַר אים געפלויגן, און יענער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס, צום סוף האָט ער זיך אויסגעבויגן אויף הינטן, האָט אַ רימשע־געטאָן מיט אַן אומ־מענטשלעכער שטים און איז אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל.

צווישן ראָכן און דעם קיניג איז שוין געבליבן נאָר איינער.

אָבער דער איינער האָט, שטרעבנדיק אַפּנים צו ראַטעווען דעם קיניג, אַנשטאַט צו אַנטלויפן, אויסגעדרייט דאָס פערד. העד ראָך איז צוגעלאָפן און אַ האַרמאַטן־קויל שליידערט נישט אַזוי,

אָראָפּ אַ מענטש פון זאָטל, ווי ער האָט אים אויף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן, דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן געשריי און ווי אַ צעיושעטע חיה זיך געלאָזט ווייטער לויפן.

דער קיניג וואָלט זיך אפשר צו אים אויך אויסגעדרייט און ער וואָלט בלי־ספק אומגעקומען, אָבער היגטער ראָכן זענען אָנגעפלויגן אַנדערע און פיילן האָבן געגומען פייפן, אַ ליאַדע רגע האָט איינער פון זיי געקאָנט פאַרווונדען דאָס פערד, דער קיניג האָט דעריבער נאָך שטאַרקער דאָס פערד מיט די פּיענטעס אָדריקן־געטאָן, דאָס פנים אויף די גזשיבע אַראָפּגעבויגן און געפלויגן איבערן וועג, ווי אַ שוואַלב, געיאָגט דורך אַ יאַסטרעב.

און הער ראָך האָט זיין פערד נישט בלויז גענומען שטויסן מיט די שפּאָרנס, נאָר אויך מיט דער פלאַכער שווערד שלאָגן און אַזוי זענען זיי געפלויגן איינער נאָכן אַנדערן. די ביימער, די שטיינער, די דערנער האָבן זיי געשווינדלט פאַר די אויגן, דער ווינט האָט געפייפט אין די אויערן. דעם קיניג איז דער קאַפּעלוש פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, צום סוף האָט ער אויך דעם געלט־בייטל אַראָפּגעוואָרפן, מיינענדיק, אַז דער אומברחמנותדיקער רייטער וועט לחוט זיין נאָכן געלט און אים אויפהערן נאָכצויאָגן; אָבער קאָוואַלסקי האָט אַפילו נישט אַ קוק־געטאָן אויף אים און וואָס אַמאָל שטאַרקער געהאַקט דאָס פערד, וועלכעס האָט לסוף גענומען סטענקען פון פאַרמאַטערטקייט.

הער ראָך ווידער האָט אַ פּנים פאַרגעסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, ווייל פליענדיק, האָט ער גענומען שרייען מיט אַ קול, וועלכעס האָט געדראָט און געבעטן זיך אינאיינעם:

— שטיי! גערענק אין גאָט!

אין־דעם האָט דעם קיניגס פערד אַזוי שטאַרק זיך אַ שטרויכל־געטאָן, אַז ווען דער קיניג וואָלט עס מיט אַלע כּוחות נישט אונטערגעהאַלטן מיט די לייצעס, וואָלט עס געווען אומגעפאַלן. ראָך האָט אַ ריטשע־געטאָן ווי אַ ווילדער אָקס, דער שטח, וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פון קיניג האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס פערד זיך אַ צווייט מאָל פאַרפלאָנטערט און אײדער דער קיניג האָט עס אויף די פיס געשטעלט האָט ראָך זיך ווידער דערגענטערט אויף אַ פאָר צענדליק שריט.

דעמאָלט האָט ער זיך שוין אויסגעגלײַכט אויפן זאָטל, ווי צום שטויס. שרעקלעך איז ער געווען... די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן, און די ציין האָבן אַ בליץ-געטאָן פון אונטער די געלע וואָנסעס... נאָך איינמאָל שטרויכלען-זיך, נאָך איין רגע, און דער גורל פון דער גאַנצער רעפובליק, פון גאַנץ שוועדן און פון דער גאַנצער מלחמה וואָלט אַנטשידן געוואָרן. אָבער דעם קיניגס פערד האָט ווידער גענומען לויפן און דער קיניג האָט אומדרייענדיק זיך אַ בליץ-געטאָן מיט די לופעס פון צוויי פיסטאלען און צו צוויי מאָל אויסגעשאָסן.

איינע פון די קוילן האָט צעשמעטערט די קני פון ראָכס פערד. עס האָט זיך אַ שטעל-אניף-געגעבן אויף די הינטערשטע פיס, דערנאָך געפאַלן אויף די פאָדערשטע פיס און זיך מיט די נאָז-לעכער אין דער ערד איינגעגראָבן...

דער קיניג וואָלט אין דער רגע געקאָנט זיך וואַרפן אויף זיין פאַרפאָלגער און אים דורכשטעכן מיט דער שפּאַדע, אָבער אויף אַ מרחק פון צוויי הונדערט שריט זענען אָנגעפלויגן אַנדערע פוילישע רייטער, ער האָט דעריבער אויפסניי זיך אויפן זאָטל אַראָפּגעבויגן און איז געפלויגן, ווי אַ פייל פון אַ טאָטערישן בויגן.

ראָך האָט זיך אַרויסגעקריגן פון הינטערן פערד... אַ ווײַלע האָט ער מטושטש געקוקט נאָכן אַנטלויפנדיקן, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואַקל-געטאָן, ווי אַ שיכור, זיך אַוועקגעזעצט אויפן וועג און גענומען ריטשען ווי אַ בער.

און דער קיניג איז געפלויגן וואָס אַ מאָל ווייטער, ווייטער, ווייטער!.. צום סוף האָט ער גענומען זיך פאַרקלענערן, שמעלצן און איז נעלם געוואָרן אין דער שוואַרצער רייף פון די וועלדער.

אין-דעם זענען מיט אַ געשריי און געפילדער אָנגעלאָפן ראָכס חברים. זיי זענען געווען אַ מאַן פופצן, וועמענס פערד זענען אינמיטן וועג נישט אָפּגעשטאַנען. איינער פון זיי האָט גע-

טראָגן דעם קיניגס בייטל, אַ צווייטער דעם קאַפּעלוש, אויף וועלכן די שוואַרצע שטרויס - פּעדערן זענען מיט דימענטן געווען באַשטאָכן. זיי ביידע האָבן גענומען רופן;

— דאָס איז דיין, דיין, חבר! האָסט עס כשר פאַרדינט!

און אַנדערע האָבן געשריגן:

— ווייסט, וועמען דו ביסט נאָכגעלאָפן? ווייסט וועמען דו האָסט געיאָגט? דאָס איז געווען קאַרל אַליין!

— ביי גאָט! אַזוי לאַנג ווי ער לעבט איז ער נאָך פאַר קיינעם אַזוי נישט אַנטלאָפן, ווי פאַר דיר. דו האָסט דיר אַן אומגעהייערן רום פאַרשאַפט, ריטער!...

— און וויפיל רייטער האָט ער פריער אומגעבראַכט, ביז ער האָט זיך דעם וועג צום קיניג אָפּגערוימט!

— ער האָט מיט דער דאָזיקער שווערד שיר אין איין רגע די רעפּובליק נישט אויסגעלייזט!

— נעם דעם בייטל!

— נעם דעם קאַפּעלוש!

— אַ פיין פערד געווען, אָבער צען אַזעלכע וועסטו פאַר די דאָזיקע אוצרות זיך קויפן!

ראָך האָט אויף זיי אַ קוק - געטאָן מיט פאַרשטאַרטע אויגן; צום סוף האָט ער זיך אַ כאַפּ - אויף - געטאָן און אויסגעשריגן:

— איך בין קאָוואַלסקי און דאָס איז מאַדאַם קאָוואַלסקאַ. גייט צו אַלדי רוחות!!

— ער איז פון זינען אַראָפּ! — האָט מען גענומען שרייען!

— אַ פערד גיט מיר! כ׳וועל נאָך אָניאָגן! — האָט ראָך געשריגן.

אָבער זיי האָבן אים גענומען אונטער די הענט און הגם ער האָט זיך געוואָרפן, האָבן זיי אים געפירט צוריק קיין רודניק, באַרויקנדיק און טרייסטנדיק אים אויפן וועג.

— דו האָסט אים גוט אָנגעשראָקן! — האָבן זיי געשריגן — וואָס ער האָט דערלעבט, דער דאָזיקער זיגער, דער דאָזיקער איינעמער פון אַזוי פיל מדינות, שטעט, חיילות!

— כאַ! כאַ! ער האָט געפילט דעם פוילישן ריטער!

ס'וועט אים נמאס ווערן אין דער רעפּובליק. שווערע צייטן ענען אויף אים געקומען!

— זאָל לעבן ראָך קאָוואַלסקי!

— זאָל לעבן! זאָל לעבן דער העלדישסטער ריטער! דער שטאָלץ פון דער גאַנצער אַרמיי!

און מ'האָט גענומען טרינקען פון די פעלד-פלאַשן. מ'האָט געגעבן ראָכן, און ער האָט ביזן באָדעם איין פלאַש אויסגעטרונקען און זיך באַלד באַרויקט.

אין דער צייט פון יענעם געיעג נאָכן קיניג אויפן באָיאַנאָווער וועג, האָבן די שוועדישע רייטער פאַרן גלחס הויז זיך פונדעסטוועגן פאַרטיידיקט מיט אַ מסירת-נפש, וואָס האָט נישט פאַרשעמט דעם דאָזיקן באַרימטן פאָלק. הגם זיי זענען באַפאַלן געוואָרן אומגעריכט און תחילת זייער גיך זיך צעשפּרייט, האָבן זיי זיך פּונקט אַזוי גיך צונויפגענומען שוין דורך דעם אַליין, וואָס מ'האָט זיי מיט אַ געדיכטער קופּע אַרומגערינגלט נעבן דער בלאָער פאַן. קיין איינער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, נאָר שטעלנדיק זיך פערד ביי פערד, אָרעם ביי אָרעם, האָבן זיי מיט די שווערדן אַזוי פאַרביטערט געשטויסן, אַז אַ ווײַלע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער נצחון וועט זיין אויף זייער זייט. מ'האָט זיי געדאַרפט אָדער-אויפסנייַ צערייסן, וואָס איז געוואָרן אוממעגלעך, ווייל פון אַלע זייטן האָט זיי אַרומגערינגלט אַ רייף פון פּוילישע רייטער, אָדער פאַרטיליקן ביז איינעם. דערדאָזיקער צווייטער געדאַנק איז שאַנדאַראָווסקין מער געפעלן געוואָרן און אַרומגאַרטלענדיק די קופּע מיט נאָך אַן ענגערן רינג, האָט ער זיך אַליין געוואָרפן אויפן שונא, ווי פאַרווונדעטער סאָקאָל אויף אַ סטאַדע לאַנג-שנאָבלדיקע זשוראַוולעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע שחיטה און געשטופּ. שווערדן האָבן אָנגעקלאַפּט אין ראַפּיערן, ראַפּיערן האָבן זיך געבראָכן אויף דעם בלעך פון די שווערדן. צייטנווייז האָט אַ פערד זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס ווי אַ דעלפין איבער דער ים-כוואַליע און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַריינגעפאַלן אין קנויל פון מענער און פערד. די געשרייען האָבן אויפגעהערט, ס'האָט נאָר געהילכט אַ געקוויטש פון פערד, אַן אימהדיק געקלים-

פּער פֿון אײַזן און אַ שווער אָטעמען פֿון די פּאַרסאַפּעטע בּרוסטן פֿון די רײַטער ; אַן אומגעוויינלעכע פּאַרבּיטערטקייט האָט בּאַוואַלטיקט די הערצער פֿון די פּאָליאַקן און שוועדן. מ'האָט געקעמפּט מיט צעבּראָכענע שווערדן און ראַפּיערן ; איין טייל האָט זיך צוגויפגעטשעפּעט מיטן צווייטן, ווי די יאַסטרעבּעס, מ'האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, וואָנסעס, מ'האָט זיך געבּיסן מיט די ציין ; די, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פֿון די פערד און האָבּן זיך נאָך אויף די פיס געקאָנט דערהאַלטן, האָבּן די מעסער אַריינגעשטאָכן אין די בּייכער פֿון די פערד, אין די ווייכע קערפּער-טיילן פֿון די רייטער. אין רויך, אין די אויסהויכונגען פֿון די פערד, אין דעם שרעקלעכן מלחמה-בּרען זענען די מענטשן מגילגול געוואָרן אין ריזן און דערלאַנגט ריזיקע קלעפּ; די אָרעמס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטעקנס, די שווערדן אין בּליצן. מיט איין ריר האָט מען שטאָלענע העלמען צעקלאַפּט ווי די טעפּ' מ'האָט זיך געשניטן אין די קעפּ, אָפּגעהאַקט הענט מיט די שווערדן, מ'האָט זיך געשטאָכן אָן אָפּרו, מ'האָט זיך געשטאָכן אומדערבּאַרמיק, אומבּרחמנותדיק. פֿון אונטער דעם קנויל פֿון מענטשן און פערד האָט דאָס בּלוט שטראָמענווייז גענומען רינען איבּערן פלאַץ.

די ריזיקע בּלאָע פאָן האָט נאָך געפלאַטערט איבּערן שוועדישן קרייז, אָבּער די רייף איז קלענער געוואָרן מיט יעדער רגע, פּונקט ווי ווען די שניטערס שטעלן זיך פֿון בּיידע זייטן פעלד און נעמען בּלענדן מיט די שנייד-מעסערס, הויבּט די תבואה אָן פאַרשווינדן און זיי זעען זיך וואָס אַמאָל נענטער, אַזוי איז דער פּוילישער רינג געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער, אַזוי אַז די קעמפנדיקע פֿון איין זייט האָבּן שוין געקאָנט דערזען די קרומע שווערדן פֿון די קעמפנדיקע אויף דער אַקעגנאיבּערדיקער זייט.

הער שאַנדאַראָווסקי האָט געבּושעוועט ווי אַ שטורם-ווינט און זיך איינגעבּיסן אין די שוועדן, ווי אַן אויסגעהונגערטער וואָלף בּייסט זיך איין מיטן פּיסק אין פלייש פֿון אַן אָקאָרשט דערוואָרגענעם פערד, אָבּער איין רייטער האָט אים מיט זיין ווילדער רציחה אַריבּערגעשטיגן, און געווען איז דאָס יענץ ייִנגל, וואָס האָט דער ערשטער מודיע געווען וועגן די שוועדן אין רודניק, און איצט

האָט ער צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן שונא. דעם גלחס דריי־יעריקער זשרעבעק, וועלכער איז זיך ביז איצט רויק געגאַנגען איבערן פעלד, איז ווערנדיק געשטויסן דורך די פערד און נישט קאָנענדיק זיך אַרויסרייסן פון פּלאָנטער ווילד געוואָרן ווי דיין האַר; מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, אַרויסגע־קראָכענע אויגן, אויפגעשטעלטער גזשיבע האָט עס געשפּאַרט פאָ־רויס, געביסן, געשלאָגן מיט די הינטערשטע פיס, און דאָס יינגל האָט מיט דער שווערד, ווי מיט אַ צעפּ, געפּאָכעט אויף לינקס און אויף רעכטס; פון דער געלער טשופּרינע האָט זיך געגאָסן בלוט, די שאַרפן פון די ראַפּירן האָבן אים צעלעכערט די הענט און די קני; אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ צעשניטנס, אָבער די דאָזיקע ווונדן האָבן אים נאָר נאָך מער צערייצט. ער האָט זיך געשלאָגן, ווי אַ צעדולטער, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך פון זיין אייגענעם לעבן מיאש געווען און וויל נאָר נקמה נעמען פאַר זיין טויט.

דערווייל אָבער איז די שוועדישע מחנה קלענער געוואָרן, ווי אַ הויפן שניי, וואָס ווערט פון אַלע זייטן באַגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער. לסוף זענען נעבן דער קיניגלעכער פאָן געבליבן נאָר אַ צוואַנציק מאַן. דאָס פּוילישע געווימל האָט זיי איינגאַנצן צוגעדעקט, און זיי זענען געשטאָרבן טריב, מיט פאַרביסענע ליפּן; קיינער האָט די האַנט נישט אויסגעשטרעקט, קיינער האָט קיין רחמנות נישט געבעטן.

אין־דעם האָבן אין דער מהומה זיך דערהערט קולות:

— די פאָן נעמען! די פאָן!

דערהערנדיק דאָס האָט דאָס יינגל מיט דער שווערד אַ שטויס־געטאָן דעם זשערעבעק און ווי אַ פלאַם זיך אַ וואָרף־געטאָן פאָרויס, און ווען יעדער פון די שוועדן, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער פאָן, האָט אויף זיך געהאַט צוויי אָדער דריי פּוילישע רייטער, האָט דאָס יינגל דעם פאָן־טרעגער אַ שמיץ־געטאָן מיט דער שווערד איבערן פּנים, און דער פאָן־טרעגער האָט די הענט צענומען און מיטן פּנים זיך אויף דער גזשיבע פון פערד אַראָפּגעבויגן.

די בלאָע פאָן איז אומגעפאַלן מיט אים איינאיינעם.

דער נאָענטסטער שוועד האָט מוראדיק אַ געשריי געטאָן און תיכף געכאַפּט דעם שטעקן, דאָס ייִנגל אָבער האָט אַ כאַפּ־געטאָן די פּלאַכטע, האָט אַ פֿליק־געטאָן, אין איין רגע זי אָוועק־געריסן, צונויפֿגעקנוילט און צודריקנדיק זי מיט ביידע הענט צו דער ברוסט, האָט ער גענומען מאַכן קולות ביזן הימל אַריין:

— כ׳האָב, כ׳וועל נישט געבן! כ׳האָב, כ׳וועל נישט געבן!

די לעצטע, ביים לעבן געבליבענע שוועדישע רייטער האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף־געטאָן מיט אַ ווילדער רציחה, איינער האָט אים נאָך אַ שטאָך־געטאָן דורך דער פּאָן און אים פֿאַר־וווּנדעט דעם אָרעם, אָבער אין דער רגע האָט מען זיי אַלע מיט די שווערדן אויסגעקוילעט, אַז עס איז פֿון זיי קיין זכר נישט געבליבן.

באַלד נאָכדעם האָבן אַ צוואַנציק בלוטיקע הענט זיך אויס־געשטרעקט צום ייִנגל.

— די פּאָן, גיב די פּאָן! — האָט מען גענומען שרייען.

שאַנדאַראָווסקי האָט אים געאײַלט צו הילף.

— לאָזט אים אָפּ! ער האָט זי גענומען פֿאַר מײַנע אויגן, זאָל ער זי אַליין דעם קאַשטעלאַן אָפּגעבן.

— דער קאַשטעלאַן פֿאָרט! ער פֿאָרט!... — האָבן זיך אַ סך שטימען אָנגערופֿן.

פֿון דער ווײַטנס האָט זיך טאַקע דערהערט דאָס שאַלן פֿון מלחמה־שופרות און אויפֿן וועג פֿון דער זײַט פֿון פֿעלד האָט זיך באַוויזן אַ גאַנצער פּאָלק, וואָס האָט געאײַלט צום גלחס הויז. געווען איז דאָס דער לאַודער פּאָלק; בראש איז געריטן הער טשאַרניעצקי אַליין. ווען זיי זענען נאָענט צוגעקומען און געזען אַז אַלץ איז שוין געענדיקט, האָבן זיי אײַנגעהאַלטן די פֿערד; שאַנדאַ־ראָווסקיס זעלנער האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן צו זיי.

אויך שאַנדאַראָווסקי איז צוגעשפּרונגען מיט אַ באַריכט צום קאַשטעלאַן, ער איז אָבער געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט תחילת דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן, ווײַל ער האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת און די שטים האָט זיך אים יעדע ווײַלע איבערגעהאַקט.

— דער קיניג אַליין איז געווען... כ'ווייס נישט... צי ער איז אַנטקומען..

— ער איז אַנטקומען! אַנטקומען! — האָבן זיך אָנגערופן די, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צום געיעג.

— די פאַן איז געגומען!.. הרוגים איז פאַראַן לרוב!

טשאַרניעצקי האָט קיין וואָרט נישט זאָגנדיק צוגעדרוקט זיך מיטן פערד צום שלאַכט - אָרט, וועלכעס האָט געהאַט אַ שוידער. לעבן און יאָמערלעכן אויסזען. העכער צוויי הונדערט שוועדישע און פוילישע הרוגים זענען געלעגן אויסגעצויגן, איינער האַרט נעבן צווייטן; אָפּט איינער אויפן אַנדערן... מאַנכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די האָר, אַנדערע האָבן געגוססט, בייסנדיק זיך מיט די ציין אָדער דראַפּנדיק זיך מיט די נעגל. און נאָך אַנדערע זענען ווי די ברידער געלעגן אַרומגענומען אָדער אָנגעשפּאַרט מיט די קעפּ אויף די ברוסטן פון די שונאים. אַ סך פּנימער זענען געווען אַזוי צעטרעטן, אַז זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין מענטשלעכע צורה; די ווידער, וואָס זענען דורך די קאָפּיטעס נישט צעשמעטערט געוואָרן, האָבן געהאַט אָפענע אויגן, פול מיט שרעק, מלחמה - גרויל, ווילדער רציחה... דאָס בלוט האָט איינגעזאַפּט צעווייקטער ערד געפּליעסקעט אונטער די פיס פון קאַשטעלאַנס פערד וועלכע זענען באַלד אינגאַנצן רויט געוואָרן; דער ריח פון בלוט, און פערדישן שוויס האָט געדרייצט די נאָז - לעכער און פאַרכאַפּט דעם אָטעם אין דער ברוסט.

דער קאַשטעלאַן האָט געקוקט אויף די דאָזיקע מענטשלעכע גופים מיט אַזאַ אויג, מיט וועלכן דער פּריץ קוקט אויף די צ - בויפּגעבונדענע סנאָפּעס תבואה, וואָס דאַרפן דעם סטאָג פול - מאַכן. אַ צופרידנקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף זיין פּנים. שטילשווייגנדיק איז ער געריטן אַרום דעם גלחס הויז, האָט געקוקט אויף די הרוגים, וואָס זענען געלעגן פון איין זייט הינטערן גאָרטן, דער - נאָך האָט ער זיך לאַנגזאַם אַ קער - געטאָן צום הויפּט - שלאַכט - אָרט.

— איך זע דאָ אַ גוט שטיקל אַרבעט — האָט ער געזאָגט — און פּ'בין פון אייך צופרידן!

די ווידער האָבן מיט בלוטיקע הענט געוואָרפן די היטלען אין דער הויך:

— זאָל לעבן טשאַרניעצקי!

— הלוואי זאָל גאָט אײַנגיכן געבן אַ צווייט באַגעגעניש... זאָל לעבן!.. זאָל לעבן!..

און דער קאַשטעלאַן האָט דערויף געענטפערט.

— איר וועט גיין אין דער ווינטערשטער האַק אויף אָפּרו. ווער שאַנדאַראָווסקי, און ווער האָט געטשעפּעט די פאָן?

— גיט אַהער דאָס ייִנגל! — האָט שאַנדאַראָווסקי אויסגעשריגן — ווו איז ער?

די זעלבער זענען געלאָפן זוכן און געפונען דאָס ייִנגל זיצן בײַ דער וואַנט פון שטאָל נעבן זשרעבעק, וועלכער איז געפאַלן פון די וווּנדן און גראָד דעם לעצטן הויך אַרויסגעלאָזט. אין פלוג האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דאָס ייִנגל האַלט בײַ יציאת - נשמה; ער האָט אָבער צוגעדריקט די פאָן מיט ביידע הענט צו דער ברוסט.

מ'האָט אים באַלד געכאַפּט און צוגעפירט צום קאַשטעלאַן. ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער, אַ צעשויבערטער, מיט אַ נאַקעטער ברוסט, מיט אַ צעפליקטן העמד און ראָק, אויסגעשמירט מיט שוועדישן און אייגענעם בלוט, ער האָט געהאַט אַ פּנים פון עפּעס אַ פאַרזועניש און געוואַקלט זיך אויף די פיס, אָבער אין זײַנע אויגן האָט נאָך געברענט אַ פייער. הער טשאַרניעצקי האָט זיך שטאַרק פאַרחידושט, ווען ער האָט אים דערזען.

— היתכן? — האָט ער געפרעגט — ער האָט פאַרכאַפּט די קיניגלעכע פאָן?

— מיט דער אייגענער האַנט און מיטן אייגענעם בלוט — האָט שאַנדאַראָווסקי געענטפערט — ער האָט אויך דער ערשטער מודיע געווען וועגן די שוועדן און דערנאָך האָט ער אין גרעסטן קאָך אַזוי פיל גבורות באַוויזן, אַז ער האָט מיך אַליין און אַלעמען איבערגעשטיגן!

— אמת! דער הייליקער אמת, ווי עמיצער האָלט עס אָפּגעשריבן — האָבן די חברים אויסגעשריגן.

— ווי הייסטו? — האָט הער טשאַרניעצקי געפרעגט דעם ייִנגל.

— מיכאַלקאַ!

— וועמענס ביסטו?

— דעם גלחס.

— ביסט געווען דעם גלחס, אָבער דו וועסט זיין דיין אייגענער! — האָט דער קאַשטעלאַן זיך אָנגערופן.

אָבער מיכאַלקאָ האָט שוין נישט געהערט די לעצטע ווערטער ווייל פון די ווונדן, פון דעם אָפּגעפלאָסענעם בלוט האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן מיטן קאָפּ אויפן קאַשטעלאַנס פערד.

— נעמט אים, גיט אים כלערליי רפואות. איך בין ערוב דערפאַר, אַז אויפן ערשטן סיים וועט ער מיט אייך אַלעמען מיטן שטאַנד זיך אויסגלייכן, ווי ער איז שוין מיט דער נשמה גלייך מיט אייך!

— ער האָט עס פאַרדינט! ער האָט עס פאַרדינט! — האָט די שלאַכטע אויסגעשריגן.

דערנאָך האָט מען מיכאַלעקן גענומען אויף אַ טראָג - בעטל און אַריינגעטראָגן אין גלחס הויז.

און הער טשאַרניעצקי האָט אויסגעהערט זעם ווייטערדיקן באַריכט, וועלכן ס'האָט שוין נישט שאַנדאַראָווסקי אָפּגעגעבן, נאָר די, וועלכע האָבן הער ראָכס יאָגן זיך נאָך קאַרלען געזען. הער טשאַרניעצקי האָט זיך שרעקלעך דערפרייט מיט דער דאָזיקער שילדערונג, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט, דאָ ווידער האָט ער מיט די הענט איבער די קני זיך געקלאַפּט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ פאַרלויפעניש האָט דער מוט שטאַרק געמוזט פאַלן ביי קאַרל גוסטאַוון.

הער זאַגלאָבאַ האָט נישט ווייניקער זיך געפרייט און אָנגעמענדיק זיך פאַר די זייטן האָט ער מיט גאווה געזאָגט צו די ריטער:

— האַ אַ מזיק! וואָ?? ווען ער וואָלט געווען קאַרלען דעריאָגט, וואָלט דער טייוול אַליין נישט באַוויזן אים פֿון זײַנע הענט אַרויסצורייסן! מײַן בלוט, ווי גאָט איז מיר ליב, מײַן בלוט!

הער זאַגלאָבאַ האָט מיט דער צייט אויך אַליין גענומען הייליק גלויבן, אַז ער איז ראָך קאָוואַלסקיס פֿעטער.

דערווײַל האָט הער טשאַרניעצקי געהייסן זוכן דעם ייִנגן ריטער, אָבער מ׳האָט אים נישט געקאָנט געפֿינען, ווײַל הער ראָך איז פֿון בושה און עגמת־נפֿש אַרײַנגעקראָכן אין דער סטאָדאָלע, האָט זיך אײַנגעגראָבן אין שטרוי, און איז אײַנגעשלאָפֿן אַזוי פֿעסט, אַז ערשט צומאָרגנס פֿאַרטאָגס האָט ער אָנגעיאָגט דעם פּאָלק. אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק פֿאַרמרה־שחורהט און נישט דערוועגט זיך צו ווײַזן דעם פֿעטער פֿאַר די אויגן. זאַגלאָבאַ האָט אים אָבער אויפֿגעזוכט און גענומען טרייסטן:

— זײַ דיך נישט מצער, ראָך! — האָט ער געזאָגט — דו האָסט דיר אַזוי אויך פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסן רום; כ׳האָב אַליין געהערט, ווי דער הער קאַשטעלאַן האָט דיך גערימט: „זעט אויס (זאָגט ער) ווי אַ בטלן, וואָס קאָן, דאַכט זיך, קיין צוויי נישט ציילן, אָבער ווי איך זע, איז דאָס אַ פֿײַערדיקער ריטער, וועלכער האָט מיט זײַן רעפּוטאַציע דאָס גאַנצע חיל דערהויבן!"

— הער יעזוס האָט מיר קיין הצלחה נישט געגעבן — האָט ראָך געזאָגט — ווײַל איך האָב מיט אַ טאָג פֿריער זיך אָנגעשיכורט און אין אָוונט נישט געדאַוונט!

— פּרוּוו נאָר נישט גאָטס דרכים נאָכפֿאָרשן, כּדי דו זאָלסט נישט קומען צו אַ חילול־השם. וואָס דו קאָנסט טראָגן אויף די פּלייצעס, טראָג, אָבער אויפֿן קאָפּ זאָלסטו נישט טראָגן, ווײַל ער וועט פּלאַצן.

— איך בין שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז דער שווייס פֿון זײַן פֿערד האָט מיר אין פּנים אַרײַן געשלאָגן. איך וואָלט אים געווען ביזן זאָטל דורכגעשטאָכן! דער פֿעטער מיינט, אַז איך האָב שוין גאָר קיין שכל נישט!

דערויף האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט:

— יעדע בהמה האָט זיך איר שכל. ביסט אַ ווילער בחור, אָך, און כ׳וועל נאָך פון דיר נישט איינמאָל נחת האָבן. הלואי ייַנ זין זאָלן מיטן שכל אין דיר אַרייַנגעראָטן!

— מוחל! — האָט ראָך געזאָגט — איך בין קאָאַלסקי און אָס איז מאַדאַם קאָוואַלסקאַ...

7. קאַפּיטל.

נאָך דער רודניקער מפּלה איז דער קיניג אַוועק ווייטער אין קלין, צווישן סאַן און דער ווייסל און נישט אויפגעהערט ווי פריער צו גיין מיט דער הינטערשטער וואַך, ווייל ער איז נישט בלויז געווען אַן אויסגעצייכנטער פירער, נאָר אויך אַ ריטער פון אַן אומפאַרגלייכלעכן מוט. עס זענען איט נאָכגעגאַנגען הער טשאַרניעצקי, הער וויטאָווסקי, הער לובאָמירסקי און האָבן אים געיאָגט, ווי אַ חיה אין דער נעץ. די לויזע פּאַרטיעס האָבן טאָג און נאַכט געהוליעט איבער די שוועדן. פּראָוויאַנט איז געווען וואָס אַמאָל ווייניקער, דאָס חייל איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרמאַטערט און וואָס אַמאָל מער דעם מוט פאַרלוירן, אויסקוקנדיק אויפן זיכערן טויט.

די שוועדן האָבן זיך לסוף אַריינגעקלעמט אין סאַמע ווינקל, ווו ביידע טייכן קומען זיך צונויף און האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט. דאָ האָט זיי שוין פון איין זייט געשיצט די ווייסל, פון דער צווייטער זייט דער סאַן, וואָס האָט זיך, ווי געווייגלעך אין פרילינגברייט פאַנאַנדערגעגאָסן, און די דריטע זייט פון דרייעק האָט דער

קיניג באַפּעסטיקט מיט מעכטיקע פאַרשאַנצונגען, אויף וועלכע מ'האָט אַרויפגעשלעפּט האַרמאַטן.

אַ פּאָזיציע איז דאָס געווען נישט צום איינעמען, נאָר מ'האָט אין איר געקאָנט פון הונגער אויסגיין. אָבער אויך אין דעם פּרט זענען די ש״עדן געוואָרן האַפּערדיקער, ווייל זיי האָבן זיך גע־ריכט, אַז פון קראָקע און פון די אַנדערע פעסטונגען ביים ברעג וועלן די קאָמענדאַנטן מיטן וואַסער זיי שפּייז צושיקן. אָט באַלד ביי דער ז״ט איז געווען קראָקע, וווּ דער קאָמענדאַנט שינקלער האָט באַדייטנדיקע זאַפּאַסן אָנגעקליבן. ער האָט זיי טאַקע באַלד צו־געשיקט און זיי האָבן געגעסן, געטרונקען, געשלאָפן און אויפ־קומענדיק האָבן זיי געזונגען לוטערישע פּסאַלמען, לויבנדיק גאָט, וואָס ער האָט זיי פון אַזאַ שווערער צרה אַרויסגעראַטעוועט.

אָבער הער טשאַרניעצקי האָט זיי צוגעגרייט נייע קלעפּ.

סאַנדאָמיעזש אין די שוועדישע הענט האָט תמיד געקאָנט קומען צו הילף דער הויפּט־אַרמיי, הער טשאַרניעצקי האָט דע־ריבער געפּלאַנט מיט איין קלאַפּ אָפּצונעמען די שטאָט, דער שלאָס און די שוועדן אויסצוקוילן.

— מיר וועלן זיי אָפּשפּילן אַ מוראדיקע סצענע — האָט ער געזאָגט אויפן מלחמה־ראַט — זיי וועלן קוקן פון יענעם ברעג, ווי מיר וועלן זיך וואַרפן אויף דער שטאָט און מיט הילף דורך דער ווייסל וועלן זיי נישט קאָנען קומען, מיר ווידער, האָבנדיק סאַנדאָמיעזש, ווילן נישט, אַז ווירץ זאָל זיי שיקן פּראָוויאַנט פון קראָקע.

הער לובאָמירסקי, הער וויטאָווסקי און אַנדערע אַלטע מלחמה־לייט האָבן דעם הער טשאַרניעצקי אָפּגערעדט פון דאָזיקן פּלאַן.

— ס'וואָלט גוט געווען (האָבן זיי געזאָגט) איינצונעמען אַזאַ וויכטיקע שטאָט און אַ סך שאָדנס וואָלטן מיר דורכדעם די שוועדן געקאָנט גורם זיין, אָבער ווי אַזוי זאָלן מיר זי נעמען? קיין פוס־גייער האָבן מיר נישט, קיין גרויסע האַרמאַטן האָבן מיר נישט, ס'איז שווער, אַז די קאַוואַלעריע זאָל אויף די מויערן זיך רייסן!

דערויף האָט טשאַרניעצקי געענטפערט:

— שלאָגן זיך דען אונזערע פויערן שלעכט אַלס פוס־גייער? הלוואי וואָלט איך אַ פּאָר טויזנט אַזעלכע מיכאַלקאָס געהאַט, וואָלט איך נישט בלויז סאַנדאָמיעזש, נאָר אויך וואַרשע געַנומען!

און נישט הערנדיק ווייטער קיינעמס עצות, איז ער אַריבער די ווייסל. קוים האָט איבער דער געגנט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג, האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן צו אים אַ פּאָר טויזנט פויערן, וועד מיט אַ קאָסע, ווער מיט אַ ביקס און זיך געלאָזט אין דער ריכ־טונג פון סאַנדאָמיעזש.

זיי זענען אַריינגעפאַלן אין דער שטאָט געַנוג אומגעריכט און איבער די גאַסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוידערלעכע שחיטה. די שוועדן האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט פון די פענסטער, פון די דעכער, אָבער אויסהאַלטן דעם שטורעם האָבן זיי נישט גע־קאָנט. מ'האָט זיי ווי די ווערעם איבער די הייזער צעריבן און אינגאַנצן פון דער שטאָט אַרויסגעשטויסן. שינקלער איז מיט דער רעשט אַנטלאָפן אין שלאָס, אָבער די פּאָליאַקן האָבן מיט דעם זעלבן אימפּעט זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך זיי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם צו די טויערן און מויערן. שינקלער האָט אייגעזען, אַז ער וועט זיך אין שלאָס נישט דערהאַלטן.

ער האָט דעריבער צונויפגענומען וואָס ער האָט געקאָנט־מענטשן, חפצים, לעבנס־מיטל־זאַפּאַסן און אַריינזעצנדיק זיך אין שיפלעך האָט ער זיך אַריבערגעקליבן צום קיניג, וועלכער האָט פון צווייטן ברעג געקוקט אויף דער מפּלה פון זיינע מענטשן, נישט קאָנענדיק זיי קומען צו הילף.

דער שלאָס איז אַריינגעפאַלן אין די פּוילישע הענט.

אָבער דער כיטרער שוועד האָט אַוועקגייענדיק אונטער די מויערן, איבער די קעלערס אונטערגעלייגט פעסלעך מיט פּולווער און מיט אָנגעצונדענע קנויטן.

ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט פאַרן קיניג, האָט ער אים איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה, כדי אים צו פאַרשאַפן אַ נחת־רוח.

— דער שלאָס וועט פליען אין דער לופטן מיט אַלע מענטשן

— האָט ער געזאָגט — אפשר וועט אויך טשאַרניעצקי אַליין אומקומען.

— אויב אַזוי וויל איך אויך זען, ווי אַזוי די פרומע פּאָליאַקן וועלן אין הימל אַריין פליען — האָט דער קיניג געזאָגט.

און ער איז מיט אַלע גענעראַלן פאַרבליבן אויפן אָרט.

דערווייל זענען די פרייוויליקע און פויערן, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון טשאַרניעצקי, וועלכער האָט די בגידה פאַרויסגעזען, זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן שלאָס זוכן די באַהאַלטענע שווערדן און ראַבעווען. די טרומייטן האָבן געשאַלט אויף אַן ראַלאַם־אַז ווער עס האָט נאָר אַ האַנט מיט אַ פוס זאָל זיך באַהאַלטן אין דער שטאָט, אָבער זיי האָבן נישט געהערט די דאָזיקע התראות אָדער נישט געוואָלט זיי נעמען אין אַכט.

מיט אַמאָל האָט זיך די ערד אַ טרייסל־געטאָן אונטער זייערע פיס, אַ מוראַדיקער דונער און קראַך האָט אויפגעריסן די לופט, אַ ריזיקער פייער־סלופּ האָט אַ זעץ־געטאָן אין דער הויך צרויסוואַרפנדיק אין דער לופט ערד, מויערן, דעכער, דער גאַנצער שלאָס און העכער פינף הונדערט קערפּערס פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צוריקצוציען.

קאַרל גוסטאַוו האָט פאַר די זייטן זיך אָנגענומען פון שמחה און די הויף־לייט די חונפים האָבן באַלד גענומען איבערחזרן זיינע ווערטער:

— די פּאָליאַקן גייען אין הימל אַריין! אין הימל אַריין אין הימל אַריין!

אָבער די דאָזיקע שמחה איז געווען צו פריצייטיק, ווייל סאַנדאָמיעזש איז פאַרט געבליבן אין די פּוילישע הענט און האָט שוין נישט געקאָנט פאַרזאָרגן מיט לעבנסמיטלען די הויפּט־אַרמיי, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין ווינקל פון טייך.

הער טשאַרניעצקי האָט אויפגעשלאָגן דעם לאַגער אַקעגן איבער די שוועדן, אויף דער צווייטער זייט ווייסל און געהיטן דעם דורכגאַנג.

און הער סאַפּיעהאַ, דער ליטווישער גרויס-העטמאַן אין ווילנער וואָיעוואָדע איז אָנגעקומען מיט די ליטווינער פון דער צווייטער זייט און זיך אויסגעלייגט הינטערן סאַן.

מ'האָט בכן די שוועדן איינגאַנצן אַרומגערינגלט; מ'האָט זיי אַריינגעכאַפּט ווי אין דער קלעם.

— די זלאַפּקע איז צוגעפאַלן! — האָבן די זעלנער געזאָגט צווישן זיך אין די פּוילישע לאַגערס.

ווייל יעדער, וואָס האָט נאָר די מינדסטע ידיעה אין דער מלחמה-קונסט, האָט פאַרשטאַנען, אַז איבער די שונאים הענגט אַן אומפאַרמיידלעכער טויט, סיידן עס זאָלן צו דער צייט אָנקומען פאַרשטאַרקונגען און זיי אַרויסרייסן פון דער קלעם.

ס'האָבן דאָס פאַרשטאַנען אויך די שוועדן; יעדן באַגינען האָבן די אָפיצירן און זעלנער, צוקומענדיק צום ברעג פון דער ווייסל, געקוקט מיט אַ יאוש אין די אויגן און אין האַרצן אויף די מחנות פון טשאַרניעצקיס מוראדיקע רייטער, וואָס האָבן געווימלט אויף יענער זייט טייך.

דער אָך זענען זיי געגאַנגען צום ברעג פון סאַן, דאָרט ווי דער האָבן הער סאַפּיעהאַס חיילות געוואַכט טאָג און נאַכט, גרייט זיי מקבל פּנים צו זיין מיט דער שווערד און מיט דער ביקס.

וועגן אַריבערקלייבן זיך, סיי דורכן סאַן, סיי דורך דער ווייסל, כּל-זמן ביידע אַרמייען זענען געשטאַנען אין דער נאָענט האָט מען אָפילו טראַכטן נישט געקאָנט. די שוועדן וואָלטן העכסטנס געקאָנט צוריקקערן קיין יאַראָסלאַוו מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זענען אָנגעקומען, אָבער זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט קיין איינער פון זיי שוין מער שוועדן פאַר די אויגן נישט געזען.

ס'האָבן זיך בכן פאַר זיי אָנגעהויבן שווערע טעג, נאָך שווערערע נעכט, ווייל זיי זענען פול געווען מיט ראַנגלענישן און מהומות... דער פּראָוויאַנט האָט זיך ווידער אויסגעלאָזט...

דערווייל האָט טשאַרניעצקי, איבערלאָזנדיק דעם הער לובאָמירסקי די קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי און מיטנעמענדיק מיט זיך דעם לאודער פּאָלק, אַריבערגעקליבן זיך דורך דער ווייסל

ווייטער אַרויף גאָכן אַריינפּאַל פון סאַן, כדי זיך צו זען מיט הער סאַפּיעהאַ און זיך מיט אים באַראַטן וועגן דער ווייטערדיקער מלחמה.

דאָס מאָל איז נישט נויטיק געווען זאַגלאָבאַס פאַרמיטלונג אויף צונויפצופירן ביידע קאָמענדאַנטן, ווייל ביידע האָבן ליב געהאַט דאָס פאָטערלאַנד מער, ווי יעדער זיך אַליין, ביידע זענען גרייט געווען מקריב צו זיין פאַר איר די פּריוואַטע אינטערעסן, די אייגן־ליבע און די אַמביציע.

דער ליטווישער העטמאַן האָט נישט מקנא געווען טשאַרניעצקין, טשאַרניעצקי האָט אויך נישט מקנא געווען סאַפּיעהאַן, אדרבא, ביידע האָבן איינער דעם אַנדערן פאַרערט, דערפאַר טאַקע איז דאָס באַגעגעניש צווישן זיי געווען אַזאַ, אַז די עלטסטע זעלנער האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— עס וואַקסט די רעפּובליק, עס פרייט זיך דאָס ליבע פאָטערלאַנד, ווען אַזעלכע זין אירע נעמען זיך אַרום — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט צו וואָלאָדיאָווסקין און צו די סקשעטוסקיס — טשאַרניעצקי איז אַ שרעקלעכער מלחמה־מאַן און אַן ערלעכע נשמה, אָבער אויך סאַפּיעהאַן קאָנסטו צו אַ מכה צולייגן, וועט זי זיך פאַרהיילן. הלוואי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן אַזעלכע מענטשן. די הויט וואָלט אויף די שוועדן געגרונצלט געוואָרן, ווען זיי וואָלטן געקאָנט זען די דאָזיקע ליבשאַפט פון די גרעסטע מענטשן. מיט וואָס האָבן זיי אונז דען מנצח געווען, אויב נישט מיט דער קנאה־שנאה פון די שררות. זענען זיי דען אונז מיט כוח בײַגעקומען, וואָס? אָט, דאָס פאַרשטייט איך! די נשמה צאַפּלט אין מענטש אויפן אָנבליק פון אַזאַ באַגעגעניש. איך זאָג אייך גוט אויך דערפאַר, אַז עס וועט טרוקן נישט אָפּגיין, ווייל סאַפּיעהאַ האָט מוראדיק ליב צו פּראַווען סעודות, און מיט אַזאַ היימישן מענטש וועט ער גערן אַ הוליע־טאָן.

— גאָט טוט מיט אונז חסדים! דאָס בייזע פאַרגייט! גאָט טוט מיט אונז חסדים! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— זע, אַז דו זאָלסט נישט זינדיקן מיט די רייד! — האָט זאַגלאָבאַ אים דערויף געענטפערט — יעדעס בייז מוז פאַרגיין,

ווייל ווען עס וואָלט אייביק אָנגעהאַלטן, וואָלט עס דאָך געווען אַ אַווייז, אַז דער שטן רעגירט מיט דער וועלט, און נישט דער האַר יעזוס, וואָס זיין דערבאַרמיקייט האָט גאָר קיין שיעור נישט.

דאָ האָבן זיי איבערגעריסן דעם שמועס, ווייל זיי האָבן דערזען באַביניטשן, וואָס זיין הויכע געשטאַלט האָבן זיי דערקענט פון דער ווייטנס איבער דער כוואַליע פון אַנדערע קעפּ. הער וואָלאַדיאָווסקי און זאַגלאָבאַ האָבן באַלד גענומען ווינקען צו אים, אָבער ער האָט אַזוי זיך איינגעקוקט אין הער טשאַרניעצקין, ער האָט זיי תחילת נישט באַמערקט.

— גיט אַ קוק — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווי שלעכט דער יינג זעט אויס!

— ער האָט קיין סך נישט געמוזט אויפטאָן קעגן פירשט באָגוסלאַוו — האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן — אַ נישט וואָלט ער געווען מער אויפגערוימט.

— אודאי האָט ער נישט אויפגעטאָן. ס'איז דאָך באַוווסט, אַז באָגוסלאַוו קעמפט ביי מאַלבאָרק צוזאַמען מיט שטיינבאָקן קעגן דער פעסטונג.

— לאָמיר האָפן צו גאָט, אַז זיי וועלן האָבן אַ מפלה! דערויף האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— ווען אַפילו זיי וועלן מאַלבאָרק איינגעמען וועלן מיר דערווייל קאַרל גוסטאַוון אין געפאַנגענשאַפט נעמען, און מיר וועלן זען, צי זיי וועלן די פעסטונג פאַרן קיניג נישט אַוועקגעבן?

— גיט אַ קוק! באַביניטש גייט שוין צו אונז! — האָט סקשעטוסקי איבערגעהאַקט.

ער האָט טאַקע דערזעענדיק זיי גענומען אַוועקרוקן דעם עולם אויף ביידע זייטן און איילן זיך צו זיי, ווינקענדיק צו זיי מיטן היטל און שמייכלענדיק פון דער ווייטנס. זיי האָבן זיך באַגריסט ווי גוטע באַקאַנטע און פריינט.

— וואָס הערט מען? וואָס האָט איר געמאַכט מיטן פירשט — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— שלעכט, שלעכט! אָבער ס'איז איצט נישט די צייט וועגן 'עם צו רעדן. איצט וועלן מיר זיך זעצן צו די טישן. איר וועט

דאָ בלייבן איבער נאַכט; קומט נאָכן באַנקעט צו מיר אויף נאַכט עגער, צווישן מיינע טאַטערס. א געצעלט האָב איך דאָרט א אקוועמען, וועלן מיר ביי בעכערס שמועסן ביז אין דער פרי.

— אַז איינער רעדט ווי אַ בר - דעת, שפּאַר איך נישט אָפּ

— האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — זאָגט אונז נאָר, פון וואָס איר זעט אַזוי שלעכט אויס?

— דער דאָזיקער מחבל האָט מיך אין דער שלאַכט אינאײ־נעם מיטן פערד אומגעוואָרפן און מיך צעהאַקט, ווי אַן ערדענע כלי, אַזוי, אַז פון דעמאָלט אָן שפּיי איך מיט בלוט און קאָן צו זיך נישט קומען. איך האָף צום דערבאַרעמדיקן גאָט, אַז איך וועל נאָך דאָס בלוט פון אים אויסצאַפּן. אָבער איצט לאָמיר גיין, ווייל הער סאַפּיעהאַ מיטן הער טשאַרניעצקי הויבן זיך שוין אָן כבוד צוצו־טיילן און צו דינגען זיך וועגן ערשטן שריט. אַסימן, אַז די טישן זענען געגרייט. מיט גרויס אומגעדולד וואַרטן מיר דאָ אויף אייך, ווייל איר האָט אויך געגנוג שוועדיש בלוט פאַרגאָסן.

— זאָלן אַנדערע זאָגן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — מיר פּאַסט נישט!

אין - דעם האָט דער גאַנצער עולם זיך אַ ריר - געטאָן און אַלע זענען אַוועק אויפן פּלאַץ צווישן די געצעלטן, וווּ עס זענען אויסגעשטעלט געווען די טישן. הער סאַפּיעהאַ איז לכבוד דעם הער טשאַרניעצקין אַרויסגעטרעטן, ווי אַ מלך. דער טיש, ביי וועלכן מ'האָט אַוועקגעזעצט דעם קאַשטעלאַן, איז געווען באַדעקט מיט שוועדישע פאָנען, די מעדן און וויינען האָבן זיך געגאָסן פון די פעסער, אַז ביידע פירער זענען צום סוף געוואָרן אַ ביסל בגילופנדיק. ס'האָט נישט געפעלט קיין פריילעכקייט, ליצנות, ווי־וואַטן, טומל, ביז די אָוונט - קילקייט האָט לסוף פאַרטריבן דעם עולם, הגם דאָס װעטער איז געווען וווּנדערבאַר שיין און די זון האָט אומגעוויינלעך געוואַרעמט.

דעמאָלט האָט קמיטשיץ מיטגענומען זיינע געסט צווישן די טאַטערס. זיי האָבן זיך אין זיין געצעלט געזעצט אויף פילצענע דעקן וואָס זענען בשפע מיט כל המינים שלל געווען אויסגעשטאָפּט, און גע־נומען שמועסן וועגן קמיטשיצס עקספּעדיציע.

— באָגוסלאַוו איז איצט ביי מאַלבאָרק — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — און אַנדערע דערציילן, אַז ער איז ביים קורפירשט, מיט וועלכן ער זאָל צוזאַמען גיין דעם קיניג צו הילף.

— אויב אַזוי איז בעסער! וועלן מיר זיך טרעפן! איר ייִנגעלייט וועט זיך מיט אים נישט קאָנען קיין עצה געבן, מיר וועלן זען ווי אַזוי דער אַלטער וועט זיך אַן עצה געבן! ער האָט זיך שוין מיט פאַרשידענע מענטשן צונויפגעטראָפן, אָבער מיט זאַגלאָבאַן נאָך נישט. איך זאָג, אַז מיר וועלן זיך באַגעגענען, סיידן פירשט יאַנוש האָט אים אין דער צוואה אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זאַגלאָבאַן פון דער ווייטנס מיידן. דאָס קאָן זיין!

— דער קורפירשט איז אַ כיטרער מענטש — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — און זאָל ער גאָר זען, אַז קאַרל שטייט שמאָל, וועט ער זיך באַלד אַלע הבטחות און שבועות מתּיר זיין.

— און איך זאָג אייך, אַז ניין — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — קיינער טראָגט אויף אונז נישט קיין גרעסערע שנאה, ווי דער פּרוסאַק. ווען דיין משרת, וועלכער האָט דיך אַ געבויגענער אין דרייען געמוזט אויפנעמען און דיינע מלבושים פּוצן, שפּילט צו די הצלחה און ער ווערט דיין בעל-הבית, איז וואָס מער חסד דו האָסט מיט אים געטאָן, אַלץ שטרענגער וועט ער צו דיר זיין.

— פאַרוואָס אייגנטלעך? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— ווייל זיין מעמד אַלס משרת וועט אים ליגן אין זכרון און ער וועט זיך פאַר אים נוקם-זיין אין דיר, ווען אַפילו דו זאָלסט אים האָבן בלויז טובות געטאָן.

— דאָס איז נישט וויכטיק! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — נישט איין מאָל טרעפט, אַז אַפילו אַ הונט גיט אַ ביס זיין האַר אין דער האַנט אַריין. זאָל אונז באַבּיניטש בעסער דערציילן וועגן זיין עקספּעדיציע.

— מיר הערן! — האָט סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

קמיטשיץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער טיף אָפּגעעטעמט און גענומען באַריכות דערציילן וועגן סאַפּיעהאַס לעצטער מלחמה מיט באָגוסלאַוון, וועגן דעם לעצטנס מפּלה ביי יאַנאָוו, לסוף וועגן דעם, ווי פירשט באָגוסלאַוו האָט צעקלאַפּט די טאָטערס.

אים אַליין צוזאַמען מיטן פערד אויף דער ערד אומגעוואָרפן און מיטן לעבן אַנטקומען.

— און איר האָט דאָך געזאָגט — האָט וואָלאָדיאָווסקי אי־בערגעהאַקט — אַז איר וועט אים מיט אייערע טאָטערס רודפן אַפילו ביז צום באַלטישן ים?

דערויף האָט קמיטשיץ געענטפערט:

— און איר האָט מיר אַנימלט אויך דערציילט אַז ווען באַהון האָט דעם דאָ אַנוועזנדיקן הער סקשעטוסקי זיין געליבט מיידל צוגערויבט, האָט הער סקשעטוסקי דערוייל פאַרגעסן אי אין איר און אי אין דער נקמה דערפאַר, וואָס דאָס פאָטער־לאַנד איז געווען אין אַ נויט. איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין איי־ער חברותא, דערפאַר גיי איך אויך אין אייערע דרכים.

— הלואי זאָל אייך גאָט אַזוי באַלוינען, ווי טקשעטוסקין! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — פונדעסטוועגן וואָלט איך בעסער וועלן, אַז אייער מיידל זאָל איצט זיין אין וואַלד, איידער אין באָגוסלאַווס הענט.

— שאַט נישט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן — איר וועט זי צוריקבאַקומען!

— איך דאַרף צוריקבאַקומען נישט בלויז איר פערזאָן, נאָר אויך איר אַכטונג און ליבשאַפט.

— איינס וועט קומען נאָכן אַנדערן — האָט הער מיכאַל גע־זאָגט — אַז איר וועט נאָר די פערזאָן האָבן וועט איר נעמען מיט געוואַלט, ווי דעמאָלט, איר געדענקט?

— דאָס וועל איך מער נישט טאָן!

דאָ האָט הער אַנדזשעי גענומען שווער זיפצן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— נישט בלויז כ'האָב יענע נישט צוריקבאַקומען, נאָר באָ־גוסלאַוו האָט מיר נאָך אַ צווייטע פאַרכאַפּט.

— אַן עכטער טערק! ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט זאַ־גלאָבאַ אויסגעשריגן.

און הער מיכאַל האָט גענומען אויספרעגן:

— וואָס פאַר אַ צווייטע?

— פאַראַן אַ סך צו דערציילן — האָט קמיטשיץ געענטפערט — געווען אין זאַמאָשטש איין מיידל, זייער אַ שיינע, אויף וועלכער דער קאַלושער סטאַראָסטע האָט געוואָרפן אַן אויג מיט זייער מיאוסע כוונות. היות ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין שוועסטער, דער פירשטין וישניאָוויעצקאַ, האָט ער זיך נישט דערוועגט פאַר אירע אויגן צו נאָענט צו איר צוצושאַרן, ער איז דעריבער געפאַלן אויף דער המצאה זי אַוועקצושיקן מיט מיר, כלומרשט צום הער סאַפּיעהאַ, נאָך אַ ירושה קיין ליטע, בעצם אָבער דערפאַר, כדי זי אויף אַ האַלבן מייל הינטער זאַמאָשטש פון מיר צוריקצונעמען און צו פאַרשלעפּן ערגעץ אין אַ העק, ווו קיינער זאָל זיינע גלוסטעניש קיין מניעות נישט קאָנען שטעלן. אָבער איך האָב דערשנאַפּט די דאָזיקע כוונה. דו ווילסט מיך מאַכן (האָב איך געטראַכט) פאַר דיינעם אַ מעקלער? וואַרט! און איך האָב אים די מענטשן אָפּגעשמיסן און דאָס מיידל אין איר גאַנצער מיידלשער צניעות צום הער סאַפּיעהאַ אַוועקגעפירט. כ'זאָג אייך, אַ מיידל אַ יפת־תואר, אָבער אַ כשרע... איך בין אויך אַן אַנדערער מענטש, און מיינע חברים פוילן שוין לאַנג אין דער ערד!

— וואָס פאַר אַ מיידל איז דען דאָס געווען? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— פון אַ פיין הויז, אַ הויף־פרייליין פון דער פירשטין וישניאָוויעצקאַ. אַמאָל איז זי געווען די באַשערטע פון ליטווינער פּאָדביפּיענטאַ, וועלכן איר האָט געקענט...

— אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ!!! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ געשריי געטאָן, אויפשפּרינגענדיק פון אָרט.

זאַגלאָבאַ האָט זיך אויך האַסטיק אויפגעהויבן פון דער פּילצענער דעק.

— הער מיכאַל, באַהערשט זיך!

אָבער הער וואָלאָדיאָווסקי איז ווי אַ קאַץ צו קמיטשיצן צוגעשפּרונגען.

— איר, בוגד, האָט געלאָזט באָגוסלאַוון זי פאַרכאַפּן?!

— טוט מיר נישט קיין עולה! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ך האָב זי בשלום צום העטמאַן אָפּגעפירט, אַכטונג געבנדיק אויף

איר, ווי אויף אַן אייגענער שוועסטער, און באָגוסלאַוו האָט זי פֿאַרכאַפּט נישט ביי מיר, נאָר ביי אַן אַנדערן אָפֿיציר, מיט וועלכן הער סאַפּיעהאַ האָט זי צו זיין הויז - געזינט אָפּגעשיקט און וועל-כער האָט געהייסן גלאָוביטש, אָדער ווי, גענוי געדענק איך נישט.

— ווו איז ער איצט?!

— ער איז נישטאָ, ווייל ער איז געפֿאַלן. אַזוי וויניקסטנס האָבן סאַפּיעהאַס אָפֿיצירן געזאָגט. איך בין באַזונדער מיט די טאָ-טערס באָגוסלאַוון אונטערגעקומען, דערפֿאַר ווייס איך נישט גאַנץ גענוי. אָבער פֿון אייער אויפֿרעגונג דרינג איך, אַז איין אומגליק האָט אונזביידן געטראָפֿן, איין מענטש האָט אונז אַן עוולה געטאָן, און אויב אַזוי, לאָמיר קענען אים מאַכן יד - אחת און מיט בשותפֿותדיקע כּוחות נקמה נעמען פֿאַר אונזערע עוולות. ער איז אַ גרויסער שררה און אַ גרויסער ריטער, און דאָך מיין איך אַז עס וועט אים ענג זיין אין דער גאַנצער רעפּובליק, אויב ער וועט האָבן אַזעלכע צוויי שונאים.

— אָט האָט איר מיין האַנט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי גע-ענטפֿערט — פֿון איצט אָן וועלן מיר שוין זיין פֿריינט אויף טויט און אויף לעבן! ווער עס וועט אים דער ערשטער געפֿינען, וועט אים פֿאַר ביידע באַצאָלן. הלוואַי זאָל גאָט מיר באַשערן צו זיין דער ערשטער, ווייל אַז איך וועל פֿון אים דאָס בלוט אויסצאַפּן, איז זיכער, ווי אַ גאָט איז אין הימל!

דאָ האָט הער מיכאַל גענומען אַזוי מוראַדיק מיט די וואָנ-סעלעך באַוועגן און די שווערד טאַפּן, אַז דעם הער זאַגלאָבאַ האָט אַזש אַ שוידער אָנגעכאַפּט, ווייל ער האָט געוווסט אַז מיטן הער מיכאַל גייט קיין ליצנות נישט אָן.

— כ׳וואָלט איצט נישט געוואָלט זיין אין פֿירשט באָגוסלאַווס הויט — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — ווען מ׳וואָלט מיר אַפֿילו גאַנץ ליפֿלאַנד צום טיטול צוגעגעבן. גענוג אַז מ׳האָט אָבער זיך אַזאַ מחבל, ווי קמיטשיץ, מכּל-שכּן נאָך דעם הער מיכאַל! יאָ, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, ווייל אויך איך שטיי - צו צו אייך! מיין קאָפּ, אייערע שווערדן! כ׳ווייס נישט, צי ס׳איז פֿאַראַן אַ מושל אין דער קריסטלעכער וועלט, וועלכער זאָל פֿאַר אַזאַ

מאַכט נישט ציטערן. דערצו נאָך וועט גאָט פריער אָדער שפּעטער דאָס מזל פון אים אָפּווענדן, וועל עס קאָן נישט זיין, אַז אַ פּאַר אַ בוגד און אַן אַפּיקורס זאָל קיין שטראָף נישט זיין... קמיטשיק האָט אים שוין אַזוי אויך קאָכעדיקע סמאָלע אונטער דער הויט געגאָסן.

— כ'לייקן נישט, אַז ער איז פון מיר נישט איין בזיון אויסגעשטאַנען — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט.

און הייסנדיק אָנגיסן די בעכערס האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט סאָראָקאָן פון דער געפאַנגענשאַפט באַפרייט. ער האָט נאָר פאַרשוויגן וועגן דעם, אַז ער האָט זיך צוערשט ראַדזיווילן צו די פיס געוואָרפן, ווייל בלויז אויפן געדאַנק וועגן דעם מאָמענט האָט אים דאָס גאַנצע בלוט אין פנים אַריין אַ זעץ געטאָן.

הער מיכאַל איז, הערנדיק די שילדערונג, געוואָרן אויפגערוימט און צום סוף זיך אָנגערופן:

— זאָל אייך גאָט העלפן, יענדרעק! מיט אַזאַ גבור קאָן מען אַפילו אין גיהנום אַריין גיין! די צרה איז נאָר, וואָס נישט שטענדיק וועלן מיר קענען צוזאַמען גיין, ווייל דיינסט איז דינסט. מיך קאָן מען אַרויסשיקן אין איין זייט פון דער רעפּובליק, און אייך אין אַ צווייטער זייט. מ'קאָן נישט וויסן, ווער ס'וועט דער ערשטער זיך מיט אים צונויפטרעפן.

קמיטשיץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— על - פּי - יושר דאַרף איך אים פּאַקן... אויב כ'וועל נאָר נישט ווידער מיאוס אָפּשניידן, ווייל... ס'איז אַ חרפה זיך מודה צו זיין, אָבער איך קאָן דעם דאָזיקן מחבל אין האַנט - געפּעכט נישט בייקומען...

— אויב אַזוי וועל איך אייך אַלע מיינע קונצן אויסלערנען! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן.

— אָדער איך! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— ניין! זייט מיר מוחל, כ'וועל בעסער ביי מיכאַלן זיך לערנען! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— הגם ער איז אַזאַ ריטער, האָב איך פֿונדעסטוועגן מיט דער מאַדאַם קאָוואַלסקאַ פֿאַר אים קיין מורא נישט, אַבי איך זאָל גאָר זיין אויסגעשלאָפֿן! — האָט ראָך זיך אַריינגעמישט.

— שטיל, ראָך! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופֿן — גאָט קאָן דיך דורך זיינע הענט נאָך שטראָפֿן פֿאַרן איבערנעמען זיך מיט דיין גבורה.

— אָוואַ! ס׳וועט מיר גאָרנישט זיין!

הער ראָך איז נעבעך נישט געווען קיין גליקלעכער נביא, אָבער אין דער רגע איז ער געווען שטאַרק בגילופֿינדיק און ער איז גרייט געווען די גאַנצע וועלט אַרויסצורופֿן אויף אַ קאַמף. די איבעריקע האָבן אויך געכּוסעט, זיך צום געזונט, און באַגוסלאַוון און די שוועדן צום טויט.

— כ׳האָב געהערט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אַז ווי נאָר מיר וועלן די דאָזיקע שוועדן פֿאַרטיליקן און דעם קיניג באַקומען, וועלן מיר באַלד קיין וואַרשע מאַרשירן. דערנאָך וועט אַוודאי זיין אַ סוף צו דער מלחמה. דערנאָך ווידער וועט קומען אויפֿן קורפֿירשט די ריי.

— אָ! אָ! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופֿן.

— כ׳האָב געהערט, ווי הער סאַפּיעהאַ אַליין האָט דאָס אַ־ציִמלט געזאָגט, און ער, אַלס גרויסער מענטש, מאַכט בעסער דעם חשבון. ער האָט בכן צו אונז געזאָגט: מיטן שוועד וועט זיין וואָפֿנשטילשטאַנד! מיט די צפֿון־לייט איז שוין וואָפֿנשטילשטאַנד, אָבער מיטן קורפֿירשט דאַרפֿן מיר אין קיין שום אונטערהאַנדלונגען זיך נישט שפּילן. הער טשאַרניעצקי, זאָגט ער, מיט לובאָמירסקין וועלן אוועק קיין בראַנדענבורג, און איך מיטן ליטווישן שאַץ־מייסטער אין קורפֿירשטלעכן פּרייסן, און אויב דערנאָך, זאָגט ער, וועלן מיר פּרייסן אויף אייביק צו דער רעפּובליק נישט צופֿאַרייניקן, איז נישט אַנדערש, נאָר אַז אין דער קאַנצעלאַריע איז נישטאָ קיין איין קאָפּ, ווי הער זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט אויף אייגענער אחריות מיט בריוו דעם קורפֿירשט געדראָט.

— אַזוי האָט סאַפּיעהאַ טאַקע געזאָגט? — האָט זאַגלאָבאַ געפֿרעגט, רויט־ווערנדיק פֿון נחת.

— אַלע האָבן דאָס געהערט. און איך האָב מיך זייער געפרייט, ווייל די זעלבע בייטש וועט באָגוסלאַוון אויסראַטן און אויב גישט פריער, וועט ער דאַמאָלט זיכער אין אונזערע הענט אַריינפאַלן.

— אַבי מיט די דאָזיקע שווערן וואָס גיכער אַ סוף מאַכן!

— האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — כאַפּט זיי דער טייוול! זאָלן זיי אָפּטרעטן ליפלאַנד און די מיליאָנען סילוקן, וועלן מיר זיי שענקען דאָס לעבן.

— פאַרקויפט נישט די פעל, ווייל דער בער איז נאָך נישט געכאַפּט! — האָט יאַן סקשעטוסקי לאַכנדיק זיך אָנגערופן — קאַרל איז נאָך אין פוילן, נאָך זעצן קראָקע, וואַרשע, פּויזן און אַלע ווייכטיקערע שטעט אין זיינע הענט, און דער פּאָטער וויל שוין, אַז ער זאָל זיך אויסקויפן. ע, אַ היפּש ביסל אַרבעט וועט מען נאָך מוזן פאַרלייגן, ביז מיר וועלן וועגן קורפירשט נעמען טראַכטן!

— און שטיינבאָקס אַרמיי איז דאָ, און די גאַרניזאָנען, און ווירץ! — האָט סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

— איז פאַרוואָס זיצן מיר דאָ מיט פאַרלייגטע הענט? — האָט מיט אַמאָל ראָך געפרעגט, אויסגלאָצנדיק די אויגן — מיר קאָנען דען די שווערן נישט שלאָגן?

— ביסט אַ טיפּש, ראָך! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— דער פעטער טענהט שטענדיק דאָס אייגענע, און איך האָב בנאמנות געזען שיפלעך ביים ברעג. מ'וואָלט געקאָנט פאָרן און די וואָך פאַרכאַפּן. פינסטער, כאַטש נעם און דערלאַנג אין פּיסק אַריין; איידער זיי וועלן זיך אומקוקן וועלן מיר צוריקקומען און אונזער ריטערלעכן מוט ביידע פירער ווייזן. אַז איר ווילט נישט, וועל איך אַליין גיין!

— דער פגר האָט מיטן עק אַ ריר־געטאָן, פּלאַי־פּלאַים! — האָט זאַגלאָבאַ מיט כעס געזאָגט.

אָבער קמיטשיצן האָבן באַלד גענומען די נאָז־לעכער זיך אָנבלאָזן.

— נישט קיין שלעכטער איינפאַל! נישט קיין שלעכטער איינפאַל! — האָט ער געזאָגט.

— נישט שלעכט פאַר קנעכט, אָבער נישט פאַר דעם, וואָס האָט זיך ליב צו האַלטן אין דער מדרגה. מענטשן, האָט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין! איר זענט דאָך פּאַלקאָווניקעס, און איר ווילט זיך ווי די באַנדיטן אַרומטרייבן.

— אודאי איז עס נישט זייער שיין! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — לאָמיר בעסער שלאָפן גיין, ווייל ס'איז שפּעט.

אַלע האָבן מסכּים געווען צום דאָזיקן געדאַנק, זיי האָבן דעריבער באַלד געקניט צו דער אָוונט־תּפילה און גענומען זי זאָגן אויף אַ קול; דערנאָך האָבן זיי זיך געלייגט אויף די פּיל־צענע דעקן און באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן שלאָף.

אָבער מיט אַ שעה שפּעטער האָבן אַלע זיך פּלוצלינג אויפ־געכאַפּט ווייל אַ קנאַל פון אַ שיסערײַ האָט זיך צעטראָגן פון יענער זייט טייך, דערנאָך זענען אין סאַפּיעהאַס גאַנצן לאַגער אַנטשטאַנען אַ טומל און אַ געשריי.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — די שוועדן גרייפן־אָן!

— וואָס רעדט איר! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן, אָנ־כאַפּנדיק די שווערד.

— ראָך, ווו ביסטו! — האָט גערופן זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט אין דרינגנדיקע פאַלן ליב געהאַט צו האָבן דעם פּלימעניק ביי זיך.

אָבער ראָך איז נישט געווען אין געצעלט.

זיי זענען אַרויסגעלאָפן אויפן פּלאַץ. די מאַסן זענען שוין געווען פאַר די געצעלטן און אַלע האָבן געאיילט צום טייך; ווייל אויף דער צווייטער זייט האָט מען געזען פייער־בליצן און אַ קנאַל האָט וואָס אַמאָל העכער אָפּגעהילכט.

— וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? — האָט מען גע־פרעגט די וואַך, וואָס איז אין אַ גרויסער צאָל געווען פאַנאַנדער־געשטעלט ביים ברעג.

אָבער די וואַכן האָבן גאָרנישט געזען. איינער פון די זעל־נער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט עפּעס, ווי אַ פּליעסק פון אַ כוואַליע, אָבער היות אַ נעפּל האָט געהאָנגען איבערן וואַסער,

האָט ער גאָרנישט געקאָנט דערזען און צוליב אַ ליאַדע שאָרך האָט ער דעם לאַגער נישט געוואָלט אַלאַרמירן.

אויסהערנדיק דעם באַריכט, האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ פון פאַרצווייפלונג.

— ראָך איז אַוועק צו די שוועדן! ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל די וואַך פאַרכאַפּן!

— בײַ גאָט! דאָס קאָן זײַן! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— מ׳וועט מיר דעם ייִנג דערשיסן, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט זאַגלאָבאַ ווײַטער געקלאָגט — גנעדיקע הערן, צי איז קיין שום רעטונג נישטאָ? גאָט מײַנער! דער ייִנג האָט דאָך אַ גאָלדן האַרץ! נישטאָ נאָך אַזאַ אײנער אין בײדע אַרמייען! וואָס איז אים אײַנגעפאַלן אין זײַן נאַרישן קאָפּ?!.. גאָט מײַנער, ראַטעווע אים פון דעם אומגליק!..

— אפשר וועט ער צושווימען. אַ געדיכטער נעפּל! זיי וועלן אים נישט זען!

— כ׳וועל דאָ וואַרטן אַפילו ביז אין דער פרי. גאָט מײַנער! גאָט מײַנער!

דערווײַל האָט די שיסערײַ אויפן אַקעגנאיבערדיקן ברעג גענומען אויפהערן, די פײַערלעך האָבן זיך אײַנציקווײַז פאַרלאָשן און אין אַ שעה אַרום איז געוואָרן טויט - שטיל. זאַגלאָבאַ האָט געשפּאַנט איבערן ברעג פון טײַך, ווי אַ הון, וואָס וואַרעמט אויס די הינדעלעך, און זיך די רעשט האָר פון דער טשופּרינע אויסגעריסן, אָבער אומזיסט האָט ער געוואַרט, אומזיסט האָט ער געקלאָגט. דעם באַגינען האָט דעם טײַך מיט ליכט באַגאָסן, לסוף איז די זון אויפגעגאַנגען, אָבער ראָך איז נישט צוריקגעקומען

8. קאַפּיטל.

צומאָרגנס פאַרטאָגס איז הער זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט כסדר געקלאָגט, אַוועק צום הער טשאַרניעצקי מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל שיקן צו די שוועדן זען, וואָס מיט ראָכן האָט זיך פאַרלאָפן: צי לעבט ער, צי קרעכצט ער אין געפאַנגענשאַפט, אָדער גאָר ער האָט פאַר זיין דרייסטקייט מיטן לעבן באַצאָלט?

טשאַרניעצקי האָט מסכים געווען דערצו אָן שום שוועריקייטן, ווייל ער האָט דעם הער זאַגלאָבאַ ליב געהאַט. טרייסטנדיק אים אין זיין עגמת־נפש, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— כ'מיין, אַז אייער פלימעניק מוז נאָך לעבן, אַ נישט וואָלט אים דאָס וואַסער אַרויסגעוואָרפן.

— הלואי! — האָט זאַגלאָבאַ מיט צער געזאָגט — אָבער אַזאַ איינעם וועט דאָס וואַסער אַזוי לייכט נישט אַרויסוואַרפן, ווייל ער האָט געהאַט נישט בלויז אַ שווערע האַנט, נאָר אויך אַ קאָפּ ווי פון בליי, חאָס עס באַווייזט אויך זיין אויפטו.

דערויף האָט טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן:

— איר זענט גערעכט! אויב ער לעבט, וואָלט איך אים געדאַרפט מיט אַ פערד איבערן הייסן פלאַץ שלעפּן פאַר עובר זיין אויף די דיסציפּלין. מען מעג אַלאַרמירן די שוועדישע חיילות, אָבער ער האָט ביידע אַלאַרמירט, און אַפילו די שוועדן טאָר מען נישט אַלאַרמירן אָן אַ קאָמאַנדע און אָן מיין באַפעל. וואָס איז דאָס? אַ לאַנד-שטורעם, אָדער דער טייוול ווייסט וואָס, אַז יעדער איינער זאָל זיך אויף אייגענער האַנט טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט!

— ער איז באַגאַנגען אַן עבירה, כ'בין מסכים. כ'וועל אים אַליין באַשטראָפן, זאָל נאָר גאָט העלפן, אַז ער זאָל זיך אומקערן!

— און איך וועל אים מוחל זיין צוליב די רודניקער געשעעניש. מיר האָבן אַ סך געפאַנגענע אויסצוטוישן און וויכטיקערע אָפיצירן פון קאָוואַלסקין. פאָרט צו די שוועדן און רעדט מיט זיי וועגן אויסטוישן. כ'וועל געבן צוויי און דריי אין אַ נויטיקן פאַל, ווייל איך וויל אייך נישט קיין יסורים אָנטאָן. קומט צו מיר נאָך אַ בריוו צום האַר קיניג און פאָרט גיך!

מלא-שמחה איז זאַגלאָבאַ אַוועק אין קמיטשיצס געצעלט און דערציילט די חברים, וואָס עס איז געשען. הער אַנדזשעי און וואָלאָדיאָווסקי האָבן באַלד זיך אָנגערופן, אַז זיי ווילן פאָרן מיט אים, ווייל זיי זענען ביידע געווען בעלנים די שוועדן אָנצוקוקן; קמיטשיץ האָט אַ חוץ דעם געקאָנט שטאַרק צונויפקומען דערפאַר, ווייל ער האָט געקאָנט רעדן דייטש כמעט פונקט אַזוי פליסיק, ווי פויליש.

די הכנות האָבן לאַנג נישט געדויערט. הער טשאַרניעצקי האָט נישט וואַרטנדיק אויף זאַגלאָבאַס צוריקקער אַליין דורך אַ יינגל דעם בריוו צוגעשיקט, דערויף האָבן זיי גענומען אַ טראָמפּייטער, זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל מיט אַ ווייסער פלאַכטע, וואָס איז צו אַ שטעקן צוגעטשעפּעט געוואָרן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אין אָנהייב זענען זיי געפאָרן שטילשווייגנדיק, מ'האָט נאָר געהערט דאָס רייבן פון די רודערס אין די זייטן פון שיפל, צום סוף איז זאַגלאָבאַ געוואָרן אַ ביסל אומרויק און געזאָגט:

— זאָל נאָר דער טראָמפּייטער אונז גיך אָנמעלדן, ווייל נישט געקוקט אויף דער ווייסער פלאַכטע, קאָנען די שעלמעס נאָך שיסן!

— וואָס רעדט איר! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — באַרבאַרן שוינען אויך שליחים, און דאָס איז דאָך אַ פּאָליטיש פאָלק!

— זאָל דער טראָמפּייטער טראָמפּייטערן, זאָג איך! דער ערשטער בעסטער זעלנער וועט שיסן, דאָס שיפל דורכלעכערן און מיר וועלן פאָרן אין וואַסער אַריין, און דאָס וואַסער איז קאַלט! כ'וויל נישט איבער זייער פּאָליטיק צעווייקט ווערן!

— אָט זעט מען די וואַכן! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

דער טראָמפּייטער האָט גענומען אַנמעלדן. דאָס שיפל איז גיך געשווימען; אויפן צווייטן ברעג איז באַלד געוואָרן אַ גערודער און אין אַ ווײַלע אַרום איז צוגעריטן אַן אָפיציר, אָנגעטאָן אין אַ געלן לעדערנעם קאַפּעלוש. צוקומענדיק נאָענט צום וואָסער, האָט ער די אויגן מיט דער האַנט פאַרשטעלט און גענומען קוקן אַקעגן דער שיין.

אויף אַ צוואַנציק שריט פון ברעג האט קמיטשיץ אַראָפּגענומען דאָס היטל און באַגריסט דעם אָפיציר, וועלכער האָט זיך אויך פאַר זיי העפלעך פאַרנייגט.

— אַ בריוו פון הער טשאַרניעצקין צום ליכטיקסטן שוועדישן קיניג! — האָט הער אַנדזשעי אויסגערופן, ווייזנדיק דעם בריוו.

דערווייל האָט זיך דאָס שיפל צום ברעג צוגערוקט.

די וואַך, וואָס איז געשטאַנען אויפן ברעג, האָט פּרעזענטירט דאָס געווער. הער זאַגלאָבאַ האָט זיך פולשטענדיק באַרויקט, באַלד האָט ער געמאַכט אַן ערנסטע מינע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שליח, און געזאָגט אויף לאַטיין:

— די פאַרגאַנגענע נאַכט איז אַ געוויסער ריטער געכאַפּט געוואָרן אויפן דאָזיקן ברעג, כ'בין געקומען אים אָפּנעמען.

— כ'קען נישט לאַטיין — האָט דער אָפיציר געזאָגט.

— עס · הארץ! — האָט זאַגלאָבאַ אַ ברומ · געטאָן.

דער אָפיציר האָט זיך געווענדעט צום הער אַנדזשעי.

— דער קיניג איז אין צווייטן עק לאַגער — האָט ער געזאָגט — איר וועט אַזוי גוט זיין דאָ צוּוואַרטן, און איך וועל גיין אָנמעלדן.

— און ער האָט אויסגעדרייט דאָס פערד.

זיי ווידער האָבן זיך גענומען אַרומקוקן. דער לאַגער איז געווען זייער אַ גרויסער, ווייל ער האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן דריי־עק, וואָס איז געבילדעט געוואָרן דורכן סאַן און דער ווייסל. ביים שפּיץ פון דרייעק איז געלעגן פּניעוו; אונטן טאַרנאָבזשעג פון איין זייט, ראָזוואַדוו פון דער צווייטער זייט. פאַרשטייט יך, אַז דעם גאַנצן שטח האָט מען מיטן אויג נישט געקאָנט אַרומנעמען; אָבער, ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָט מען געזען פאַרשאַנצונגען, גראָבנס, ערד־אָנשיטן, אויף זיי האַרמאַטן און מענטשן. אין סאַמע מיטן פון דער געגנט, אין גאָזשיצע, איז געווען די קיניגלעכע קוואַרטיר, דאָרט זענען אויך געשטאַנען די הויפּט־כוחות פון דער אַרמיי...

— אויב דער הונגער וועט זיי פון דאָרט נישט אַרויסטרייבן, וועלן מיר זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — די גאַנצע געגנט איז פאָרטיפיצירט. פאַראַן אויך ווו די פערד צו פּאַשען.

— אָבער פיש וועט פאַר אַזוי פיל מיילער נישט קלעקן — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — אגב, האָבן די לוטעראַנער נישט ליב קיין פאַסט־מאכלים. ערשט נישט לאַנג האָבן זיי געהאַט גאַנץ פוילן, איצט האָבן זיי דעם דאָזיקן קלין; זאָלן זיי זיצן געזונטערהייט, אָדער ווידער קיין יאַראָסלאַוו צוריקקערן.

— זייער גרויסע מומחים האָבן די דאָזיקע פאַרשאַנצונגען געשאַפן — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט, קוקנדיק מיטן אויג פון אַ מבין אויף די אַרבעטן — העקערס איז ביי אונז פאַראַן מער אָבער געלערנטע אָפיצירן ווייניקער און אין דער מלחמה־קונסט זענען מיר הינטער אַנדערע געבליבן הינטערשטעליק.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— פאַרוואָס? אַלס זעלנער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אין דער קאַוואַלעריע געדינט, דאַרף איך דאָס נישט זאָגן, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס אומעטום זענען פוס-גייער און האַרמאַטן דער עיקר, דערנאָך ערשט מאַרשן און מלחמה-מאַנעווערס און קאָנטער-מאַרשן. אַסך ביכער מוז אַ מענטש אין אַן אויסלענדישער אַרמיי איינשלינגען, אַסך רוימישע מחברים דורכבלעטערן, ביז ער ווערט אַ וויכטיקער אָפיציר, ביי אונז" ווייסטו מען דאָס אַלץ נישט. אויפן אַלטן שטייגער גייט די קאַוואַלעריע מיט אַ מאָל אין רויך און גאָלט מיט די שווערדן, און אַז זי באַווייזט נישט מיט איין מאָל אָפּצוגאָלן, גאָלט מען זי אָפּ...

— וואָס איר רעדט דאָרט, הער מיכאַל, און וועלכע נאַציע האָט דאָס אַזוי פיל גרויסע נצחונות אָפּגעהאַלטן?

— ווייל אויך אַנדערע האָבן אַ מאָל אַזוי מלחמה-געהאַלטן, נישט האָבנדיק אָבער אַזאַ אימפעט, האָבן זיי געמוזט פאַרשפּילן; אָבער אַ מאָל זענען זיי דאָך געקומען צום שכל און איצט קוקט, וואָס עס קומט פאָר.

— מיר וועלן וואַרטן אויפן סוף. דערווייל שטעלט מיר אַוועק דעם קלוגסטן אינזשיניער, אַ שוועד, אָדער אַ דייטש, וועל איך אים אַקעגנשטעלן ראָכן, וועלכער האָט קיין ביכער נישט געבלעטערט, און מיר וועלן זען.

— ס'איז נאָך אַ ספק, צי איר וועט אים קאָנען אַקעגנשטעלן — האָט קמיטשיץ אַריינגעוואָרפן.

— אמת, אמת! ס'איז מיר אויף דעם יינג אַ גרויס רחמנות. הער אַנדזשעי, גיט נאָר אַ שמועס אויפן הינטישן לשון מיט די דאָזיקע ברואים און פרעגט זיך אויס, וואָס מיט אים איז געוואָרן?

— איר קענט משמעות נישט די רעגולערע זעלנער. דאָ וועט אייך אָן אַ באַפעל קיינער דאָס מויל נישט אויפמאַכן. אַ שאָד די רייד!

— כ'ווייס, אַז דאָס זענען האַרטע מענטשן. ווען צו אונזער שלאַכטע, און בפרט צו די לאַנד-שטורמער קומט אַזוי אַ שליח, ווערט מען באַלד גוטע ברידער, מען לאָזט זיך אַריין אין אַ שמועס,

מען פרעגט זיך אויס וואָס דאָס ווייב און די קינדערלעך מאַכן און מען טרינקט מ'ט אים אַ כּוסע און מען לאָזט זיך אַריין אין פּאָליטישע וכּוחים, און זיי דאָ שטייען ווי די דרענגער און גלאָצן אויף אונז מיט די אויגן. אַז דער רוח זאָל זיי שוין איינמאָל עמען!

וואָס אַ מאָל מער פּוס - גייענדיקע זעלנער האָבן זיך טאַקע צונויפגעקליבן אַרום די שליחים און זיך נייגעריק צו זיי צוגעקוקט. און זיי, אָנגעטאָן אין פּרעכטיקע, און אַפילו רייכע מלבושים, האָבן ווייער שיין אויסגעזען. מער פון אַלעמען האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט הער זאַגלאָבאַ, ווייל ער האָט כמעט געהאַט אַ סענאַטאָרישן אָנבליק, צום ווייניקסטן הער מיכאַל, אָבער זיין וווקס.

בינו - לבינו איז דער אָפיציר, וועלכער האָט דער ערשטער זיי געהאַט אויפגענומען אויפן ברעג, צוריקגעקומען מיט אַ צווייטן מער חשובן אָפיציר און מיט זעלנער, וואָס האָבן געפירט פרייע פערד. דער חשובערער אָפיציר האָט זיך פאַר די שליחים פאַרנייגט און געזאָגט אויף פּויליש:

— זיין קיניגלעכע מאַיעסטעט פאַרבעט אייך אין זיין קוואַרטיר, און היות דאָס איז בישקשהדיק ווייט, האָבן מיר מיטגעבראַכט פערד.

— איר זענט אַ פּאָליאַק? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— ניין, מיין הער. כ'בין סאַדאָווסקי, אַ טשעך, אין שוועדישער דינסט.

קמיטשיץ איז מיט אַ מאָל צו אים צוגעגאַנגען.

— איר געדענקט מיך נישט?

סאַדאָווסקי האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אים אין פּנים אַריין.

— געוויס! ביי טשענסטאָכאָוו! דאָס האָט איר דאָך דעם גרעסטן האַרמאַט אויפגעריסן און מילער האָט אייך איבערגעגעבן קוקלינאָווסקין. כ'באַגריס, כ'באַגריס הערצלעך אַזאַ אויסגעצייכנטן ריטער!

— און וואָס טוט קוקלינאָווסקי? — האָט קמיטשיץ ווייטער געפרעגט.

— ווייסט איר, הייסט עס, גאָרנישט?

— כ׳ווייס, אַז איך האָב אים אָפּגעדאַנקט מיט דעם אייגע־נעם, מיט וואָס ער האָט מיך געוואָלט מכבד זיין, אָבער כ׳האָב אים איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקן.

— ער איז פאַרפרוירן געוואָרן.

— כ׳האָב טאַקע אַזוי גערעכנט, אַז ער וועט פאַרפרוירן ווערן — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט, אַ מאַך־טוענדיק מיט דער האַנט.

— גנעדיקער הער פאַלקאָווניק! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אײַנגעמישט — איז נישט אַ געוויסער ראָך קאָוואַלסקי אַ מאָל דאָ אין לאַגער?

סאַדראָווסקי האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס הייסט? ער איז דאָ!

— געלויבט איז גאָט און דאָס הייליקסטע פרײַלײַן! דער בחור לעבט, וועל איך אים נאָך אַרויסבאַקומען. געלויבט איז גאָט!

— כ׳ווייס נישט, צי דער קיניג וועט אים נאָך וועלן אָפּ־געבן — האָט סאַדראָווסקי זיך אָנגערופן.

— אָ! פאַרוואָס דען?

— ווײַל ער האָט בײַ אים שטאַרק נושא־חן געוואָרן. ער האָט אים באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער אייגענער, וועלכער האָט בעת דער רודניקער שלאַכט זיך אויף אים אַזוי פאַרביסן אָנגעזעצט. פאַר די זייטן האָבן מיר זיך געהאַלטן, הערנדיק די תשובות פון געפאַנגענעם. דער קיניג פרעגט: „וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט?" און יענער ענטפערט: „כ׳האָב אַ נדר־געטאָן!" זאָגט דער קיניג ווידער: „וועסטו, הייסט עס, ווײַטער מיך פאַרפאָלגן?" „אַוודאי!" — ענטפערט דער שלאַכטשיץ. דער קיניג האָט גענומען לאַכן: „זאָג דיך אָפּ פון נדר, וועל איך דיר שענ־קען דאָס לעבן און די פרייהייט". „ס׳קאָן נישט זיין!" „פאַרוואָס?" „ווײַל דער פעטער וואָלט מיך פאַר אַ שוטה אויסגערופן!" „און אַזוי זיכער ביסטו, אַז דו וואָלסט אין אַ צוויי־קאַמף זיך מיט מיר אַן עצה געגעבן!" „איך וואָלט זיך אויך מיט פינף אַזעלכע אַן עצה געגעבן!" דער קיניג פרעגט אים נאָך: „און דו דערוועגסט

זיך אויף די מאַיעסטעט די האַנט אויפצוהויבן?" און ער ענטפערט, „ווייל די אמונה איז אַ שמוציקע!" מיר האָבן דעם קיניג פאַרטײַטשט יעדעס וואָרט. און ער איז געוואָרן וואָס אַ מאָל מער אויפגערוימט און האָט כּתדר איבערגעחזרט: „עס געפעלט מיר דער דאָזיקער בחור!" און ווילנדיק זען, צי עס האָט אים טאַקע אַזאַ גבור נאָכגעיאָגט, האָט ער געהייסן אויסקלײַבן צוועלף פון די געזונטסטע ייִנגען צווישן דער גוואַרדיע און אײַנער נאָכן אַנדערן מיטן געפאַנגענעם זיך ראַנגלען. אָבער דאָס איז טאַקע אַ ריטער מיט אַן אײַזערנעם כּוח! אין מאָמענט, ווען איך בין אוועקגעפאָרן, האָט ער צען שוין געהאַט אויסגעצויגן אײנעם נאָכן אַנדערן, און קײנער פון זיי האָט מיט די אײגענע כּוחות זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן. מיר וועלן גראָד אָנקומען צום סוף פון דאָזיקן לוסטיקן שפּיל.

— כ'דערקען ראָכן! מײַן בלוט! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — מיר וועלן פאַר אים געבן אַפילו דרײַ חשובֿע אָפיצירן!

— אין אַ גוטן הומאָר וועט איר דעם קיניג טרעפן — האָט סאַדאָווסקי געזאָגט — וואָס עס פּאַסירט איצט זײַער זעלטן.

— איך גלויב! — האָט דער קלײנער ריטער זיך אָנגערופן.

דערווײַל האָט סאַדאָווסקי זיך געווענדעט צו קמיטשיצן און גענומען אים אויספרעגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט זיך נישט בלויז באַפרײַט פון קוקלינאָווסקיס הענט, נאָר נאָך אים אַלײן מקיים־פסק געווען. קמיטשיץ האָט גענומען באַריכות דערצײלן, ווײַל ער האָט ליב געהאַט זיך באַרימען, און סאַדאָווסקי האָט הערנדיק פאַרן קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט פון פאַרווונדערונג. צום סוף האָט ער נאָך ג׳ מאָל אַ דריק־געטאָן קמיטשיצס האַנט און געזאָגט:

— גלויבט מיר, גנעדיקער הער, אַז איך פרײ מיך פון טיפן האַרצן, ווײַל הגם איך דין די שוועדן, קוועלט אָבער אַ יעדעס ערלעכע זעלנערישע האַרץ, ווען אַן עכטער ריטער באַגראָבט זיך אויס. מען מוז מודה זײַן, אַז ווען עס טרעפט זיך צווישן אײַך

אַ מוטיקער מענטש, מוז מען נאָך אַזעלכן זוכן מיט ליכט אין דער גאַנצער וועלט!

— איר זענט אַ קלוגער אָפיציר! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— און אַן אויסגעצייכנטער זעלנער, מיר ווייסן דאָס! — האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן.

— ווייל איך האָב אי חכמה און אי זעלנערישע דינסט ביי אייך זיך געלערנט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט, צולייגנדיק די האַנט צום קאַפּעלוש.

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט און זיך באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן, ביז זיי זענען צוגעפאָרן צו גאָזשיצע, ווו עס איז געווען דעם קיניגס קוואַרטיר. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען פאַרנומען דורך זעלנער פון פאַרשיידענע מינים. אונזערע שליחים האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו די קופּעס זעלנער, וואָס זענען געווען צעוואָרפן צווישן די אַרומצוימונגען. אַ טייל זענען, ווילנדיק אַביסל דעם הונגער פאַרשלאָפן, געשלאָפן איבער כּר־זבעס, ווייל דער טאָג איז געווען זייער אַ שיינער און אַ וואַרעמער; אַ צווייטער טייל האָט געשפּילט אין ווערפל אויף די פּויקן, צוטרינקענדיק ביר, אַנדערע האָבן אויפגעהאָנגען די מלבושים אויף די פּלויטן; נאָך אַנדערע האָבן זיצנדיק פאַר די כאַלופּעס און צווינגענדיק סקאַנדינאַווישע לידער, מיט ציגל־שטויב געריבן די העלמען און פּאַנצערס, וועלכע האָבן בלענדנדיק געגלאַנצט. אַנדערשוו האָט מען געפּוצט אָדער געפירט די פערד, מיט איין וואָרט, אומעטום האָט דאָס לאַגער־לעבן געקאָכט און געברויזט אונטערן קלאָרן הימל. אויף מאַנכע פּנימער זענען אמת נאָך קענטיק געווען די פּוראַדיקע מאַטערנישן און הונגער, אָבער די זון האָט מיט איר גאָלדענעם שיין פאַרשטעלט די נויט. איבעריקנס האָבן פאַר די דאָזיקע אומפאַרגלייכלעכע זעלנער זיך אָנגעהויבן טעג פון אָפּרו, זיי זענען דעריבער געוואָרן האָפערדיק און זיך ווידער אָנגענומען מיט מוט. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיי אין האַרצן באַוווּנדערט בפרט די פוס־גייער־פּאָלקן, וואָס האָבן אין דער גאַנצער וועלט

געשמט מיט זייער אויסהאַלטעוודיקייט און מסירת־נפש, און סאָדאָווסקי ווידער האָט אויפן וועג זיי דערקלערט:

— אָט דאָס איז דער סמאַלאַנדישער פּאָלק פון דער קיניגלעכער גוואַרדיע. אָט דאָס זענען די דעלעקאַרלישע פוס־גייער, די בעסטע.

— גאָט מיינער! און ווער זענען אָט די קליינע פּאַרזעענישן? — האָט זאַגלאָבאַ מיט אַמאָל אויסגערופן, אָנווייזנדיק אויף אַ קופּע קליינע מענטשעלעך מיט אַן אייפּאַרביקער הויט און מיט שוואַרצע האָר, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען אויף ביידע זייטן קאָפּ.

— דאָס זענען לאַפּלענדער, וואָס ציילן זיך צו די היפּערבאָרייער, וועלכע וווינען צום ווייטסטן.

— זענען זיי גוט צו דער שלאַכט? ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט דריי אויף אַמאָל געקאָנט אין יעדער האַנט אַרייננעמען און אַזוי לאַנג מיט די קעפּ קלאַפּן, ביז איך וואָלט נישט אָפּגעשטאַנען!

— איר וואָלט דאָס גאַנץ זיכער געקאָנט טאָן! צו דער שלאַכט טויגן זיי לחלוטין נישט. די שוועדן פירן זיי מיט זיך מיט אַלס לאַגער־באַדינער, און צום טייל אויך אַלס טשעקאַווע ברואים. דערפאַר זענען דאָס זעלטענע מכשפים, יעדער האָט ווייניקסטנס איין שד צו זיין דינסט און מאַנכע האָבן אַפילו צו פינף.

— פון וואַנען נעמט זיך דאָס זיי אַזאַ חברשאַפט מיט די נישט גוטע? — האָט קמיטשיץ איבערצלמענדיק זיך געפרעגט.

— ווייל זיי לעבן אין אַן אומאויפהערלעכער נאַכט, וועלכע האַלט ביי זיי אָן אַ האַלב יאָר און נאָך מער, און איר ווייסט דאָך, אַז ביי נאַכט איז זייער לייכט צו קומען אין באַרירונג מיט שדים.

— און אַ נשמה האָבן זיי?

— מ'ווייסט נישט, אָבער איך מיין, אַז זיי זענען גיכער ענלעך אויף חיות.

קמיטשיץ האָט זיך צוגערוקט מיטן פערד, איין לאַפּלענדער פאַרן קאַרק אָנגעכאַפּט, אים, ווי אַ קאַץ, אין דער הויך אויפגעהויבן און נייגעריק באַקוקט, דערנאָך אים אַוועקגעשטעלט אויף די פיס און געזאָגט:

— ווען דער קיניג וואָלט מיר אַזאַ איינעם געשענקט, וואָלט איך אים געהייסן אָפּבראָטן און אויפהענגען אין דער אָרשער קירך, ווו עס געפינען זיך שטרויס־אייער צווישן אַנדער זעלטנהייטן.

— און אין לובני איז ביים גלח געווען אַ קין־באַק פון אַ וואַלפיש אָדער גאָר פון אַ ריז — האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן.

— לאָמיר פאָרן ווייל עס קאָן זיך נאָך פון זיי עפּעס אומרייגס צו אונז צוטשעפּען! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— לאָמיר פאָרן — האָט סאַדאָווסקי איבערגעחזרט — דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך געדאַרפט הייסן אייך זעק אויף די קעפּ אָנטאָן, ווי דער מנהג איז, אָבער מיר האַבן דאָ נישט וואָס צו פאַרהוילן, און אויב איר האָט אויף די פאַרשאַנצונגען געקוקט, איז פאַר אונז נאָך בעסער.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַ לאָז־געטאָן מיט די פערד און אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געווען פאַרן גאָזשיצער הויף. פאַרן טויער זענען זיי אַראָפּגעשפרונגען פון די זאָטלען און אַראָפּנעמענדיק די היטלען, זענען זיי ווייטער געגאַנגען צו־פוס, ווייל דער קיניג אַליין איז געווען פאַרן הויז.

זיי האָבן דערזען אַסך אָנגעזעענע גענעראַלן און אָפיצירן. ס'איז דאָרט געווען דער אַלטער וויטעמבערג, דוגלאַס, לעווענהויפּט, מילער, עריקסען און אַסך אַנדערע. אַלע זענען געזעסן אויפן גאַנעק, אַ ביסל הינטערן קיניג, וואָס זיין שטול איז געווען אַרויסגערוקט פאָרנט און זיי האָבן געקוקט אויפן שפּאַס, וואָס קאַרל גוסטאַוו האָט זיך געמאַכט מיטן געפאַנגענעם. ראָך האָט נאָר וואָס געהאַט אויסגעצויגן דעם צוועלפטן רייטער און איז געשטאַנען מיט אַ צעפליקטן ראָק, אַ פאַרסאָפּעטער און שטאַרק פאַרשוויצטער. דערזעענדיק דעם פעטער צוזאַמען מיט קמיטשיצן און וואָלאָדיאָווסקין, האָט ער תחילת געמיינט, אז מ'האָט זיי אויך גענומען אין געפאַנגענשאַפט, ער האָט דעריבער אויסגעגלאָצט די אויגן און אויפגעמאַכט דאָס מויל, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ פּאָר שריט, אָבער זאַגלאָבאַ האָט אים מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, אַז ער זאָל שטיין רויק און אַליין איז ער מיט די חברים צוגעגאַנגען צום קיניג.

סאַדאָווסקי האָט גענומען פֿאָרשטעלן די שליחים, און זיי האָבן זיך גידריק פֿאַרנייגט, אַזוי ווי עס פֿאָדערט דאָס דער מנהג און די עטיקעט, דערנאָך האָט זאַגלאָבאַ אָפּגעגעבן טשאַרניעצקיס בריוו.

דער קיניג האָט גענומען דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען, דערווייל האָבן די שליחים זיך נייגעריק אין אים איינגעקוקט, ווייל זיי האָבן אים פֿריער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. געווען איז דאָס אַ האַר אין בליענדיקן עלטער, אויפֿן פּנים אַזוי אָפּגעברענט, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אַן איטאַליענער אָדער אַ שפּאַניער. די לאַנגע לאָקן פֿון די פּעך-שוואַרצע האָר זענען אים ביי די אויערן אַוש אויף די אַקסלען אַראָפּגעפֿאַלן. מיטן גלאַנץ און קאָליר פֿון די אויגן איז ער געראָטן געווען אין יערעמי ווישניאָוויעצקין, נאָר ברעמען האָט ער געהאַט הויך אויפֿגעהויבענע, גליין ווי ער וואָלט זיך שטענדיק געחידושט. דערפֿאַר אָבער אין אָרט, וווּ די ברעמען קומען זיך צונויף, איז דער שטערן זייַנער געווען זייער ביינדיק, וואָס עס האָט אים ענלעך געמאַכט אויף אַ לייב, אַ טיפֿער קנייטש איבער דער נאָז, וואָס איז נישט אַראָפּגעגאַנגען אפֿילו דעמאָלט, ווען ער האָט געלאַכט, האָט זיין פּנים צוגעגעבן אַ בייזן און צאָרנדיקן אויסדרוק. די הינטערשטע ליפּ האָט ער געהאַט אַן אַרויסגערוקטע, ווי ביי יאַן קאַזשימיעזשן, נאָר אַ פּנים אַ פֿעטערס און אַ גרעסערע גאָמבע; וואָנסעס האָט ער געטראָגן ווי די שנורעלעך, אַביסל ביי די עקן צעשפּרייטע. בכלל האָט זיין פּרצוף עדות געזאָגט וועגן אַן אומגעוויינלעכן מענטש, איינעם פֿון די, וואָס גייענדיק איבער דער ערד, קוועטשן זיי בלוט פֿון איר אַרויס. געווען אין אים אַ הערלעכקייט און אַ מאָנאַרכישע גדלות און אַ לייבן-גבורה און דער שווונג פֿון אַ זשעני, נאָר, הגם אַ חסד-שמייכל איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פֿון זיינע ליפּן, איז אויף אים נישט געווען צו זען יענע גוט-האַרציקייט, וואָס באַלייכט דעם פּנים פֿון אינעווייניק מיט אַזאַ מילדן ליכט, ווי אַ לעמפּל, אַריינגעשטעלט אין דער מיט פֿון אַן אַלבאַסטער-קרוג.

ער איז געזעסן אויף אַ פֿאָטעל מיט צונויפֿגעלייגטע פֿיס, וואָס זייערע מעכטיקע קנאָכן האָבן זיך בולט געריסעוועט אונטער

די שוואַרצע זאָקן, און פינטלענדיק ווי געווייגלעך מיט די אויגן האָט ער מיט אַ שמייכל געלייענט טשאַרניעצקי׳ס בריוו. מיט אַמאָל האָט ער אויפהויבנדיק די אויגן - דערקלעך אַ קוק - געטאָן אויף מיכאלן און געזאָגט:

— איך דערקען אייך באַלד: דאָס האָט איר דאָך קאָנעבערגן צעהאַקט.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך באַלד אַ קער - געטאָן צו וואָלאָ-דיאָווסקין, וועלכער האָט באַוויגן מיט די וואָנסעלעך. פאַרנייגט זיך און געזאָגט:

— איך בין עס, אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט!

— וואָס פאַר אַ ראַנג? — האָט דער קיניג געפרעגט.

— פאָלקאָווניק פון לאודער פאָלק.

— ווו האָט איר פריער געדינט?

— ביים ווילנער וואָיעוואָדע.

— און איר האָט אים פאַרלאָזט צוזאַמען מיט די אַנדערע? איר האָט פאַרראַטן אים און מיך.

— מיין קיניג בין איך מחויב געווען צו דינען, נישט אייער קיניגלעכער מאַיעסטעט.

דער קיניג האָט גאָרנישט געענפערט; אַלעמענס שטערנס האָבן זיך געראונצלט, די אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין הער מיכאל, אָבער ער איז געשטאַנען רויק, ער האָט נאָר פון צייט צו צייט מיט די וואָנסעלעך באַוויגן.

מיט אַמאָל האָט דער קיניג זיך אָנגערופן;

— ס׳איז מיר אַנגענעם צו באַקענען זיך מיט אַזאַ אויסגע-צייכנטן ריטער. קאָנעבערג האָט צווישן אונז געגאָלטן פאַר אומ-באַזיגבאַר אין האַנט - געפעכטס. איר מוזט זיין דער ערשטער פעכט-מייסטער אין דער דאָזיקער מלוכה?..

— אין דער גאַנצער וועלט! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— נישט דער לעצטער — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

— איך באַגריס אייך פון גאַנצן האַרצן. דעם הער טשאַר-ניעצקי׳ס שעץ איך זייער אויפריכטיק, ווי אַ גרויסן זעלנער, הגם ער

האָט מיר נישט געהאַלטן קיין וואָרט, ווייל ער האָט ביז איצט געדאַרפט רויק אין שיעוויעזש זיצן.

דערויף האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן:

— אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט! נישט הער טשאַרניעצקי, נאָר גענעראַל מילער האָט דער ערשטער דאָס וואָרט געבראָכן, פאַרכאַפּנדיק וואָלפּס רעגימענט פון קיניגס פוס־גייער.

מילער האָט געמאַכט אַ שריט, האָט אַ קוק־געטאָן קמיטשיצן אין פּנים אַריין און גענומען עפּעס איינרוימען דעם קיניג, וועלכער האָט פינטלענדיק כסדר מיט די אויגן זיך גוט איינגעהערט, קוקנדיק אויפן הער אַנדזשעי, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— ווי איך זע, האָט הער טשאַרניעצקי מיר געקליבענע ריטער צוגעשיקט. אָבער איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז קיין מוטיקע מענטשן פעלן צווישן אייך נישט, עס פעלט נאָר טריישאַפט צו הבטחות און שבועות.

— הייליקע ווערטער, אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— ווי אַזוי פאַרשטייט איר דאָס?

— ווייל [illegible] נישט דער דאָזיקער חסרון פון אונזער פאָלק, וואָלט איר, גנעדיקער האַר, דאָ נישט געווען!

דער קיניג האָט ווידער אַ ווײַלע שטיל געשוויגן, די גענעראַלן האָבן ווידער זיך פאַרקרומט איבער דער דרייסטיקייט פון שליח.

— יאַן קאַזשימיעזש אַליין האָט אייך פון דער שבועה באַפרייט — האָט קאַרל געזאָגט — ווייל ער האָט אייך פאַרלאָזט און איז קיין אויסלאַנד אַנטלאָפן.

— פון אַ שבועה באַפרייען איז בכוח נאָר קריסטוסעס פאַרטרעטער, וועלכער וווינט אין רוים און וועלכער האָט אונז נישט באַפרייט.

— נישט וויכטיק! — האָט דער קיניג געזאָגט — אָט דערמיט האָב איך איינגענומען דאָס דאָזיקע קיניגרייך (דאָ האָט ער זיך אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער שפּאָדע) און דערמיט וועל איך עס ווייטער האַלטן. איך דאַרף נישט אייערע רעכט און אייערע שבועות.

איר ווילט אַ מלחמה, וועט איר זי האָבן. איך מיין, אַז הער טשאַרניעצקין ליגט נאָך גאָלאָמב אין זכּרון?

— ער האָט פאַרגעסן אויפן וועג פון יאַראָסלאַוו — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

אַנשטאָט זיך צו דערבייזערן, האָט דער קיניג זיך צעלאַכט.

— וועל איך אים דערמאָנען!

— גאָט רעגירט מיט דער וועלט!

— זאָגט אים, אַז ער זאָל מיך באַזוכן. איך וועל אים אויפנעמען בסבר פנים יפות, זאָל ער זיך נאָר צוויילן, ווייל אַז איך וועל האָבן די פערד געפּאַשעט, וועל איך גיין ווייטער.

— דעמאָלט וועלן מיר אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט אויפנעמען! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן, דערביי זיך פאַרבויגן און לייכט די האַנט אויף דער שווערד געלייגט.

דערויף האָט דער קיניג געזאָגט:

— איך זע, אַז הער טשאַרניעצקי האָט מיר נישט בלויז די בעסטע שווערדן, נאָר אויך דעם בעסטן בעל-לשון פאַר שליחים געשיקט. כּהרף-עין שטויסט איר אָפּ יעדן קלאַפּ. אַ נס, וואָס די מלחמה באַשטייט נישט אין דעם, ווייל איך וואָלט דאַן אָנגעטראָפן אויף אַ קעגנער פון מיינס גלייכן. אָבער איך טרעט-צו צום עצם ענין: הער טשאַרניעצקי שרייבט מיר, אַז איך זאָל יענעם געפאַנגענעם אַרויסלאָזן און בשכר זה לייגט ער מיר פאָר צוויי חשובע אָפיצירן. איך שעץ נישט אַזוי גרינג מיינע זעלנער, ווי איר מיינט, און פאַר אַ צו ביליקן מקח זיי אויסקויפן וויל איך נישט, דאָס וואָלט געווען קעגן מיין און זייער אַמביציע. היות אָבער ווי איך קאָן דעם הער טשאַרניעצקי גאָרנישט אָפּזאָגן, וועל איך אים דערפאַר פון דאָזיקן ריטער מאַכן אַ געשאַנק.

— גנעדיקער האַר! — האָט זאַגלאָבאַ דערויף געענטפערט — נישט פּוגע-בכבוד זיין די שוועדישע אָפיצירן, נאָר מיט מיר אַ חסד-טאָן איז דער הער טשאַרניעצקי אויסן געווען, ווייל דאָס איז מיין פּלימעניק, און איך בין הער טשאַרניעצקיס בעל-יועץ.

— אין תוך גענומען — האָט דער קיניג לאַכנדיק געזאָגט — וואָלט איך דעם דאָזיקן געפאַנגענעם נישט געדאַרפט אָפּלאָזן, ווייל

ער האָט אַ נדר געטאָן מיך אומצוברענגען, סיידן, אַז ער וועט פאַר דער דאָזיקער טובה פון זיין נדר זיך אָפּזאָגן.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו ראָבן, וועלכער איז גע־שטאַנען פאַרן גאַנעק, און אים געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט.

— קום נאָר דאָ אַהער נענטער, גבור!

ראָך איז אויף אַ פּאָר טריט נענטער צוגעגאַנגען און גע־בליבן שטיין אַ שטייפער.

— סאַדאָווסקי — האָט דער קיניג געזאָגט — פרעג אים, צי ער וועט מיך אָפּלאָזן, אויב איך וועל אים באַפרייען?

סאַדאָווסקי האָט איבערגעחזרט דעם קיניגס פראַגע.

— ס'קאָן נישט זיין! — האָט ראָך געענטפערט.

דער קיניג האָט אָן איבערזעצער פאַרשטאַנען און גענומען אין די הענט פאַטשן און מיט די אויגן פינקלען.

— זעט איר! זעט איר! ווי אַזוי זאָל איך אַזאַ איינעם אָפּלאָזן? צוועלף רייטער האָט ער די קאַרקן אַראָפּגעדרייט, און איך זאָל זיין דער דרייצנטער. גוט! גוט! ער געפעלט מיר דער בחור! איז ער אויך העד טשאַרניעצקיס בעל־יועץ? אויב אַזוי וועל איך אים ערשט רעכט אָפּלאָזן.

— האַלט ס'פּיסק, פויער! — האָט זאַגלאָבאַ אַ ברום־געטאָן.

— גענוג חוזק געמאַכט — האָט קאַרל גוסטאַוו מיט אַמאָל געזאָגט — נעמט אים און האָט נאָך אָן איבעריקן באַווייז פון מיין גוטסקייט. פאַרגעבן קאָן איך, ווי אַ האַר פון דאָזיקן קיניגרייך, ווען אַזוי איז מיין רצון און גנאָד, אָבער אין אונטערהאַנדלונגען זיך אַריינלאָזן מיט מורדים וויל איך נישט.

דאָ האָט דעם קיניגס שטערן זיך גערונצלט און דער שמייכל איז מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים.

— ווייל ווער עס הויבט אויף די האַנט קעגן מיר, דער איז אַ מורד, ווייל איך בין דאָ דער לעגיטימער מושל. נאָר פון רחמנות אויף אייך האָב איך ביז איצט אייך נישט געשטראָפט ווי עס געהערט צו זיין, כ'האָב געוואַרט, אַז איר וועט זיך מיישב זיין, עס וועט אָבער קומען אַ צייט, אַז דאָס רחמנות וועט זיך אויס־שעפּן און ס'וועט דאַן קומען די צייט פון שטראָף. דורך אייער

ווילקיר און אומגעזעצטקייט איז דאָס לאַנד פון אַ העלישן פייער אַרומגענומען, דורך אייער פאַלשקייט ווערט בלוט פאַרגאָסן. אָבער איך זאָג אייך: די לעצטע טעג פאַרגייען... איר ווילט נישט פאָלגן די התראות, איר ווילט נישט פאָלגן די געזעצן, וועט איר פאָלגן די שווערד און די תליה!

און בליצן האָבן גענומען פינקלען אין קאַרלס אויגן; זאַגלאָבאַ האָט אַ ווײַלע אויף אים געקוקט מיט פאַרווונדערונג, נישט קאָנענדיק פאַרשטיין, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער דאָזיקער פלוצלינגדיקער שטורעם נאָכן שיינעם וועטער, צום סוף האָט אויך אין אים גענומען דאָס בלוט קאָכן, ער האָט זיך דעריבער פאַרנייגט און בלויז געזאָגט:

— מיר דאַנקען אייער קיניגלעכער מאַיסטעט.

דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען, און נאָך אים קמיטשיץ, וואָלאָדיאָווסקי און ראָך קאָוואַלסקי.

— אַ בעל - חסד, אַ בעל - חסד! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט און איידער די קוקסט דיך אום, גיט ער דיר אַ ריטשע אין אויער אַריין, ווי אַ בער. אַ שיינעם סוף האָט אונזער שליחות געהאַט! אַנדערע זענען מכבד מיט משקה בײַם געזעגענען זיך, און ער האָט אונז מיט דער תליה אויפגעוואַרט! זאָל ער די הינט אויפהענגען, און נישט די שלאַכטע! גאָט, גאָט! ווי שווער מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן אונזער האַר, וועלכער איז געווען אַ פאָטער, איז אַ פאָטער און וועט זײַן אַ פאָטער, ווײַל ער פאַרמאָגט אַ יאַגעלאָניש האַרץ! און אַזאַ האַר האָבן די בוגדים פאַרלאָזט און זענען אַוועק מיט די מעבר - לימדיקע סטראַשידלעס זיך חברן-רעכנט אויף אונז אַזוי, ווײַל מיר זענען עפּעס בעסערס נישט ווערט. די תליה! די תליה!.. ס׳איז אים אַליין שוין ענג, מ׳ר האָבן אים צוגעקוועטשט, ווי קעז אין אַ זאַק, אַז עס רינט פון אים שוין וואַסער, און ער דראָט נאָך מיט דער שווערד און מיט דער תליה. וואַרט! ס׳וועט אייך נאָך ענגער זײַן. ראָך! כ׳האָב דיר געוואָלט אָפּאָר פעטש דערלאַנגען אָדער אַ פופציק מלקות דיר אַרײַנצימבלען, אָבער איך וועל דיר שוין מוחל זײַן, דערפאַר, וואָס די האָסט

ווי אַ ריטער זיך געהאַלטן און צוגעזאָגט אים ווייטער צו פאַרפאָלגן. גיב ־ זשע דאָס מויל, ווייל כ׳האָב פון דיר נחת!

— דער פעטער האָט נחת! — האָט ראָך זיך אָנגערופן.

— די תליה און די שווערד! און מיר אין די אויגן אַריין האָט ער דאָס געזאָגט! — האָט זאַגלאָבאַ אין אַ ווײַלע אַרום ווידער זיך אָנגערופן — האָט איר אייך אַ באַשיצער! אָט אַזוי באַשיצט אַ וואָלף אַ לעמעלע פאַר זיינע אייגענע קישקעס!.. און ווען זאָגט ער דאָס? איצט, ווען די הויט ווערט שוין אויף אים גערונצלט, זאָל ער די לאַפּלענדער פאַר עצה ־ געבער זיך צוקלייבן און מיט זיי צוזאַמען דעם טייוול פאַר אַ מליץ ־ יושר זיך נעמען! און אונז וועט דאָס הייליקסטע פרייליין העלפן, ווי זי האָט געהאָלפן דעם הער באַבאַלאַ אין סאַנדאָמיעזש, וועלכן אַן אויפרייס האָט צוזאַמען מיטן פערד אויף דער אַנדערער זייט ווייסל אַריבערגעוואָרפן, און דערפאַר האָט אים גאָרנישט געשאַדט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווו ער איז און איז באַלד צום גלח אויף מיטאָג געגאַנגען. ביי אַזאַ הילף וועלן מיר נאָך זיי אַלע, ווי די ראַקעס פון דער נעץ, פאַר די העלזער אַרויסשלעפן

9. קאַפּיטל.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר טעג. דער קיניג איז נאָך אַלץ געזעסן איינגעקלעמט צווישן די טייכן און האָט אין אַלע זייטן פּאַנאַנדערגעשיקט שליחים צו די פעסטונגען, צו די קאָמאַנדעס, אין דער ריכטונג פון קראָקע און וואַרשע, מיט באַפעלן, אַז זיי זאָלן אים אַלע איילן צו הילף. מ׳האָט אים מיט דער ווייסל אויך אַראָפּגעבראַכט פּראָוויאַנט, וויפיל מ׳האָט געקאָנט, אָבער נישט גענוג. נאָכדעם ווי עס זענען אַריבער צען טעג האָט מען גענומען עסן די פערד און אַ יאוש האָט אַרומגענומען דעם קיניג און די גענעראַלן אויפן געדאַנק, וואָס עס וועט זיין, ווען די רייטער וועלן בלייבן אָן פערד און עס וועט נישט זיין אין וואָס די האַרמאַטן איינצושפּאַנען. פון אומעטום זענען אויך אָנגעקומען נישט קיין פריילעכע ידיעות. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אַרומגענומען פון מלחמה-פייער, ווי מ׳וואָלט עס מיט סמאָלע באַגאָסן און אונטערגעצונדן. די קלענערע קאָמאַנדעס, די קלענערע גאַרניזאָנען האָבן נישט געקאָנט איילן צו הילף, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אַרויסרירן פון די שטעט און שטעטלעך. ליטע. וואָס איז ביז-איצט

געהאַלטן געוואָרן דורך פּאָנטוס דע לאַ גאַרדיס אײַזערנער האַנט, האָט זיך אויפֿגעשטעלט ווי איין מאַן. גרויספּוילן, וועלכע האָט זיך די ערשטע אונטערגעגעבן, האָט די ערשטע אויך דעם יאָך אַראָפּגעוואָרפֿן און דער גאַנצער רעפּובליק געגעבן אַ בײַשפּיל פֿון אויסהאַלטעוודיקייט, האַרטנעקיקייט, מסירת-נפֿש. די פּאַרטיעס פֿון שלאַכטע און פּויערן האָבן זיך דאָרט געוואָרפֿן נישט בלויז אויף די גאַרניזאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אין די דערפֿער, נאָר אפֿילו אויף די שטעט. אומזיסט האָבן די שוועדן זיך מוראדיק נוקם געווען אין לאַנד, אומזיסט האָבן זיי בײַ די פּאַרכאַפּטע געפֿאַנגענע די הענט אָפּגעהאַקט, די דערפֿער פֿאַרברענט, די ישובים אויסגעקוילעט, תּליות אויפֿגעשטעלט, מאַטער-מכשירים פֿון דײַטשלאַנד אַראָפּגעבראַכט אויף צו פּײַניקן די מורדים. ווער עס האָט געזאָלט לײַדן, האָט געליטן, ווער עס האָט געזאָלט אומקומען, איז אומגעקומען, נאָר אויב דאָס איז געווען אַ שלאַכטשיץ, איז ער אומגעקומען מיט דער שווערד, און אויב אַ פּויער, איז ער אומגעקומען מיט דער קאָסע אין דער האַנט. און ס'האָט זיך געגאָסן דאָס שוועדישע בלוט איבער גאַנץ גרויספּוילן, דאָס פֿאָלק האָט געלעבט אין די וועלדער, די ווײַבער אַפֿילו האָבן זיך געכאַפּט צום געווער; די שטראָפֿן האָבן נאָר אַרויסגערופֿן נקמה און נאָך אַ גרעסערע פֿאַרביטערטקייט. קולעשאַ קמיטשיץ זשעגאָצקי און דער פֿאָלקסיער וואָיעוואָדע האָבן ווי די פֿלאַמען זיך אַרומגעטראָגן איבערן לאַנד, און אַ חוץ זיי זענען אַלע וועלדער פֿול געווען מיט פּאַרטיעס, די פֿעלדער זענען געלעגן נישט באַאַרבעט, אַ ביטערער הונגער האָט באַהערשט דאָס לאַנד, אָבער מער פֿון אַלעמען האָט ער די שוועדן געפּײַניקט, ווײַל זיי זענען געזעסן אין שטעט, היינטער פֿאַרמאַכטע טויערן און נישט געקאָנט זיך אין פֿעלד אַרויסרירן.

ביז עס האָט זיי לסוף אָטעם אין דער ברוסט גענומען אויספֿעלן.

אין מאַזאָוויע איז געווען דאָס אייגענע. דאָרט האָט דער אָרעמער המון, וואָס האָט אין די וואַלד-פֿינסטערנישן געלעבט, זיך אַרויסגעריסן פֿון די וויסטענישן, דורכגעשניטן די וועגן

דיבערגעכאַפּט דעם פּראָוויאַנט און די שליח״ם. אין פּאָלעסיע האָט
לי קליינע שלאַכטע חמרימוויז געצויגן צו סאַפּיעהאַן אָדער קיין
איטע. דער לובלינער קאַנט איז געווען אין די הענט פון דער
טאָנפעדעראַציע. פון ווייטן רוס זענען געגאַנגען די טאָטערס, און
הינטער זיי די קאָזאַקן, וואָס זענען צו געהאָרכזאַמקייט געצווונגען
געוואָרן.

אַלע זענען בכן שוין געווען זיכער, אַז אויב נישט אין אַ
גאָך, איז אין אַ חודש, אויב נישט אין אַ חודש, איז אין צוויי
וועט יענער קלין צווישן די טייכן, ווו קאַרל גוסטאַוו איז געשטאַ=
ווען מיט דער שוועדישער הויפּט=אַרמיי, פאַרוואַנדלט ווערן אין
איין גרויסן קבר צום רום פון פּאָלק און אַלס שרעקלעכער מוסר=
השכל פאַר די, וואָס וואָלטן וועלן די רעפּובליק באַפעלן. מ'האָט
שוין פאָרויסגעזען דעם סוף פון דער מלחמה, געווען אַזעלכע, וואָס
האָבן געזאָגט, אַז פאַר קאַרלן איז נאָר איין רעטונג פאַרבליבן;
אויסקויפן זיך און אָפּגעבן דער רעפּובליק דאָס שוועדישע
ליפלאַנד.

אָבער מיט אַ מאָל האָט דער מצב פון קאַרל גוסטאַוו און
פון די שוועדן זיך פאַרבעסערט.

דעם 20 מערץ האָט זיך אונטערגעגעבן מאַלבאָרג, וועלכע
איז ביז = איצט דורך שטיינבאָקן אומזיסט געווען באַלאַגערט. זיין
שטאַרקע און טיכטיקע אַרמיי האָט איצט נישט געהאַט וואָס צו
קאָן און געקאָנט איילן דעם קיניג צו הילף.

פון דער צווייטער זייט האָט דער באַדענער מאַרקגראַף,
נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט ווערבירן דאָס חייל, מיט אַ גריי=
טער מאַכט און מיט אַ נאָך נישט אויסגעמאַטערטן זעלנער אויך
זיך אַ לאָז = געטאָן צום קלין צווישן סאַן און דער ווייסל.

ביידע האָבן זיך גערוקט פאָרויס, פאַרטיליקנדיק די קלענע
רע צעבונטעוועטע מחנות, פאַרניכטנדיק, ברענענדיק, מאָרדנדיק.
אויפן וועג האָבן זיי מיטגענומען די שוועדישע חיילות, צונויפגע=
נומען די קלענערע קאָמאַנדעס און זיי זענען געוואַקסן אין מאַכט,
ווי עס וואַקסט אַ טייך, וואָס מער שטראָמען ער נעמט אין זיך
אַריין.

די ידיעות וועגן פאַלן פון מאַלבאָרג, וועגן שטיינבאָקס אַרמיי און וועגן מאַרש פון באַדענער מאַרקגראַף האָבן זיך זער גיך דערטראָגן צו די שוועדן און באַטריבט די פוילישע הערצער. שטיינבאָק איז נאָך געווען ווייט, אָבער דער באַדענער מאַרקגראַף האָט, גייענדיק אין אײליקע מאַרשן, געקאָנט בקרוב אָנקומען און ענדערן דעם גאַנצן מצב ביי סאַנדאָמיעזש.

די פוילישע קאָמענדאַנטן האָבן דעריבער אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט הער טשאַרניעצקי, דער ליטווישער העטמאַן, מיכאַל ראַדזיוויל, דער קרוין־טיש־מייסטער, הער וויטקאָווסקי, אַן אַלטער אויסגעפּרוּווטער זעלנער, און הער לובאָמירסקי, וועלכן ס'איז זייט אַ געוויסער צייט נמאס געוואָרן אויף יענער זייט ווייסל. אויף יענער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז הער סאַפּיעהאַ מיט דער ליטווישער אַרמיי זאָל בלייבן אָפּהיטן קאַרלן, כדי ער זאָל פון קלין זיך נישט אַרויסדרייען, און הער טשאַרניעצקי ווידער זאָל אַרויסמאַרשירן קעגן באַדענער מאַרקגראַף און זיך מיט אים וואָס גיכער באַגעגענען, און דערנאָך, אויב גאָט וועט באַשערן אַ נצחון, צוריקקומען ווייטער באַלאַגערן דעם קיניג.

די געהעריקע באַפעלן זענען באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן, צומאָרגנס האָבן די טרומייטן געשאַלט צום אָפּמאַרשירן אַזוי שטיל, אַז מ'האָט זיי קוים דערהערט, ווייל טשאַרניעצקי האָט געוואָלט אַוועקגיין בסוד פאַר די שוועדן. אויפן פריערדיקן לאַגער־פּלאַץ האָבן זיך באַלד צעלייגט אַ פאָר לויזע פאַרטיעס פון שלאַכטע און פויערן. זיי האָבן אָנגעצונדן פייער־הויפנס און גענומען טומלען, כדי דער שונא זאָל מיינען, אַז קיינער איז פון פּלאַץ נישט אָפּגעגאַנגען, און דעם קאַשטעלאַנס פאָלקן האָבן זיך אַרויסגעשאַרט איינער נאָכן אַנדערן. צוערשט איז געגאַנגען דער לאודער פאָלק, וועלכער האָט על־פּי דין געדאַרפט בלייבן ביים הער סאַפּיעהאַ, אָבער אַזוי ווי טשאַרניעצקי איז אין אים געווען שטאַרק איינגעליבט, האָט אים דער העטמאַן נישט געוואָלט ביי אים צונעמען. נאָכן לאודער איז געגאַנגען וואָנסאָוויטשס פאָלק, אַ געקליבן חייל, אָנגעפירט דורך אַן אַלטן זעלנער, וועלכער האָט אַ האַלב לעבן

אין בלוט-פאַרגיסונג פאַרבראַכט; דערנאָך איז געגאַנגען דימיטרי-ווישניאָוויעצקיס פאָלק אונטער שאַנדראָווסקיס קאָמאַנדע, דער זעלבער פאָלק, וועלכער האָט ביי רודניק אַ גרויסן רום זיך פאַרשאַפט דערנאָך הער וויטאָווסקיס צוויי דראַגונער-רעגימענטן, דערנאָך צוויי פאָלקן פון סטאַראָסטע יאַוואָראָווסקי; דער באַרימטער סטאַפּקאָווסקי האָט מיט איינעם פון זיי אָנגעפירט; דערנאָך דעם קאַשטאַלאַנס אייזערנער פאָלק, דער קיניגלעכער פאָלק אונטער פאָלאַנאָווסקיס קאָמאַנדע און הער לובאָמירסקיס גאַנצע מאַכט.

קיין פוס-גייער און קיין וועגנס האָט מען נישט מיטגענומען, כדי צו קאָנען וואָס אייליקער מאַרשירן.

אַלע צוזאַמען האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי זאַוואַדאַ, באַלעבט פון קראַפט און גרויסן מוט. דעמאָלט איז הער טשאַרניעצקי אַרויסגעפאָרן אין פראָנט און נאָכדעם ווי ער האָט זיי אויסגעשטעלט צום מאַרש, האָט ער אַליין אַ ביסל דאָס פערד פאַרהאַלטן און זיי געלאָזט פאַר זיך פאַרביימאַרשירן אַזוי, אַז ער זאָל דאָס גאַנצע חייל קאָנען זען. דאָס פערד אונטער אים האָט געכראַפּעט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי עס וואָלט וועלן באַגריסן די פאַרבייגייענדיקע פאָלקן, און אין קאַשטעלאַן גופא האָט דאָס האַרץ געקוואָלן, אַ שיינעם אָנבליק האָט ער געהאַט פאַר די אויגן. ווי ווייט זיין בליק האָט געגרייכט — אַ כוואַליע פון פערד, אַ כוואַליע פון שטרענגע זעלנערישע פנימער, געוויגט דורך די באַוועגונגען פון ד׳ פערד, איבער זיי נאָך אַ דריטע כוואַליע פון שווערדן און שפּיזן בלאַנקענדיקע און בלישטשנדיקע אין די פרימאָרגן-זון. אַ שרעקלעכע קראַפט האָט געשלאָגן פון זיי, און די דאָזיקע קראַפט האָט אין זיך געשפּירט דער קאַשטעלאַן, ווייל דאָס איז שוין נישט געווען עפּעס סתם אַ צוזאַמענגעלויף פון פרייוויליקע, נאָר אַ פאָלק, וואָס איז אויף דער מלחמה-קאָוואַדלע אויסגעשמידט געוואָרן, אַ טיכטיקס, אַן אויסגעבילדעטס און אין דער שלאַכט אַזוי׳ פאַרביסן, אַז קיין שום קאַוואַלעריע אין דער וועלט וואָלט עס נישט געקאָנט בייקומען. הער טשאַרניעצקי האָט דעריבער אין דער רגע דערשפּירט, אַז מיט די דאָזיקע מענטשן וועט ער זיכער, אָן שום ספק מיט די שווערדן און קאָפּיטעס צעקלאַפּן דעם באַדענער מאַרקגראַפס אַרמיי,

און דער דאָזיקער פאַרגעפּילטער נצחון האָט אים אַזוי דאָס פּנים באַשטראַלט, אַז אַ שיין האָט פון אים אויף די פּאָלקן זיך אָפּגעשלאָגן.

— מיט גאָט! נאָך אַ נצחון! — האָט ער לסוף אויסגעשריגן:

— מיט גאָט! מיר וועלן מנצח זיין! — האָבן אים מעכטיקע שטימען אָפּגעענטפערט.

און דאָס דאָזיקע אויסגעשריי איז דורך אַלע פּאָלקן דורכגעפלויגן, ווי אַ הויל̈ער דונער דורך כמאַרעס. טשאַרניעצקי האָט אַ ריס געטאָן דאָס פערד, כדי אָנצויאָגן דעם לאַודער פּאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין דער פאָדערשטער ריי.

און זיי זענען געגאַנגען.

און געגאַנגען זענען זיי נישט ווי מענטשן, נאָר ווי אַ סטאַדע רויב-פייגל, וועלכע דערשנאַפּן אַ שלאַכט פון דער וייטנס און פליען ווי אַ ווינטער, ווילנדיק איינער דעם צווייטן איבעריאָגן. קיינמאָל, אַפילו צווישן די טאָטערס אין סטעפּ, האָט נאָך קיינער וועגן אַזאַ מאַרש נישט געהערט. דער זעלנער איז געשלאָפן אויפן זאָטל, האָט געגעסן און געטרונקען נישט אַראָפּזעצנדיק זיך פון פערד; די פערד האָט מען געגעבן צו עסן פון דער האַנט. טייכן, וועלדער, דערפער, שטעט זענען געבליבן הינטער זיי. די פויערן אין די דערפער האָבן נישט באַוויזן אַרויסצולויפן פון די כאַלופּעס אַ קוק-טאָן אויפן חייל, ווי דאָס חייל איז אין דער ווייטקייט הינטער די שטויב-וואָלקנס שוין נעלם געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען בייטאָג און בייַנאַכט, אָפּרוענדיק נאָר אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נויטיק געווען, כדי די פערד נישט אומצוברענגען.

לסוף האָבן זיי ביי קאָזשעניצע זיך אָנגעשטויסן אויף אַכט שוועדישע פּאָלקן, אונטער טאָרנעסקילדס קאָמאַנדע. דער לאַודער פּאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין דער פאָדערשטער ריי, האָט דער ערשטער דעם שונא דערזען און נישט כאַפּנדיק דעם אָטעם אַפילו האָט ער זיך תיכף אַ לאָז געטאָן צו אים אין רויך אַריין. דער צווייטער איז געגאַנגען שאַנדאַראָווסקי, דער דריטער וואָנסאָוויטש, דער פערטער סטאַפּקאָווסקי.

מיינענדיק, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט פּאַרטיעט, האָבן די שווערדן אין אָפענעם פעלד אַ ווידערשטאַנד געשטעלט און מיט צוויי שעה שפּעטער איז נישט געבליבן קיין איין לעבעדיקע נשמה, וואָס זאָל צום מאַרקגראַף קאָנען לויפן און אַ געשריי - טאָן, אַז טשאַרניעצקי גייט. מ'האָט די דאָזיקע אַכט פאָלקן פּשוט מיט די שווערדן אויסגעקוילעט, נישט איבערלאָזנדיק קיין עדות פון דער מפּלה. דערנאָך האָבן זיי מאַרשירט צו מאַגנושעוו - צו, ווייל די שפּיאָנען האָבן געגעבן צו וויסן, אַז דער באַדענער מאַרקגראַף מיט דער גאַנצער אַרמיי געפינט זיך אין וואַרקאַ.

הער וואָלאָדיאָווסקי איז ביינאַכט אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַן אָפּטיילונג אויסשפּירן, וווּ די אַרמיי איז צעלייגט און ווי גרויס עס איז איר קראַפט?

זייער שטאַרק האָט אויף דער דאָזיקער עקספּעדיציע זיך געקלאָגט הער זאַגלאָבאַ. ווייל אפילו דער באַרימטער ווישניאָוויעצקי האָט אַזעלכע מאַרשן קיינמאָל נישט דורכגעמאַכט; דער אַלטער זעלנער האָט טאָקע געהאַט תּרעומות, אָבער ער האָט בעסער געוואָלט גיין מיט וואָלאָדיאָווסקין, איידער ביי דער אַרמיי פאַרבלייבן.

— אַ גאָלדענע צייט איז געווען ביי סאַנדאָמיעזש — האָט ער געזאָגט, אויסציענדיק זיך אויפן זאָטל — דער מענטש האָט געגעסן, געשלאָפן און אויף די באַלאַגערטע שווערדן פון דער ווייטנס געקוקט, און איצט האָט ער קיין צייט נישט אַפילו דאָס פלעשל צום מויל צוצולייגן. איך קען די מלחמה - קונסט פון די קדמונים: פון גרויסן פּאָמפּיי און צעזאַרן, אָבער הער טשאַרניעצקי האָט אַ נייע מאָדע אויסגעטראַכט. קעגן אַלע כּללים איז עס צו טורייסלען דעם בויך אַזוי פיל טעג און נעכט. פון הונגער נעמט שוין די פאַנטאַזיע זיך אין מיר צעשפּילן און עס דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז די שטערן זענען קאַשע און די לבנה איז ספּעק. פאַר אַ הונט איז אַזאַ מלחמה געמאַכט געוואָרן! ווי גאָט איז מיר ליב, אַזוי ווילט זיך מיר פון הונגער דעם אייגענעם פערד די אויערן אָפּבייסן!

— מאָרגן וועלן מיר מיט גאָטס הילף זיך אויסרוען נאָך דער שלאַכט מיט די שווערדן!

— איך וויל שוין בעסער די שוועדן, איידער אַזאַ פּוסטן אַרומבלאָנקען זיך! גאָט! גאָט! ווען וועסטו געבן רו דער דאָזיקער רעפּובליק, און דעם אַלטן זאַגלאַבאַ אַ וואַרעמען פּיעקעלעק און אויפגעקאָכטן ביר... זאָל שוין זיין אַפילו אָן סמעטענע... שלעף זיך אַרום, דו אַלטער, אויף דער שקאַפּע, שלעף זיך אַרום, ביז דו וועסט זיך צום טויט נישט דערשלעפּן... האָט נישט דאָרט עמיצער אַ שמעק טאַבאַק? אפשר וועל איך די שלעפעריקייט דורך די נאָזלעכער אַרויסניסן... די לבנה שיינט מיר גלייך אין מויל אַריין, אַז זי קוקט אַזש ביז צום בויך אַראָפּ, און איך ווייס נישט, וואָס זי זוכט דאָרט, ווייל זי וועט גאָרנישט געפינען. פאַר אַ הונט איז אַזאַ מלחמה געמאַכט געוואָרן, זאָג איך נאָך אַמאָל!

— אויב דער פּעטער מיינט, אַז די לבנה איז ספּעק, טאָ זאָל עס דער פּעטער אויפעסן! — האָט ראָך זיך אָנגערופן.

— ווען איך וואָלט דיך אויפגעגעסן, וואָלט איך געקאָנט זאָגן, אַז איך האָב אָקסן - פלייש געגעסן, אָבער כ׳האָב מורא, אַז כ׳זאָל נאָך אַזאַ געבראָטנס דאָס רעשט ביסל שכל נישט אָנווערן.

— אויב איך בין אַן אָקס, און דער פּעטער איז מיין פּעטער, טאָ וואָס איז דער פּעטער?

— און דו שוטה מיינסט, אַז אַלטעאַ האָט דערפאַר געבוירן אַ בראַנד, ווייל זי איז געזעסן ביי אַן אויוון?

— און וואָס איז דאָס מיין עסק!

— דיין עסק איז עס, ווייל אויב דו ביסט אַן אָקס, דאַרפסטו זיך צוערשט וועגן דיין פאָטער נאָכפרעגן און נישט וועגן פעטער, ווייל אייראָפּע איז פון אַ ווילדן אָקס פאַרגוואַלדיקט געוואָרן, אָבער איר ברודער, וועלכער האָט אירע קינדער אַ פעטער אָנגעהערט, איז דערפאַר געווען אַ מענטש. פאַרשטייסט?

— דעם אמת געזאָגט, פאַרשטיי איך נישט, אָבער עסן, וואָלט איך אויך עפּעס געגעסן.

— עס - אויף דעם טייוול און לאָז מיך שלאָפן! וואָס איז דאָרט, הער מיכאל? פאַרוואָס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט?

— וואַרקאַ זעט מען — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אָט, דער קירך־טורעם בלישטשעט אין לבנה־שיין.

— און מאַגנושעוו האָבן מיר שוין געמיטן?

— מאַגנושעוו איז געבליבן אויף רעכטס. עס איז מיר אַ חידוש, וואָס אויף דער זייט טייך זעט מען נישט קיין שום שוועדישע אָפּטיילונג. מיר וועלן צופאָרן צו די דאָזיקע קשאַקעס און וואַרטן, אפשר וועט אונז גאָט צושיקן עפּעס אַן אויסזאָגער.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט הער מיכאל צוריינגעפירט די אָפּטיילונג אין די דערנער און זי אויסגעשטעלט אויף ביידע זייטן פון וועג, אָנזאָגנדיק, אַז זיי זאָלן שטיין שטיל און די לייצעס האַלטן קורץ, כדי אַ פערד זאָל נישט אַ הירזשע־טאָן.

— וואַרטן! — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן הערן, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט טייך און אפשר וועלן מיר אויך עפּעס זען.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָבער אַ לאַנגע צייט האָט מען גאָרנישט געהערט, אַחוץ די סאָלאָווייען, וועלכע האָבן אין באַ־ענטן וועלדל זיך צעזונגען אויף טויט. די אויסגעמאַטערטע זעלנער האָבן זיך גענומען שאָקלען אויף די זאָטלען, הער זאַגלאָבאַ האָט זיך געלייגט אויפן האַלז פון פערד און איז טיף איינגעשלאָפן; אפילו די פערד האָבן אויך געדרעמלט. ס׳איז אַריבער אַ שעה. צום סוף האָט הער וואָלאָדיאָווסקיס געניטע אויער דערהערט עפּעס ענלעכס צו טריט פון פערד איבערן האַרטן וועג.

— אויף דער וואַך! — האָט ער געזאָגט צו די זעלנער.

און אַליין האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן ברעג פון די דערנער און אַ קוק־געטאָן אויפן וועג. דער וועג האָט געבלאַנקט אין לבנה־שיין, ווי אַ זילבערנע סטענגע, אָבער מ׳האָט אויף אים גאָרנישט געזען, דער אָפּקלאַנג פון די פערדישע טריט האָט זיך פונדעסטוועגן דערנענטערט.

און אַלע האָבן נאָך מער צוגעצויגן די פערד, יעדער האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן; מ׳האָט גאָרנישט געהערט אַחוץ די טרעלן פון די שפּיל־פייגל אין וועלדל.

אין - דעם האָט אויפן וועג זיך באַוויזן אַ שוועדישע אָפּ-טיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייסיק רייטער. זיי זענען גע-גאַנגען לאַנגזאַם און אָפּגעלאָזן, נישט אין דער ריי, נאָר אין אַ צעצויגענעם פאַס. אַ טייל זעלנער האָבן געשמועסט, אַ צווייטער טייל האָט שטיל אונטערגעזונגען, ווייל די וואַרעמע מאַי - נאַכט האָט אַפילו אויף די וואַרעמע זעלנערישע נשמות געווירקט. זיי האָבן גאָרנישט חושד געווען און פאַרבייגעגאַנגען אַזוי נאָענט פאַרן הער מיכאל, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון ברעג, אַז ער האָט געקאָנט דערשמעקן דעם ריח פון די פערד און דעם רויך פון די ליולקעס, וואָס די רייטער האָבן געראויכערט.

צום סוף האָבן זיי זיך אַריינגעדרייט אין וועג און נעלם געוואָרן. וואָלאָדיאָווסקי האָט אַפילו גענוג לאַנג געוואַרט, ביז דער אָפּהילך פון די טריט איז אין דער ווייטקייט פאַרפאַלן געוואָרן, דעמאָלט ערשט איז ער צו דער אָפּטיילונג צוגעפאָרן און געזאָגט צו די הערן סקשעטוסקי:

— מיר וועלן זיי איצט יאָגן ווי די גענז צום הער קאַשטע-לאַנס לאַגער. קיין איינער פון זיי דאַרף נישט אַנטרונען ווערן כדי ער זאָל נישט צו וויסן געבן!

— אויב דער הער טשאַרניעצקי וועט דערנאָך נישט דער-לויבן אונז זיך אָנצועסן און אויסצושלאָפן — האָט זאַגלאָבאַ גע-זאָגט — וועל איך אים דאַנקען פאַר דער דינסט און צוריקקערן צו סאַפּיעהאַן. ביי סאַפּיעהאַן, אַז אַ שלאַכט איז אַ שלאַכט, אָבער אַז עס איז רו, איז אויך אַ סעודה. אַז דו זאָלסט אַפילו האָבן פיר מיי-לער, וואָלסטו פאַר אַלע געהאַט בכבודיקע פונקציעס. דאָס הייסט אַ פירער! און דעם אמת געזאָגט, גיב מיר צו פאַרשטיין פאַרוואָס, צום טייוול, דינען מיר נישט ביי סאַפּיעהאַן, אויב דער דאָזיקער פּאָלק געהערט אייגנטלעך צו אים?

— פּאָטער, לעסטערט נישט קעגן דעם גרעסטן מלחמה - מאַן אין דער רעפּובליק — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— נישט איך לעסטער, נאָר מיינע קישקעס, אויף וועלכע דער הונגער שפּילט, ווי אויף אַ פידל.

— עס וועלן טאַנצן ביי אים די שוועדן — האָט וואָלאָדיאָווסקי איבערגעהאַקט — איצט לאָמיר פאָרן גיך! ביי יענער קרעטשמע אין וואַלד, וועלכע מיר האָבן פאָרנדיק אַהער געמיטן, וואָלט איך וועלן אויף זיי זיך וואַרפן.

און ער האָט גענומען פירן די אָפּטיילונג גיכער, אָבער נישט צו גיך זיי זענען אַריינגעפאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד, אין וועלכן ס'האָט זיי אַרומגענומען אַ פינסט רניש. ביז צו דער קרעטשמע איז נאָך געווען אַ מהלך פון אַ פּאָר הונדערט שריט. אַז זיי האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו איר, זענען זיי ווידער געגאַנגען לאַנגזאַם, כדי צו פרי די שוועדן נישט צו אַלאַרמירן. אַז זיי זענען שוין געווען נישט מער ווי אויף אַ מרחק פון אַ האַרמאַטן-שאָס, האָט זיך צו זיי דערטראָגן אַ מענטשלעך געמורמל.

— זיי זענען דאָ און טומלען! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

די שוועדן האָבן טאַקע זיך פאַרהאַלטן ביי דער קרעטשמע, זוכנדיק עפּעס אַ לעבעדיקע נשמה, פון וועלכער זיי זאָלן קאָנען אַרויסבאַקומען ידיעות. אָבער די קרעטשמע איז געווען פּוסט. אַ טייל האָבן דורכגענישטערט דעם הויפּט-בנין, אַנדערע האָבן געזוכט אין די שטאַלן, נאָך אַנדערע האָבן די בינטלעך שטרוי אין די דעכער אונטערגעהויבן, אַ העלפט איז געשטאַנען אויפן פּלאַץ, האַלטנדיק די פערד פון די וואָס האָבן געזוכט.

וואָלאָדיאָווסקיס אָפּטיילונג האָט זיך דערנענטערט אויף הונדערט שריט און גענומען מיט אַ טאָטערישן האַלב-עיגול די קרעטשמע אַרומרינגלען.

די, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ, האָבן אויסגעצייכנט געהערט, און צום סוף געזען די מענטשן און די פערד, אָבער היות אין וואַלד איז געווען פינסטער, האָבן זיי נישט געקאָנט דערקענען, וואָס פאַר אַ מיליטער דאָס איז, זיי האָבן זיך דעריבער כּלל נישט באַאומרויקט, ווייל עס איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז פון יענער זייט זאָל אַן אַנדער אָפּטיילונג, ווי אַ שוועדישע, קאָנען אָנקומען. ערשט יענע האַלב-עיגולדיקע באַוועגונג האָט זיי

פאַרחידושט און באַאומרויקט. ס'האָבן זיך באַלד דערהערט רופן נאָך די, וואָס זענען געווען אין די בנינים.

מיט אַמאָל האָט זיך אַרום דער קרעטשמע דערהערט אַ געשריי: „אַלאַ!" און אַ קנאַל פון אַ פּאָר שאָסן. אין איין רגע האָבן זיך באַוויזן טונקעלע זעלנער־מאַסן, ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ בהלה און אַ געמיש פון געקלימפּער מיט שווערדן, קללות, געשטיקטע געשרייען, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט אָנגעהאַלטן לענגער ווי אַ פּאָר מינוט.

נאָכדעם זענען אויפן פּלאַץ פאַר דער קרעטשמע פאַרבליבן אַ פּאָר מענטשלעכע און פערדישע קערפּערס, און וואָלאָדיאָווסקיס אָפּטיילונג האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, פירנדיק מיט זיך פינף און צוואַנציק געפאַנגענע.

זיי זענען איצט געפאָרן גאַלאָפּ, טרייבנדיק מיט די פלאַכע שווערדן די פערד פון די שוועדישע רייטער און באַלד פאַרטאָגס זענען זיי צוגעקומען צו מאַגנושעוו. אין טשאַרניעצקיס לאַגער איז קיינער נישט געשלאָפן; אַלע זענען געווען גרייט. דער קאַשטעלאַן איז אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן האַמער, אַן אָפּגעצערטער און בלאַסער פון נישט־שלאָפן, אַקעגנגעגאַנגען דער אָפּטיילונג.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער וואָלאָדיאָווסקין געפרעגט

— אַ סך אויסזאָגער האָט איר?

— פאַראַן פינף און צוואַנציק געפאַנגענע.

— און וויפיל זענען אַנטרונען?

— נישט געבליבן ווער עס זאָל מודיע זיין וועגן דער מפלה. אַלע זענען געפאַנגען!

— דיך קאָן מען שיקן אַפילו אין גיהנום אַריין, זעלנערל! זאָל מען זיי תיכף נעמען אויף אַ חקירה־ודרישה. כ'וועל אַליין אויספרעגן!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער קאַשטעלאַן זיך אומגעדרייט אויפן אָרט און אַוועקגייענדיק האָט ער געזאָגט:

— און זיין גרייט, ווייל עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן אָן שום שהיות זיך אַרויסלאָזן קעגן שוגא.

— וואָס הייסט? — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— שווייגט שטיל! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

די שוועדישע געפאַנגענע האָבן אָן מאַטערנישן תּיכּף אויסגעזאָגט, וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן די כּוחות פון באַדענער מאַרקגראַף, וועגן דער צאָל פון די האַרמאַטן, פוס־גייער און רייטער. דער קאַשטעלאַן האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט, ווייל ער האָט זיך דערוווּסט, אַז הגם דאָס איז אַ ניי־ווערבירטע אַרמיי, איז זי אָבער באַשטאַנען פון בלויז אַלטע זעלנער, וועלכע האָבן זיך שוין אין גאָט ווייסט וויפיל מלחמות באַליידיקט. ס'איז אויך צווישן זיי געווען אַ סך דייטשן און אַ היפּשע פראַנצויזישע אָפּטיילונג; דאָס גאַנצע חייל האָט מיט אַ פּאָר הונדערט קעפּ אַריבערגעשטיגן די פּוילישע אַרמיי. דערפאַר אָבער האָט זיך פון די אויסזאָגענישן אַרויסגעשטעלט, אַז דעם מאַרקגראַף איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, דאָס טשאַרניעצקי איז אַזוי נאָענט און ער האָט געגלויבט, אַז די פּאָליאַקן באַלאַגערן מיט דער גאַנצער מאַכט דעם קיניג ביי סאַנדאָמיעזש.

קוים האָט דער קאַשטעלאַן דאָס דערהערט, האָט ער זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און אַ געשריי־געטאָן אויף זיין הויפּ־באַאַמטן:

— הייס געבן אַ סיגנאַל, אַז מ'זאָל אויף די פערד זיך זעצן!

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דאָס חייל אַרויסמאַרשירט און איז אין פרישן פרילינג־באַגינען געגאַנגען דורך וועלדער און מיט טוי באַדעקטע פעלדער. צום סוף האָט וואַרקאַ, אַדער־בעסער געזאָגט, אירע חורבות, ווייל די שטאָט איז מיט זעקס יאָר צוריק כּמעט אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן, זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט.

טשאַרניעצקיס חיילות זענען געגאַנגען איבער אַן אָפּענעם פלאַכן שטח, אַזוי, אַז זיי האָבן לאַנג פאַרן שוועדישן אויג נישט געקאָנט זיך פאַרהוילן. מ'האָט זיי טאַקע באַמערקט, אָבער דער מאַרקגראַף האָט געמיינט, אַז דאָס זענען סאַרשיידענע „פּאַרטיעס", וועלכע האָבן, צונויפגעמענדיק זיך אין אַ גרעסערער מחנה, געוואָלט אַלאַרמירן דעם לאַגער.

ערשט ווען פון הינטער, וואלד האָבן זיך באוויזן אַלץ נייע פּאָלקן, וועלכע האָבן לאַנגזאַם מארשירט, איז אין שוועדישן לאַגער אַנטשטאַנען אַ פיבערדיקע באַוועגונג. פון פעלד האָט מען געזען קלענערע רייטער־אָפּטיילונגען און איינצלנע אָפיצירן, וואָס זענען דורכגעלאָפן צווישן די פּאָלקן. די פארביקע שוועדישע פוסגייער האָבן זיך געגומען ארויסשיטן אין מיטן טאָל; די פּאָלקן האָבן זיך פאָרמירט איינער נאָכן אַנדערן פאַר די אויגן פון די פּוילישע זעלנער און זיך ארויסגעשטעלט חמרימווייז, ווי סטאַדעס פון פייגל. איבער זייערע קעפּ האָבן זיך צו דער זון דערהויבן פירקאַנטיקע פיגורן פון געכטיקע שפּיזן, מיט וועלכע די פוס־גייער האָבן זיך געשיצט פאַרן אימפּעט פון די רייטער. צום סוף האָט מען דערזען מאַסן פון דער שוועדישער פאַנצער־קאַוואַלעריע, וואָס איז מיט קליינע טריט געלאָפן צו די פליגל; מ'האָט בחפזונדיק די האַרמאַטן אַפּערגערוקט. אַלע הכנות, די דאָזיקע גאַנצע באַוועגונג האָט מען געזען, ווי אויף דער האַנט, ווייל ס'איז אויפגעגאַנגען אַ העלע, פרעכטיקע זון און באַלויכטן די גאַנצע געגנט.

די פּיליצע האָט אָפּגעטיילט ביידע אַרמייען.

אויפן שוועדישן ברעג האָבן זיך אָנגערופן טרומייטן, קעסלען, פויקן און געשרייען פון די זעלנער, וואָס האָבן אין גרעסטן איילעניש זיך געשטעלט צו דער שלאַכט, און הער טשאַרניעצקי האָט אויך געהייסן בלאָזן אין די האָרנס און האָט זיך מיט אַלע פּאָלקן אַ לאָז־געטאָן צום טייך.

אין־דעם איז ער מיטן גרעסטן אימפּעט צוגעריטן צו וואָנסאָוויטשס פּאָלק, וועלכער איז נעענטער פון אַלע געווען צום טייך.

— אַלטער זעלנער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — לאָז זיך צו דער בריק, דאָרט שפּרינגט אַראָפּ פון די פערד און צו די ביקסן! זאָל זיך צו דיר די גאַנצע מאַכט אַ קער־טאָן! פייר!

וואָנסאָוויטש איז נאָר אַביסל רויט געוואָרן פון גלוסטעניש און האָט אַ מאַך־געטאָן מיטן קאָמאַנדע־שטויב. די מענטשן זענען מיט אַ געשריי אים נאָכגעפלויגן ווי אַ שטויב וואָלקן, געטריבן פון ווינט.

אַז זיי זענען צוגעפֿאַלן אויף דריי הונדערט טריט צו דער בריק, האָבן זיי גענומען לאַנגזאַמער פֿאָרן; דאָ זענען צוויי דריטל אָראַפּגעשפּרונגען פֿון די זאָטלען און זיך געלאָזט האַסטיק לויפֿן צו דער בריק.

די שוועדן ווידער האָבן זיך אַ לאָז - געטאָן פֿון דער צווייטער זייט און באַלד האָבן זיך צעשפּילט די ביקסן, תּחילת לאַנגזאַמער, דערנאָך וואָס אַמאָל גיכער, גלייך ווי טויזנט דרעש - אייזנס וואָלטן אומרעגולער געקלאַפּט אויף אַמאָל. אַ געדיכטער רויך האָט זיך צעצויגן איבערן טייך. אויפֿמונטערנדיקע געשרייען האָבן געהילכט ביי ביידע עקן פֿון דער בריק. די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ביידע אַרמייען האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער בריק, וועלכע איז געווען אַ הילצערנע, אַ שמאָלע, און דערפֿאַר שווער צום איינגעמען און לייכט צום פֿאַרטיידיקן. און דאָך האָט מען נאָר דורך איר געקאָנט זיך אַריבערקריגן צו די שוועדן.

מיט אַ פֿערטל שעה שפּעטער האָט טאַקע הער טשאַרניעצקי אַרויסגעשיקט לובאָמירסקיס דראַגונער וואָנסאָוויטשן צו הילף.

אָבער די שוועדן האָבן שוין גענומען אויך פֿון האַרמאַטן באַשיסן דעם קעגנאיבערדיקן עק פֿון דער בריק. מ'האָט כּסדר אַרויסגערוקט נייע האַרמאַטן און די גראַנאַטן האָבן מיט אַ געברום גענומען פֿליען איבער די קעפּ פֿון וואָנסאָוויטשס מענטשן און פֿון די דראַגונער, פֿאַלן אויפֿן פֿעלד און צעאַקערן די ערד, באַוואַרפֿנדיק די קעמפֿנדיקע מיט ערד און בלאָטע.

דער באַדענער מאַרקגראַף, וועלכער איז געשטאַנען ביים וואַלד, הינטער דער אַרמיי, האָט דורך אַ שפּאַקטיוו געקוקט אויף דער שלאַכט. פֿון צייט צו צייט האָט ער אים אָוועקגענומען פֿון די אויגן און קוקנדיק מיט פֿאַרווּנדערונג אויף זיין שטאַב, האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען.

— זיי זענען משוגע געוואָרן — האָט ער געזאָגט — זיי ווילן דווקא די דאָזיקע בריק אַריבערגיין. אַ פּאָר האַרמאַטן און צוויי אָדער דריי פּאָלקן קאָנען זי קעגן דער גאַנצער אַרמיי פֿאַרטיידיקן.

װאָנסאָװיטש האָט אָבער װאָס אַמאָל מעכטיקער זיך געשפּאַרט מיט זײַנע מענטשן, און די פּאַרטײדיקונג איז דערי־בער אויך געװאָרן װאָס אַמאָל האַרטנעקיקער. די בריק איז געװאָרן דער מיטל־פּונקט פֿון דער שלאַכט, צו װעלכן ס'האָט ביסלעכװײַז געצױגן זיך נײַגן און אַראָפּציִען זיך די גאַנצע שװעדישע ליניע. מיט אַ שעה שפּעטער האָט איר גאַנצער סדר זיך געענדערט און זי האָט זיך אויסגעדרײט מיט דער זײַט צו דער פֿריִערדיקער פּאָזיציע. די בריק האָט מען פּשוט באַשאָטן מיט אַ רעגן פֿון פֿײַער און אײַזן; װאָנסאָװיטשס מענטשן האָבן גענומען פֿאַלן אין געדיכטע מאַסן, דערװײַל זענען אָנגעפֿלױגן װאָס אַמאָל האַרבערע באַפֿעלן צו גײן דוקא פֿאָרױס.

— טשאַרניעצקי װעט אומברענגען די דאָזיקע מענטשן! — האָט מיט אַמאָל דער קרױן־מאַרשאַל אויסגערופֿן.

אויך הער װיטאָװסקי, אַלס אויסגעפּרוּװטער זעלנער, האָט אײַנגעזען אַז עס גײט שלעכט און ער האָט אײַנגאַנצן אַזש געציטערט פֿון אומגעדולד, לסוף האָט ער לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, ער האָט אַ ריס־געטאָן דאָס פֿערד, אַז עס האָט אַזש יאָמערלעך אַ סטענקע געטאָן, און איז צוגעשפּרונגען צו טשאַרניעצקין, װעלכער האָט פֿאַר דער דאָזיקער גאַנצער צײַט כּסדר געקוקט די מענטשן צום טײַך. פֿאַרװאָס, האָט קײנער נישט געװוּסט.

— גנעדיקער הער! — האָט װיטאָװסקי אויסגעשריגן — דאָס בלוט װערט אומזיסט פֿאַרגאָסן; מיר װעלן די דאָזיקע בריק נישט אײַננעמען!

— איך װיל זי גאָרנישט אײַננעמען! — האָט טשאַרניעצקי געענטפֿערט.

— אויב אַזױ װאָס זשע דען װילט איר? װאָס זאָלן מיר טאָן?

— צום טײַך מיט די פּאָלקן! צום טײַך! אין דער רײ אַרײַן!

דאָ האָבן טשאַרניעצקיס אויגן גענומען װאַרפֿן אַזעלכע בליצן, אַז װיטאָװסקי האָט זיך צוריקגעצױגן, קײן װאָרט נישט זאָגנדיק.

דערווייל זענען די פאַלקן צוגעקומען אויף אַ צוואַנציק טריט צום ברעג און זיי זענען אין אַ לאַנגער ליניע געבליבן שטיין אין דער לענג פון טייך. קיינער פון די אָפיצירן און פון די זעלנער האָט זיך אַפילו נישט אָנגעשטויסן פאַרוואָס זיי טוען עס.

מיט אַ מאָל האָט טשאַרניעצקי זיך באַוויזן ווי אַ בליץ פאַרן פראָנט פון די פאַלקן. דאָס פנים האָט געפלאַמט, די אויגן האָבן געבליצט. אַ שטאַרקער ווינט האָט אים אויפגעהויבן די בורקע אויף די אַקסלען און זי האָט אויסגעזען ווי צוויי מעכטיקע פליגל. דאָס פערד אונטער אים איז געשפּרונגען און זיך אונטערגעהויבן, אַרויסוואַרפנדיק אַ פלאַמיקן הויך פון די נאָז־לעכער, און ער האָט די שווערד אויפן לעדערל אַראָפּגעלאָזט, דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּגעריסן און מיט אַן אויפגעשטעלטער טשופּרינע, מיט אַ שווייס אויפן שטערן האָט ער אַ געשריי־געטאָן צו זיין דיוויזיע.

— גנ[?]דיקע הערן! דער שונא האָט זיך מיטן טייך פאַרשטעלט און מאַכט חוזק פון אונז! ער איז זיכער אַז מיר וועלן דעם ים אַריבערגעשווימען, כדי צו אונטערדריקן אונז[?]ר פאָטערלאַנד, און ער מיינט, אַז כדי עס צו פאַרטיידיקן וועלן מיר דעם דאָזיקן טייך נישט אַריבערשווימען!

דאָ האָט ער דאָס היטל אַ וואָרף־געטאָן אויף דער ערד, און אַכאַפּ־טוענדיק די שווערד איז ער אַריינגעשפּרונגען אין די אויפגעבורוזטע וואַסערן. אַ התלהבות האָט אים אָנגעכאַפּט, ווייל ער האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט אויפן זאָטל און נאָך מעכטיקער אויסגעשריגן:

— ווען גאָט! ווען די אמונה! ווען דאָס פאָטערלאַנד איז טייער! נאָך מיר!

און אַ שטויס־טוענדיק דאָס פערד מיט די שפּאָרנס, אַזוי, אַז עס איז ווי אין דער לופט געשפּרונגען, האָט ער זיך אַ וואָרף־געטאָן אין וואַסער אַריין. ס'האָט אַרום אים אַ כוואַליע אַ שפּריץ־געטאָן, דער מאַן און דאָס פערד זענען אויף אַ ווײַלע אונטערן וואַסער וו[?]לם געוואָרן, זיי זענען אָבער כהרף־עין צוריק אַרויסגעשווומען.

— נאָך מיין האר! — האָט מיכאַלקאַ אַ געשריי - געטאָן, דער אייגענער, וואָס האָט ביי רודניק מיט רום זיך באַדעקט.

און ער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער.

— נאָך מיר! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ געשריי - געטאָן מיט אַן אימהדיקער, אָבער דינער שטים.

און ער האָט זיך אין וואַסער אַראָפּגעלאָזט נאָך איידער זיין געשריי איז פאַרקלונגען.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט זאַגלאָבאַ אַ רעווע - געטאָן, אַ ריס - טוענדיק דאָס פערד צום שפּרינגען.

אין - דעם האָט אַ לאַווע מענער און פערד זיך אַריינגעוואָרפן אין דער כוואַליע, אַז זי איז מיט אַ ווילדן אימפּעט אַזש אויף די ברעגעס אַרויסגעשפּרונגען. נאָכן לאָודער איז אַריין ווישניאָוויעצקיס פאָלק, נאָך ווישניאָוויעצקיס — הער וויטאָווסקיס, נאָך אים סטאַפּקאָווסקיס, נאָך אים אַלע איבעריקע. אַזאַ ווילדקייט האָט די דאָזיקע מענטשן באַהערשט, אַז די פאָלקן האָבן זיך גענומען איי-נער דעם אַנדערן אַריבעריאָגן; די קאָמאַנדע - געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען פון די זעלנער, דער טייך איז אַרויסגעטרעטן פון די ברעגעס און איז כהרף - עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מילכיקער שוים. די כוואַליע האָט גענומען אַ ביסל מיטרייסן די פאָלקן, אָבער געשטויסן מיט די שפּאָרנס, זענען די פערד געשווומען, ווי אומדורכדרינגלעכע סטאַדעס דעלפינען, סטענ-קענדיק און כראַפּענדיק מיט די נאָזלעכער. זיי האָבן אַזוי דעם טייך אָנגעפילט, אַז די מאַסע פון פערדישע און מענטשלעכע קעפּ האָט ווי געבילדעט אַ בריק, א'בער וועלכע דו וואָלסט ווי איבער אַ טריקענער אויפן צווייטן ברעג געקאָנט אַריבערגיין.

טשאַרניעצקי איז אַריבערגעשווומען דער ערשטער, אָבער נאָך איידער דאָס וואַסער איז פון אים אַראָפּגעפלאָסן, איז נאָך אים אַרויסגעשווומען דער לאָודער פאָלק, דער קאַשטעלאַן האָט בכן אַ מאַך - געטאָן מיטן שטאַב און אַ געשריי - געטאָן אויף וואָל דיאָווסקין:

— גאַלאָפּ! שלאָג!

און צו ווישניאָוויעצקיס פאָלק אונטער שאַנדראַאָווסקיס קאָמאַנדע:

— אין שונא אַריין!

און אַזוי האָט ער אָפּגעלאָזט איינעם נאָכן אַנדערן, ביז ער האָט אַלע נישט אַוועקגעשיקט. ביים לעצטן פאָלק האָט ער זיך אַליין געשטעלט אין זיין שפּיץ און אויסשרייענדיק: „אין גאָטס נאָמען! מיט הצלחה!" — האָט ער זיך אַ לאָז־געטאָן אינאיינעם מיט די אַנדערע.

און צוויי פאָלקן פון די שוועדישע רייטער, וואָס זענען געשטאַנען אין רעזערוו, האָבן דאָך געזען, וואָס עס טוט זיך, אָבער די פּאָלקאָווניקעס זענען אַזוי פאַרבליפט געוואָרן, אַז ביז זיי האָבן זיך אַ ריר־געטאָן פון אָרט, איז דער לאודער פאָלק, אָפּלאָזנדיק די פערד, שוין זיי אַקעגנגעשפּרונגען מיט אימפּעט נישט צום איינהאַלטן. נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעגריפן, האָט ער פאַנאַנדערגעטריבן דעם ערשטן פאָלק, ווי זאַ וויכער בלעטער, אַראָפּגעשטויסן אים צום צווייטן, צעמישט דעם צווייטן, און־דעם איז נאָך אים צוגעשפּרונגען שאַנדראַאָווסקי און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוידערלעכע, אָבער קורץ אָנהאַלטנדיקע שחיטה; אין אַ ווײַלע אַרום זענען די שוועדישע רייען צעריסן געוואָרן און אַ צעדודערטע מאַסע האָט גענומען לויפן צו דער הויפּט־אַרמיי.

טשאַרניעצקיס פאָלקן זענען זיי נאָכגעלאָפן מיט אַ מוראדיקן געשריי, האַקנדיק, שטויסנדיק, דאָס פעלד מיט הרוגים אויסבעטנדיק.

ס'איז לסוף געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס הער טשאַרניעצקי האָט וואָנסאָוויטשן געהייסן די בריק איינעמען, הגם ער האָט נישט בדעה געהאַט איבער איר דורכצוגיין: די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אַרמיי האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן דאָזיקן פּונקט און דערפאַר האָט קיינער נישט געהיטן און נישט געהאַט קיין צייט צו היטן, אַז טשאַרניעצקיס אַרמיי זאָל דעם טייך שווימענדיק נישט אַריבערגיין. דערביי זענען כמעט אַלע האַרמאַטן, דער גאַנצער פראָנט פון שונאס חיילות געווענדעט צו דער בריק, און איצט, ווען דריי טויזנט רייטער זענען זיי אין אַ זייט

מיטן גאַנצן אימפּעט אונטערגעקומען, איצט ערשט האָט מען געדאַרפט ענדערן דעם סדר, פאָרמירן אַ נייעם פראָנט, כּדי כאָטש ווי־עס־איז פון אָנגריף זיך באַשיצן. ס'איז טאַקע אַנטשטאַנען אַ מוראדיקער האַרמידער און צעמישעניש: די פוס־גייער און רייטער־פּאָלקן האָבן זיך בחפזון צום שונא אומגעדרייט, ברעכנדיק זיך אין איילעניש, פאַרטשעפּענדיק זיך איינער אין צווייטן, נישט פאַרשטייענדיק אין געפילדער און געטומל די קאָמאַנדע, האַנדלענדיק אויף אייגענער האַנט. אומזיסט האָבן די אָפיצירן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, אומזיסט האָט דער מאַרקגראַף תּיכּף אַרויסגעלאָזט די רייטער־פּאָלקן, וואָס זענען געשטאַנען ביים וואַלד; נאָך איידער זיי האָבן זיך ווי עס איז באַוויזן אויסצושטעלן, נאָך איידער די פוס־גייער האָבן צייט געהאַט די שפּיזן מיט די אונטערשטע עקן אין דער ערד אַריינצושטעקן, כּדי זיי אויף דעם שונא אָנצושטעלן, האָט דער לאָודער־פּאָלק, ווי אַ מלאך־המות, אין סאַמע מיטן פון די רייען אַריינגעפּלאַצט; נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער, אַ זעקסטער. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער יום־הדין! די רויך־קנוילן פון דער ביקסן־שיסעריי. האָבן ווי מיט אַ כמאַרע, די גאַנצע שלאַכט צוגעדעקט. און אין דער דאָזיקער כמאַרע איז געשטאַנען אַ געשריי, אַ געברויז, אַן איבערמענטשלעך געיאָמער, טריומף־געשרייען, אַן אימהדיק געקלימפּער פון אייזן, ווי אין אַ טייוולאַנישער שמידעריי, אַ געקנאַל פון ביקסן; צייטנווייז האָט אויפגעבליצט אַ פאָן און איז אין רויך פאַרפאַלן געוואָרן, צייטנווייז האָט אַ בלאַנק־געטאָן דער גאָלדענער שפּיץ פון אַ פּאָלק־פאָן און ווידער האָסטו גאָרנישט געזען, נאָר עס האָט כּסדר וואָס אַמאָל מוראדיקער געקראַכט, גלייך ווי די ערד וואָלט זיך מיט אַמאָל אונטערן טייך געשפּאָלטן און די וואַסערן זיינע וואָלטן אין אַ טיפן תּהום אַראָפּגעפאַלן.

אין־דעם האָבן זיך פון דער זייט דערהערט נייע קולות, דאָס איז וואָנסאָוויטש אַריבער די בריק און געגאַנגען צו דער זייט פון שונא. דעמאָלט האָט די שלאַכט שוין לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

פון יענער כמאַרע האָבן גענומען זיך אַרויסרוקן און לויפן צום וואַלד גרויסע מחנות מענטשן, צערודערטע, צעדולטע, אָן היטלעך, אָן העלמען, אָן געווער. נאָך זיי האָט באַלד אַ פּלייקגעטאָן אַ גאַנצער מענטשן־שטראָם אין דער מוראדיקסטער צעטומלטקייט. די אַרטילעריע, פוס־גייער, רייטער זענען צונויפגעמישטערהייט געלאָפן צום וואַלד, פאַרבלענדעטע פון גרויל און אימה. מאַנכע זעלנער האָבן געשריגן מיט קולי־קולות, אַנדערע זענען געלאָפן שטילשווייגנדיק, פאַרשטעלנדיק די קעפּ מיט די הענט, נאָך אַנדערע האָבן אין מיטן לויפן די מלבושים אַראָפּגעוואָרפן, נאָך אַנדערע האָבן פאַרהאַלטן די, וואָס זענען געלאָפן פאַר זיי, זענען אַליין אומגעפאַלן, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געטרעטן, און האַרט הינטער זיי, איבער זייערע געניקן און קעפּ, האָט געיאָגט אַ לאַווע פון פּוילישע רייטער. יעדע ווײַלע האָסטו געזען גאַנצע רייען זייערע, וועלכע האָבן געריסן די פערד און זיך אַרײַנגעוואָרפן אין גרעסטן מענטשן־געווימל. ס'האָט זיך שוין קיינער נישט פאַרטיידיקט, אַלע האָבן זיך געלאָזט אויסקוילן. איין הרוג איז געפאַלן אויפן צווייטן. מ'האָט געקוילעט אָן אָפּרו, אָן רחמנות, אויפן גאַנצן פּלאַץ, אויף די ברעגעס פון טייך, צום וואַלד־צו, ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָסטו געזען נאָר אַנטלויפנדיקע און יאָגנדיקע; נאָר דאָ און דאָרט האָבן איינצלנע אָפּטיילונגען פון פוס־גייער געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, די האַרמאַטן זענען אַנטשוויגן געוואָרן. די שלאַכט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שלאַכט, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שחיטה.

פון גאַנצן טייל פון דער אַרמיי, וואָס איז געלאָפן צום וואַלד, איז קיין שריד־ופליט נישט געבליבן. עס האָבן צו אים אָנגעשפּאַרט נאָר קליינע שוואַדראָנען פון שוועדישע רייטער, נאָך וועלכע ס'זענען אין געדיכטעניש אַרייַנגעפאַלן די לייכטע פּאָלקן.

אָבער אין וואַלד האָבן שוין אויף יענעם יתר־הפליטה געוואַרט די פויערן, וועלכע דער אָפּקלאַנג פון דער שלאַכט האָט צונויפגעטריבן פון אַלע אַרומיקע דערפער.

דאָס שרעקלעכסטע געיעג האָט אָבער אָנגעהאַלטן אויפֿן וואַרשעווער וועג, מיט וועלכן ס'זענען אַנטלאָפֿן די שוועדישע הויפּט-כּוחות. דער יינגער מאַרקגראַף אַדאָלף האָט צוויי מאָל זיך אָנגעשטרענגט צו באַשיצן דאָרט די אַנטלויפֿנדיקע, ביידע מאָל איז ער אָבער צעקלאַפּט געוואָרן און לסוף אַליין אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די אָפּטיילונג פֿון די פֿראַנצויזישע פֿוס-גייער, וואָס האָט זיך געפֿינען ביי זיין זייט און איז באַשטאַנען פֿון פֿיר הונדערט מאַן, האָט געוואָרפֿן דאָס געווער, דריי טויזנט אויסגעצייכנטע זעלנער, שיסער און רייטער, זענען אַנטלאָפֿן אַזש קיין מנישעוו. די שיסער האָט מען אויסגעהרגעט אין מנישעוו, די רייטער האָט מען געיאָגט צו טשערסק-צו, ביז זיי האָבן זיך נישט נאָכשטענדיק צעשפּרייט איבער די וועלדער און צווישן די געדיקטן. דאָרט האָבן די פּויערן ערשט צומאָרגנס אויפֿגעזוכט איינצלנע רייטער.

נאָך איידער די זון איז פֿאַרגאַנגען, האָט פֿרידריכס, דעם באַדענער מאַרקגראַפֿס אַרמיי אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן.

אויפֿן ערשטן קאַמף-פּלאַץ זענען פֿאַרבליבן בלויז די פֿאָנטרעגער מיט די הוילע פֿאָנען, ווייל אַלע מענטשן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט יאָגן דעם שונא. און ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען די ערשטע רייטער-אָפּטיילונגען האָבן זיך גענומען באַווייזן פֿון דער זייט פֿון וואַלד און פֿון מנישעוו. זיי האָבן צוריקגעקערט מיט געזאַנג און געשריי, וואַרפֿנדיק די היטלען אין דער הויך, שיסנדיק פֿון באַנדאָלעטן. כּמעט אַלע האָבן געפֿירט מיט זיך מאַסן געפֿאַנגענע. די לעצטע זענען געגאַנגען ביי די פֿערד אָן קאַפּעלושן, אָן העלמען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אויף דער ברוסט, אָפּגעריסענע, פֿאַרבלוטיקטע, שטרויכלענדיק זיך יעדע ווייל אין די קערפּער פֿון די געפֿאַלענע מיטברידער. דער קאַמף-פּלאַץ האָט געהאַט אַן אימהדיקן אויסזען. אויף מאַנכע ערטער, וווּ דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ באַזונדערס מעכטיקער, זענען געלעגן פּשוט שטויסן פֿון הרוגים, אויף אַ האַלבער שפּיז די הויך. מאַנכע פֿון די פֿוס-גייער האָבן מיט די קאַלטע הענט נאָך געהאַלטן די לאַנגע שפּיזן, מיט די דאָזיקע שפּיזן איז באַדעקט געווען דער

גאַנצער פלאַץ. ערטערווייז האָבן זיי ביז - איצט נאָך געשטעקט אין דער ערד; דאָ און דאָרט האָבן שפּליטערס פון זיי ווי גע־בילדעט פאַרצוימונגען און מחיצות. אָבער צום גרעסטן טייל האָט אומעטום דאָס אויג זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מוראדיקן און יאָמער־לעכן געמיש פון מענטשלעכע גופים, וואָס זענען דורך קאָפּיטעס צעריבן געוואָרן, פון שפּיזן, צעבראָכענע ביקסן, פויקן, טראָמפּייטן, קאַפּעלושן, גאַרטלען, בלעכענע פּאַטראָנעס, וואָס די פוס - גייער האָבן געטראָגן; פון הענט און פיס, וואָס האָבן אַזוי אומגעלומ־פּערט אַרויסגעשטאַרט פון די שטויסן קערפּערס, אַז ס'איז שווער געווען זיך אָנצושטויסן, צו וועמען זיי געהערן. בפרט אין יענע ערטער, ווו די פוס - גייער האָבן זיך פאַרטיידיקט, זענען געלעגן גאַנצע חמרים פון הרוגים.

אַ ביסל ווייטער,ביים טייך, זענען געשטאַנען שוין אָפּגעקיל־טע האַרמאַטן, אַ טייל איבערגעקערט דורך דעם מענטשלעכן אָנ־דראַנג, אַ צווייטער טייל, ווי גרייט נאָך צום שיסן. נעבן זיי זענען מיט אַן אייביקן שלאָף געשלאָפן די קאַנאָנירן, וועלכע מ'האָט אויך אויסגעקוילעט ביז איינעם. מ'האָט געזען אַ סך הרוגים, וואָס זענען געלעגן אַריבערגעהאָנגען איבער די האַרמאַטן און זיי אַרומ־גענומען מיט די הענט, גלייך ווי די דאָזיקע זעלנער וואָלטן זיך נאָכן טויט נאָך געוואָלט באַשיצן. דאָס גלאָקן - מעטאַל, באַפלעקט מיט בלוט און מארך, האָט אימהדיק געבלאַנקט אין די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די גאָלדענע שיין האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אין פאַרגליווערטן בלוט, וועלכעס האָט דאָ און דאָרט גע־בילדעט קליינע וואַסערלעך. זיין איבלדיקער ריח האָט זיך אויפן גאַנצן קאַמף - פּלאַץ אויסגעמישט מיטן גערוך פון פּולווער, מיט די אויסהויכונגען פון די קערפּערס און שווייס פון די פערד.

הער טשאַרניעצקי איז נאָך פאַרן זון - אונטערגאַנג צוריק־געקומען מיטן קיניגלעכן פּאָלק און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פּלאַץ. די חיילות האָבן אים באַגריסט מיט אַ דונערדיקן אויסגע־שריי. ווי נאָר אַן אָפּטיילונג איז אָנגעקומען, האָט זי געמאַכט ווי־וואַט - אויסגעשרייען אָן אַ סוף, און ער איז געשטאַנען אין די שטראַלן פון דער זון, שטאַרק פאַרמאַטערט, אָבער אינגאַנצן אַ

שײַנענדיקער, מיט אַ הױלן קאָפּ, מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער שווערד אויפן לעדערל און האָט יעדעס מאָל געענטפערט די וויוואַט־שרייער:

— נישט מיר, גנעדיקע הערן, נישט מיר, נאָר גאָטס נאָמען!

נעבן אים זענען געשטאַנען וויטאָווסקי און לובאָמירסקי, דער לעצטער אַ ליכטיקער, ווי די זון ממש, ווייל ער איז אין אַ באַגילטן פּאַנצער געווען אָנגעטאָן, מיט אַ פּנים באַשפּריצט מיט בלוט, ווייל ער האָט זייער שווער געהאָרעוועט און האָט אַליין מיט די אייגענע הענט געהאַקט, געשניטן, ווי אַ פּראָסטער זעלנער, אָבער שוין אַן אָנגעכמורעטער און באַטריבטער, ווייל אַפילו זיינע אייגענע פאָלקן האָבן געשריגן:

— :אָל לעבן טשאַרניעצקי, דער פירער און זיגער!

די קנאה האָט שוין גענומען נאָגן דעם מאַרשאַלס נשמה.

דערווייל האָבן אַלץ נייע אָפּטיילונגען זיך געשאָטן פון אַלע זייטן אויפן קאַמף־פּלאַץ, און יעדעס מאָל איז צוגעריטן אַן אָפּיציר און געוואָרפן דעם הער טשאַרניעצקי צו די פיס אַ פאַרכאַפּטע פאָן פון שונא. אויפן דאָזיקן אָנבליק האָבן אָפּגעהילכט נייע געשרייען, נייע וויוואַט־אויסרופן, מ'האָט ווידער געוואָרפן די היטלען אין דער הייך און ווידער געשאָסן פון די באַנדאַלעטן.

די זון האָט זיך גענייגט וואָס אַמאָל נידריקער.

אין־דעם האָבן די גלאָקן פון דער אייציקער קירך, וואָס איז נאָך דער שׂרפה געבליבן אין וואַרקאַ, גערופן צו דער אָוונט־תּפילה; באַלד האָבן זיך אַלע קעפּ אָפּגעדעקט; קסיאָנדז פּיעקאַרסקי האָט אָנגעהויבן זינגען: „דער געטלעכער מלאך האָט אָנגעזאָגט דער הייליקסטער בתולה מאַריאַ!..“ און טויזנטער אייזערנע ברוסטן האָבן אים באַלד אָפּגעענטפערט מיט מעכטיקע שטימען:

„און זי איז מעוברת געוואָרן פון הייליקן ג סט!...“

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל, וועלכער האָט זיך פאַררויטלט אינגאַנצן פון דער שקיעה־שיין, און פון יענעם בלוטיקן קאַמף־פּלאַץ האָט צו די אין הימל אייביק בלענדיקע שטראַלן גענומען פליען אַ גאָטספאָרכטיק געזאַנג.

גראָד, ווען מ'האָט אויפגעהערט זינגען, איז מיט קליינע טריט אָנגעפאָרן דער לאודער פאָלק, וועלכער האָט ווייטער פון אַלע דעם שונא נאָכגעיאָגט. די זעלנער האָבן ווידער גענומען וואַרפן פאָנען דעם הער טשאַרניעצקי צו די פיס, און ער האָט זיך אין האַרצן דערפרייט און זעענדיק וואָלאָדיאָווסקין, האָט ער צו אים דאָס פערד צוגערוקט:

— זענען אַ סך פון זיי אייך אַנטקומען? — האָט ער געפרעגט.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט נאָר גענומען דרייען מיטן קאָפּ צום צייכן, אַז נישט קיין סך זענען אַנטרונען, אָבער ער איז געווען אַזוי טויט־מיד, אַז ער האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, ער האָט נאָר מיטן אָפענעם מויל כסדר לופט געכאַפּט, אַז עס האָט ביי אים אַזש אין האַלז געכאָרכלט. ער האָט לסוף מיט דער האַנט אויפן מויל געוויזן, אַז ער קאָן נישט רעדן, און דער הער טשאַרניעצקי האָט פאַרשטאַנען און אים נאָר פאַרן קאָפּ געדריקט.

— ער האָט זיך דאָס אָנגעפּראַצעוועט! — האָט ער געזאָגט — הלוואַי מיר זאָלן וואָס מער אַזעלכע זעלנער האָבן!

און הער זאַגלאָבאַ האָט פריער דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט און קלינגענדיק מיט די ציין, האָט ער מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים אַזוי גענומען רעדן:

— געדענקט אין גאָט! אויפן שווייס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט!...אַ פּאַראַליז וועט מיך כאַפּן... שלעפּט אַראָפּ די מלבושים פון עפּעס אַ גראָבן שוועד און גיט מיר, ווייל אַלץ איז אויף מיר נאַס... נאַס און נאַס... כ'ווייס שוין נישט, וואָס איז וואַסער, וואָס איז מיין אייגענער שווייס און וואָס איז שוועדיש בלוט... אויב איך האָב זיך געריכט... אַז... איך וועל אין מיין לעבן אַמאָל אַזוי פיל אויסוואַרפן אויסקוילן, בין איך נישט ווערט צו זיין אַ שוואַנץ־רימען ביים זאָטל... דער גרעסטער נצחון אין דער מלחמה... אָבער אין וואַסער וועל איך אַ צווייט מאָל נישט שפּרינגען... נישט געגעסן נישט געטרונקען, נישט געשלאָפן, און דערנאָך אַ באָד... גענוג פאַר מיר אויף מיינע אַלטע יאָרן... די האַנט איז מיר אָפּגענומען

געוואָרן... אַ פּאַראַליז כאַפּט מיך שוין אָן... בראָנסען, געדענקט אין גאָט!

הערנדיק דאָס און זעענדיק דעם באַיאָרנטן מאַן באמת איינגאַנצן אַ באַדעקטן מיט פּיינטלעכן בלוט, האָט הער טשאַרניעצקי זיך דערבאַרעמט איבער דעם זקן און אים דערלאַנגט זיין אייגענע פלאַש.

זאַגלאָבאַ האָט זי אויסגעבויגן צום מויל און אין אַ ווײַלע אַרום אָפּגעגעבן אַ ליידיקע, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב זיך מיט אַזוי פיל וואַסער אין דער פּיליצע אָנגעכלייעט, אַז איידער דו וועסט זיך אומקוקן, וועלן זיך מיר פיש אין בויך אויסבריען, אָבער דאָס איז בעסער ווי וואַסער.

— טוט זיך איבער אין אַנדערע מלבושים, זאָל שוין זיין אין שוועדישע — האָט דער קאַשטעלאַן געזאָגט.

— איך וועל דעם פעטער אַ גראָבן שווער אויסזוכן! — האָט ראָך זיך אָנגערופן.

— צו וואָס זאָל איך פאַרבלוטיקע בגדים פון אַ הרוג אָנטאָן — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — צי גאָר אַראָפּ אַלץ ביזן העמד פון יענעם גענעראַל, וועלכן איך האָב אין געפאַנגענשאַפט גענומען.

— האָט איר אַ גענעראַל גענומען אין געפאַנגענשאַפט? — האָט הער טשאַרניעצקי לעבהאַפט געפרעגט.

— ווען האָב איך נישט גענומען, וואָס פאַר אַ גבורה האָב איך נישט באַוויזן! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

דאָ האָט וואָלאָדיאָווסקי דאָס לשון צוריקבאַקומען.

— ס'איז דורך אונז גענומען געוואָרן דער ייִנגערער מאַרקגראַף אַדאָלף, גראַף פאַלקענשטיין, גענעראַל וועגנער, גענעראַל פּאָטער, בעני, נישט רעכענענדיק די קלענערע אָפיצירן.

— און מאַרקגראַף פרידריך? — האָט טשאַרניעצקי געפרעגט.

— אויב ער ליגט דאָ נישט, איז ער אַנטרונען אין די וועלדער, אָבער אויב ער איז אַנטרונען, וועלן די פויערן אים דערהרגענען!

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ טעות געהאַט אין זיינע סברות. מאַרקגראַף פרידריך האָט צוזאַמען מיט גראַף שליפּענבאַך און ערנסהיים, בלאָנקענדיק אין די וועלדער, אָנגעשפּאַרט בייגאַכט קיין טשערסק; נאָכדעם, ווי זענען דאָרט אין די חורבות פון שלאָס אָפּגעזעסן דריי טעג אין הונגער און אין קעלט, האָבן זיי ביינאַכט געוואַנדערט קיין וואַרשע. ס'האָט זיי דאָס שפּעטער נישט פאַרהיטן פון געפאַנגענשאַפט, דאָס מאָל זענען זיי אָבער ניצול געוואָרן.

ס'איז שוין געוואָרן נאַכט, ווען הער טשאַרניעצקי איז פון קאַמף - פּלאַץ אַראָפּגעפאָרן צו וואַרקאַ - צו. דאָס איז אפשר געווען די פרייליכסטע נאַכט אין זיין לעבן, ווייל אַזאַ מפּלה האָבן די שוועדן ביז איצט נאָך נישט געליטן זייט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע האַרמאַטן, אַלע פאָנען, אַלע עלטסטע, אַ חוץ דער הויפּט - קאָמענדאַנט, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן. פון דער אַרמיי איז קיין אָנצייכעניש נישט געבליבן; צעטריבן אויף אַלע פיר זייטן, האָבן אירע רעשטלעך געמוזט פאַלן אַ קרבן פון די פּוילישע מחנות. ס'האָט זיך אָבער דערביי נאָך אַרויסגעשטעלט, אַז יענע שוועדן, וועלכע האָבן פון זיך אַליין געהאַלטן, אַז אין אָפענעם פעלד איז זיי נישט ביייצוקומען, קאָנען זיך דווקא אין אָפענעם פעלד נישט פאַרמעסטן מיט די רעגולערע פּוילישע חיילות. הער טשאַרניעצקי האָט צום סוף אויך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ מעכטיקע פעולה דער דאָזיקער נצחון וועט האָבן אין דער גאַנצער רעפּובליק, ווי ער וועט שטאַרקן דעם גייסט, ווי ער וועט וועקן התלהבות; ער האָט שוין געזען די גאַנצע רעפּובליק אין דער נישט ווייטער צוקונפט אָן אויסגעלייזטע פון שוועדישן יאָך, אַ טריומפירנדיקע... אפשר האָט ער אויך דעם גאָלדענעם גרויס-העטמאַנישן שטאַב מיט די גייסטיקע אויגן אויפן הימל געזען...

ער האָט געמעגט וועגן אים חלומען, ווייל ער איז צו אים געגאַנגען ווי אַן עכטער זעלנער, ווי אַ פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד און ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געוויטאָקט מיט זיינע ווייטאָקן און געפרייט זיך מיט זיינע פריידן.

דערווייל האָט ער מיט דער גאַנצער נשמה קוים געקאָנט אַרומנעמען די גדולה, וואָס האָט אים געטראָפן, ער האָט זיך דע-

ריבער בעוועגדעט צום דערגעבן - רייטנדיקן מאַרשאַל און גע־זאָגט:

— איצט קיין סאַנדאָמיעזש! קיין סאַנדאָמיעזש, וואָס גיכער! דאָס חייל קאָן שוין טייכן אריבערשווימען; עס וועט אונז נישט אָפּשרעקן נישט דער סאַן, נישט די ווייסל!

דער מאַרשאַל האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, דערפאַר האָט הער זאַגלאָבא, וועלכער איז אַ ביסל ווייטער, אין שוועדישער הלבשה, געריטן, זיך דערלויבט צו זאָגן אונטער דער נאָז:

— פאָרט, ווו איר ווילט, אָבער אָן מיר, ווייל איך בין נישט קיין קירך - פענדל, וואָס דרייט זיך בייטאָג און ביינאַכט און דאַרף נישט עסן און נישט שלאָפן.

הער טשאַרניעצקי איז געווען אַזוי אויפגעלייגט, אַז ער האָט זיך נישט בלויז נישט דערבייזערט, נאָר געענטפערט אין ליצנות:

— איר זענט גיכער ענלעך אויף אַ גלאָקן - טורעם, ווי אויף אַ קירך - פענדל, בפרט, אַז ווי איך זע, האָט איר פייגעלעך אין שפּיץ קאָפּ. און וואָס שייך עסן און שלאָפן, קומט עס אַלעמען.

דערויף האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט, אָבער שוין שטילערהייט:

— ווער עס האָט אַ צעפּיקטן פּנים, דער האָט פייגעלעך אין קאָפּ!

10 קאפיטל.

נאָך יענעם נצחון האָט טשאַרניעצקי צום טויף דערלויבט דער אַרמיי אָפּצורוען און צו פּאַשען די פאַרמאַטערטע פערד, דערנאָך האָט ער ווידער אין אייליקע מאַרשן געזאָלט צוריקקערן קיין סאַנדאָמיעזש, כדי דעם שוועדישן קיניג צו רודפן עד חרמה.

דערווייל איז אין אַ געוויסן אָוונט הער כאַרלאַמפּ אָנגעקומען אין לאַגער מיט ידיעות פון סאַפּיעהאַן. טשאַרניעצקי איז דעמאָלט געווען אָפּגעפאָרן קיין טשערסק צו מושטירן דעם ראַווער לאַנד-שטורעם, וועלכער האָט זיך ביי יענער שטאָט גראָד געהאַט פאַרזאַמלט. נישט טרעפנדיק דעם פירער, איז כאַרלאַמפּ גלייך אַוועק צו וואָלאָדיאָווסקין, כדי נאָכן לאַנגן וועג ביי אים אויסצורוען.

די פריינט האָבן אים מיט גרויס שמחה באַגריסט, אָבער ער האָט באַלד אין אָנהויב זיי געוויזן אַ פאַרמרה-שחורהט פּנים און געזאָגט:

— וועגן אייער נצחון האָב איך שוין געהערט. דאָ האָט אונז די הצלחה צוגעשפּילט, און ביי סאַנדאָמיעזש האָט זי זיך פון

אונז אָפּגעקערט. קאַרל איז שוין מער נישט אין דער קלעם, ווייל ער האָט זיך פּון איר אַרויסגעקריגן און דערצו נאָך מיט א גרויסן בזיון פאַרן ליטווישן חייל.

— איז דאָס מעגלעך? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן, אָנכאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ.

ביידע סקשעטוסקיס און זאַגלאָבאַ זענען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען, דערציילט, געדענקט אין גאָט, ווייל מיר שפּרינגען פון דער הויט אַרויס!

— ס'האָט מיר שוין דעם אָטעם פאַרכאַפּט — האָט כאַרלאַמפּ געענטפערט — כ'בין געפאָרן בייטאָג און ביינאַכט, כ'בין שרעקלעך פאַרמאַטערט. הער טשאַרניעצקי וועט קומען, וועל איך אַלץ פון אָנהויב אָן דערציילן. לאָזט מיך איצט א ביסל דעם אָטעם כאַפּן.

— איז, הייסט עס, קאַרל אַרויס פון דער קלעם. כ'האָב פאָרויסגעזען, אַז עס וועט זיך אַזוי אויסלאָזן. וואָס הייסט? איר האָט פאַרגעסן, אַז איך האָב דאָס נביאות געזאָגט? זאָל קאָוואַלסקי מעיד זיין!

— דער פעטער האָט נביאות געזאָגט! — האָט ראָך זיך אָנגערופן.

— און וווהין איז קאַרל געגאַנגען? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט כאַרלאַמפּן.

— די פוס - גייער זענען אין שיפלעך אָפּגעשווומען, און ער איז מיט די רייטער איבער די ברעגעס פון דער ווייסל אַוועק קיין וואַרשע.

— א שלאַכט איז געווען?

— אי געווען און נישט געווען. קורץ גערעדט, לאָזט מיך צורו, ווייל איך קאָן נישט רעדן!

— נאָר נאָך איין זאַך זאָגט אונז. איז הער סאַפּיעהאַ פולשטענדיק צעקלאַפּט?

— ווער צעקלאַפּט, וואָס צעקלאַפּט? ער יאָגט אַפילו נאָך דער קיניג, אָבער הער סאַפּיעהאַ וועט שוין דאָרט קיינעם נישט אָניאָגן!

— ער טויג אַזוי צום יאָגן, ווי אַ דייטש צום פאַסטן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— געלויבט איז גאָט כאָטש דערפאַר, וואָס דאָס חייל איז גאַנץ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן.

— ס׳האָבן זיך באַנאַרישט די ליטווינער! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — האַ! פאַרפאַלן! מיר מוזן ווידער בשותפות אַ לאָך אין דער רעפּובליק פאַרשטופּן!

— איר זאָלט אויף דער ליטווישער אַרמיי קיין לשון־הרע נישט רעדן — האָט כאַרלאמפּ געענטפערט — קאַרל איז אַ גרויסער מלחמה־מאַן און ס׳איז נישט פון די לייכטע זאַכן ביי אים צו געווינען. און איר, קרוין־פּאָליאַקן, האָט זיך דען נישט באַנאַרישט ביי אוישטשע, און ביי וואָלבאָזש, און ביי סולעיווו און אין צען אַנדערע ערטער. הער טשאַרניעצקי אַליין האָט ביי גאָלאָמב פאַרשפּילט! פאַרוואָס האָט אויך הער סאַפּיעהאַ נישט געזאָלט פאַרשפּילן, בפרט, אַז איר האָט אים, ווי אַ יתום, איבערגעלאָזט אַליין?

— און וואָס זענען מיר דאָס טאַנצן געגאַנגען קיין וואַרקע?

— האָט זאַגלאָבאַ מיט רוגזה געזאָגט.

— כ׳ווייס, אַז נישט טאַנצן, נאָר שלאָגן זיך און גאָט האָט אייך מזכה געווען מיט אַ נצחון. אָבער ווער ווייסט, צי עס וואָלט נישט בעסער געווען נישט צו גיין, ווייל ביי אונז זאָגט מען, אַז די חיילות פון ביידער פעלקער, קאָן נאָר יעדעס באַזונדער צעקלאַפּט ווערן, אָבער אינאיינעם וועט אַפילו אַ טייוולאָנישע אַרמיי זיי נישט קאָנען בייקומען.

— דאָס קאָן זיין — האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן — אָבער דאָס, וואָס די פירער האָבן אָפּגעמאַכט, איז נישט אונזער זאַך אין דעם זיך צו גריבלען. ס׳איז אויך נישט מעגלעך, אַז איר זאָלט גאָרנישט שולדיק זיין!

— סאַפּיעהאַ האָט דאָרט געמוזט עפּעס אַ נאַרישקייט אָפּטאָן, איך קען אים שוין! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— דאָס קאָן איך נישט פאַרלייקענען! — האָט כאַרלאַמפּ אונטער דער נאָז אַ ברום ־ געטאָן.

דאָ זענען זיי אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אומעטיק אָנגעקוקט, ווייל ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז די הצלחה הויבט זיך שוין ווידער אָן אָפּצוקערן פון דער רעפּובליק, אין ערשט גאָרנישט לאַנג זענען זיי דאָך געווען אַזוי פול מיט בטחון און האָפענונג.

אין ־ דעם האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט:

— דער הער קאַשטעלאַן קערט זיך אום!

און ער איז אַרויס פון שטוב.

דער קאַשטעלאַן איז באמת צוריקגעקומען; וואָלאָדיאָווסקי איז אים אַקעגנגעלאָפן און פון דער ווייטנס געגומען רופן:

— גנעדיקער הער קאַשטעלאַן! דער שוועדישער קיניג האָט די ליטווישע אַרמיי מבזה געווען און זיך אַרויסגעדרייט פון דער קלעם. פאַראַן דאָ אַן אָפיציר מיט בריוו פון ווילנער וואָיעוואָדע.

— גיב אים דאָ אַהער! — האָט טשאַרניעצקי אַ געשריי געטאָן — ווו איז ער?

— ביי מיר. כ׳וועל אים תיכף צושטעלן.

אָבער הער טשאַרניעצקי האָט זיך די ידיעה אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן, נאָר ער איז תיכף אַראָפּגעשפרונגען און אַריין אין וואָלאָדיאָווסקיס קוואַרטיר.

אַלע האָבן זיך פון די בענק אויפגעכאַפּט, אַז זיי האָבן אים געזען אַריינקומען, און ער האָט קוים באַוויזן מיטן קאָפּ זיך צו פאַרנייגן, ווי ער האָט שוין געזאָגט:

— כ׳בעט די בריוו!

כאַרלאַמפּ האָט אים דערלאַנגט אַ פאַרחתמעטן בריוו. דער קאַשטעלאַן איז מיט אים צום פענסטער צוגעגאַנגען, ווייל אין דער כאַלופּע איז געווען טונקל, און ער האָט אים גענומען לייענען מיט געקנייטשטע ברעמען און מיט אַ פאַרדאגהטן פּנים. פון צייט צו צייט האָט אַ כעס אַ בליץ ־ געטאָן אין זיינע אויגן.

— דער קאַשטעלאַן איז מלא ־ חמה — האָט זאַגלאָבאַ געשעפּטשעט צו סקשעטוסקין — קוק, ווי די פּאָקן ־ גריבעלעך

זענען אים רויט געוואָרן; באַלד וועט ער אויך נעמען שטאַמ־לען, וואָס ער טוט שטענדיק, ווען די רציחה כאַפּט אים אָן.

אין ־ דעם האָט הער טשאַרניעצקי געענדיקט לייענען, א ווײַ־לע האָט ער מיט דער גאַנצער פויסט די באָרד געדרייט און גע־קלערט, צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ קלינגענדיקער און אומדייטלעכער שטים:

— קומט נאָר אַ הער נענטער, חבר!

— גרייט צו דינען אייך, הויכווירדיקער הער!

— זאָגט דעם אמת — האָט דער קאַשטעלאַן שאַרף געזאָגט — ווײַל דער דאָזיקער באַריכט איז אַזוי קונציק צונויפגעשטעלט אַז איך קאָן קיין טאָלק נישט דערגיין... נאָר... זאָגט דעם אמת.. אָן שום פאַרהוילעניש: דאָס חייל איז צעשפּרייט?

— לגמרי נישט צעשפּרייט, גנעדיקער הער קאַשטעלאַן.

— און וויפיל צייט האָט איר נויטיק, אַז איר זאָלט זיך ווי־דער צונויפנעמען?

דאָ האָט זאַגלאָבאַ אַ שעפּטשע ־ געטאָן צו סקשעטוסקין:

— ער וויל משמעות אויף אַ כיטרע אופן דעם אמת פון אים אַרויסבאַקומען.

אָבער כאַרלאַמפּ האָט געענטפערט אָן קווענקלעניש:

— קוים איז די אַרמיי נישט צעשפּרייט, דאַרף זי זיך נישט צונויפנעמען. אמת, אַז אַ פינף הונדערט לאַנד ־ שטורמער האָבן צום חשבון צוגעפעלט, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן און זיי זענען אויך צווישן די געפאַלענע נישט געווען, אָבער דאָס איז אַ געוויינ־לעכע זאַך און די גאַנצקייט פון דער אַרמיי וועט פון דעם נישט ליידן, און אַפילו געיאָגט זיך נאָכן קיניג האָט אויך דער הער העטמאַן אין אַ גוטער אָרדנונג.

— האַרמאַטן, זאָגט איר, האָט איר גאָרנישט פאַרלוירן?

— מיר האָבן יאָ פאַרלוירן פיר האַרמאַטן, וועלכע די שוועדן האָבן נישט געקאָנט מיטנעמען און דערפאַר זיי מיט נעגל צוגעקלאַפּט.

— כ'זע, אַז איר זאָגט דעם אמת; דערציילט ־ זשע, ווי אַזוי אַלץ איז צוגעגאַנגען?

— כ׳הויב ־ אָן! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — אַז מיר זענען געבליבן אַליין, האָט דער שונא באַמערקט, אַז די חיילות פון יענער זייט ווייסל זענען נישטאָ, און אַז אויף זייער אָרט זענען פאַרבליבן בלויז פּאַרטיעס און נישט דיסציפּלינירטע מחנות. מיר האָבן געמיינט, און בעסער געזאָגט, הער סאַפּיעהאַ האָט געמיינט, אַז זיי וועלן זיך וואַרפן אויף יענע און זיי צוגעשיקט אַ ביסל פאַרשטאַרקונגען, נישט זייער גרויסע, כדי זיך אַליין נישט אָפּצושוואַכן. דערווייל האָט זיך ביי די שוועדן אָנגעהויבן אַ פאָרעניש און אַ טומל, ווי אין אַ בין־שטאָק. פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אין מאַסן גענומען פאַרזאַמלען ביים סאַן. מיר זענען געווען אין וואָיעוואָדעס קוואַרטיר. עס קומט אָן דער זעלבער הער קמיטשיץ, וועלכער רופט זיך איצט באַביניטש, אַן אויסגעצייכנטער זעלנער, און גייט צו וויסן. און דער הער סאַפּיעהאַ האָט זיך אָקאָרשט געזעצט, צום באַל צו וועלכן עס זענען אָנגעקומען אַ סך שלאַכטשאַנקעס אַזש פון הינטער קראַשניק און יאַנאָוו... מחמת דער הער וואָיעוואָדע האָט ליב דעם ווייבערישן מין...

— און האָט ליב בעלער! — האָט טשאַרניעצקי איבערגעהאַקט.

— אַז איך בין נישטאָ ביי אים, איז נישטאָ ווער עס זאָל אים שכל לערנען! — האָט זאַגלאָבאַ איבערגעריסן.

דערויף האָט הער טשאַרניעצקי געענטפערט.

— איר וועט אפשר גיכער זיין ביי אים, ווי איר מיינט, וועט איר זיך אייבער דעם אַנדערן נעמען שכל לערנען!

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו כאַרלאַמפּן:

— רעדט ווייטער.

— באַביניטש גייט, הייסט עס, צו וויסן, און דער וואָיעוואָדע ענטפערט דערויף: „זיי מאַכן נאָר אַן אָנשטעל, אַז זיי ווילן אָנגרייפן! זיי וועלן גאָרנישט אונטערנעמען! גיכער (זאָגט ער) וועלן זיי דורך דער ווייסל זיך וועלן אַריבערקלייבן, אָבער איך האָב אויף זיי אַן אויג און איך וועל דעמאָלט אַליין אויף זיי זיך וואַרפן. דערווייל (זאָגט ער) לאָמיר זיך נישט פאַרשטערן די שמחה, כדי עס זאָל אונז גוט און וואויל זיין!״ מיר נעמען, הייסט עס, עסן

און טרינקען. און אויך די קאַפּעלע נעמט שפּילן. דער וואָיעוואָדע אַליין פאַרבעט צום טאַנץ...

— כ'וועל אים געבן טענץ! — האָט זאַגלאָבאַ איבערגעריסן.

— שווייג שטיל! — האָט טשאַרניעצקי אויסגערופן.

— אין - דעם קומט מען ווידער צולויפן פון ברעג, אַז דער ליאַרם איז זייער גרויס. אָבער גאָרנישט! דער וואָיעוואָדע שרייט דעם פּאַזש אין אויער אַריין: „וועסט מיר דאָ קריכן!" מיר האָבן געטאַנצט ביז פאַרטאָגס, געשלאָפן ביז מיטאָג. מיטאָג - צייט גיבן מיר אַ קוק, עס שטייען שוין גרויסע פאַרשאַנצונגען, און אויף זיי שווערע האַרמאַטן. זיי שיסן שוין פון צייט צו צייט, און יעדע קויל, וואָס פאַלט, ווי אַן עמער די גרויס! איין קויל אַזא איז בכוח אַן אויג צו פאַרפרישן!

— וויצלט זיך נישט — האָט טשאַרניעצקי איבערגעהאַקט — ווייל איר זענט נישט ביים העטמאַן!

כאַרלאַמפּ איז שטאַרק מבולבל געוואָרן און האָט ווייטער אַזוי געזאָגט:

— מיטאָג - צייט איז דער וואָיעוואָדע אַליין אַרויסגעפאָרן, און די שוועדן האָבן אונטערן שוץ פון יענע פאַרשאַנצונגען גענומען אַ בריק שטעלן. זיי האָבן געאַרבעט ביזן אָוונט, צו אונזער גרויסער פאַרוווּנדערונג, ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז אויפבויען וועלן זיי זי טאַקע, אָבער אַריבערגיין איבער איר וועלן זיי נישט קאָנען. אויפן צווייטן טאָג — זיי בויען נאָך. דער וואָיעוואָדע האָט גענומען דאָס חייל אויסשטעלן, ווייל ער האָט אַליין שוין געמיינט, אַז עס וועט זיין אַ שלאַכט.

— דערווייל איז די בריק נאָר געווען למראית - עין, און אַריבערגעגאַנגען זענען זיי נידריקער דורך אַן אַנדערער בריק, זיי זענען אייך פון אַ זייט אַנטקומען? — האָט טשאַרניעצקי איבער־געריסן.

כאַרלאַמפּ האָט די אויגן אויסגעגלאָצט, דאָס מויל אויפ־געמאַכט, אַ ווײַלע אַ פאַרחידושטער געשוויגן, צום סוף האָט ער געזאָגט

— האָט איר, הויך־ווירדיקער הער, שוין געהאַט אַ באַריכט?

— נישט שייך צו זאָגן! — האָט זאַגלאָבאַ אַ שעפּטשע געטאָן — וואָס שייך תכסיסי־מלחמה, וועט אונזער זיידע זיך אויפן ווינק אָנשטויסן, ווי ער וואָלט אַליין דערבײַ געווען.

— רעדט ווייטער! — האָט טשאַרניעצקי געזאָגט.

— ס'איז געקומען דער אָוונט. די חיילות זענען געשטאַנען גרייט, אָבער ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שטערן איז ווידער געווען אַ באַל. דערווײַל זענען די שוועדן אין דער פרי איבערגעגאַנגען דורך יענער צווייטער בריק, וועלכע זיי האָבן נידריקער אויסגעבויט און האָבן זיך תיכף גענומען וואַרפן אויף אונזערע. ביים עק איז געשטאַנען דער פּאָלק פון הער קאָשיץ, אַ ווילן זעלנער. ער האָט זיך צו זיי אַ לאָז־געטאָן! עס זענען אים געלאָפן צו הילף די לאַנד־שטורמער, וועלכע זענען געווען צום נאָענטסטן, אָבער אַז מ'האָט אויף זיי אַ שפּײַ־געטאָן פון די האַרמאַטן — האָבן זיי געמאַכט פּליטה! און הער קאָשיץ איז געפאַלן און זײַנע מענטשן זענען מוראדיק צעפליקט געוואָרן. די לאַנד־שטורמער, אַז זיי זענען חמרימווייז אין לאַגער אַרײַנגעפאַלן, האָבן זיי אַלעמען צעטומלט. וויפיל גרייטע פּאָלקן עס זענען געווען, זענען זיי אַלע געגאַנגען, אָבער מיר האָבן גאָרנישט אויפגעטאָן, מיר האָבן נאָך די האַרמאַטן פאַרלוירן. ווען עס וואָלטן ביים קיניג געווען מער האַרמאַטן און פוס־גייער, וואָלט די מפּלה געווען אַ מיאוסע, אָבער צום גליק איז אַ גרויסער טייל פון די פוס־גייער־רעגימענטן צוזאַמען מיט די האַרמאַטן ביינאַכט אויף שיפלעך אָפּגעשוואומען, ווען וואָס עס האָט אויך קיינער ביי אונז נישט געוווסט.

— סאַפּיעהאַ האָט זיך באַנאַרישט! כ'האָב לכתחילה געוווסט! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

— מיר האָבן איבערגעכאַפּט די קיניגלעכע קאָרעספּאָנדענץ — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — וועלכע די שוועדן האָבן פאַרלוירן. די זעלנער האָבן אין איר געלייענט, אַז דער קיניג זאָל גיין קיין פּרייסן, כדי מיט די קורפירשטלעכע חיילות צוריקצוקערן, ווייל,

שרייבט ער, בלויז מיט די שוועדישע כוחות וועט ער זיך קיין עצה נישט געבן.

— כ'ווייס דאָס — האָט טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן — הער סאַפּיעהאַ האָט מיר דעם דאָזיקן בריוו צוגעשיקט.

דערנאָך האָט ער שטיל אַ מורמל־געטאָן, ווי צו זיך אַליין, זאָגנדיק:

— אויך מיר וועלן אים דאַרפן קיין פּרייסן נאָכגיין.

— כ'זאָג עס שוין לאַנג! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

הער טשאַרניעצקי האָט אַ ווײַלע אויף אים געקוקט פאַר־קלערטערהייט.

— אַן אומגליק! — האָט ער הויך געזאָגט — ווייל ווען איך וואָלט צו דער צייט קיין סאַנדאָמיעזש אָנגעקומען, וואָלטן מיר צוזאַמען מיטן העטמאַן קיין שריד־ופליט פון זיי נישט איבער־געלאָזט... האַ! פאַרפאַלן! די מלחמה וועט זיך פאַרציען, אָבער די שונאים איז דאָך דער טויט אָנגעצייכנט!

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין!.. — האָבן די ריטער ווי איין מאַן אויסגערופן.

און אַ גרויסער מוט האָט אָנגעפילט זייערע הערצער, הגם זיי זענען ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק פול געווען מיט ספקות.

אין־דעם האָט הער זאַגלאָבאַ עפּעס אייגגערוימט דעם פאַקטער פון וואָנסאָש אין אויער אַריין, און יענער איז גלייך גע־וואָרן אין דער טיר און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פלאַש. זעענדיק דאָס, האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אַראָפּגעבויגן צו דער קני פון קאַשטעלאַן.

— אַ גרויסע זכיה וואָלט דאָס געווען פאַר אַ פּראָסטן זעל־נער... — האָט ער אָנגעהויבן.

— כ'וועל מיט אייך גערן טרינקען — האָט טשאַרניעצקי געזאָגט — און איר ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל אונז וועט אויסקומען זיך צו שיידן.

— וואָס הייסט? — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ פאַרחידושטער אויסגערופן.

— עס שרייבט דער הער סאַפּיעהאַ, אַז דער לאודער פאָלק געהערט צו דער ליטווישער אַרמיי און אַז ער האָט אים נאָר אויף צו באַגלייטן דעם קיניג צוגעשיקט. און איצט וועט ער אים אַליין ברויכן, בפרט די אָפיצירן, ווייל זיי פאַלן אים שטאַרק. מיין וואָלאָדיאָווסקי, דו ווייסט, ווי איך האָב דיך ליב און ס'וועט מיר שווער זיין זיך מיט דיר צו שיידן, אָבער דאָ איז פאַר דיר פאַראַן אַ באַפעל. דער הער סאַפּיעהאַ האָט אַלס פיינער מאַן אים טאַקע אָנפאַרטרויט מיר און איבערגעשיקט אין מיינע הענט. כ'וואָלט געקאָנט אים דיר נישט ווייזן... יאָ, יאָ, דאָס איז מיר פונקט אַזוי ביחא, ווי דער העטמאַן וואָלט מיר די בעסטע שווערד צעבראָכן... אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אים מיר אָנפאַרטרויט, גיב איך דיר דעם באַפעל איבער — אָט האָסטו אים!.. און טו, וואָס דו דאַרפסט. פאַר דיין געזונט, זעלנערל!

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צום קאַשטעלאַנס קני, אָבער ער איז געווען אַזוי באַטריבט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן, און ווען דער קאַשטעלאַן האָט אים אין זיינע אָרעמס גענומען, האָבן די טרערן זיך אים גענומען גיסן אויף די געלע וואָנסעלעך.

— בעסער וואָלט איך געפאַלן! — האָט ער יאָמערלעך אויסגערופן — אונטער אייער קאָמאַנדע, טייערער פירער, בין איך געווינט געוואָרן באָכןשונאזיךצו יאָגן, און אַזוי ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין...

— הער מיכאל, קוקט נישט אויפן באַפעל! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געריירטער זיך אָנגערופן — כ'וועל אַליין סאַפּיעהאַן אָפּשרייבן און אים נאָך אַן אָרנטלעכן פּסק געבן!

אָבער הער מיכאל איז קודם - כּל געווען אַ זעלנער, ער האָט זיך דעריבער נאָך אָנגעבייזערט:

— און אין אייך שטעקט נאָך אַלץ דער אַלטער פּרייווי־ליקער!... איר וואָלט בעסער געשוויגן, אויב איר פאַרשטייט נישט די זאַך. דינסט!!

— אָט וואָס! — האָט טשאַרניעצקי געזאָגט.

---

11. קאַפּיטל.

אַז הער זאַגלאָבאַ האָט זיך געשטעלט פאַרן העטמאַן, האָט ער נישט געענטפערט אויף זיין פריידיקער באַגריסונג, אדרבא, ער האָט די הענט אויף הינטן פאַרלייגט, די ליפּ אַרויסגערוקט און גענומען אויף אים קוקן, ווי אַ גערעכטער, אָבער שטרענגער שופט. דער העטמאַן ווידער האָט זיך נאָך מער דערפרייט, זעענדיק די דאָזיקע מינע, ווייל ער האָט זיך שוין גערוכט אויף עפּעס אַ שפּאַס און באַלד געזאָגט:

— וואָס מאַכט איר, אַלטער קונדס? וואָס דרייט איר עפּעס אַזוי מיט דער נאָז, ווי איר וואָלט עפּעס אַן אומבאַטעמטן ריח דערשנאָפּט!

— אין סאַפּיעהאַס גאַנצער אַרמיי שפּירט מען אַ זויערן טעם

— פאַרוואָס עפּעס אַ זויערן, זאָגט מיר?

— ווייל די שוועדן האָבן הייפּטלעך קרויט אָנגעשאַטקעוועט!

— האָט איר אים! ער האָט אונז שוין מיט אַ שטעך-ווערטל מכבד געווען! אַ שאָד, וואָס מ'האָט אייך נישט צעהאַקט!

— ווייל כ'האָב געדינט ביי אַזאַ פירער, ביי וועלכן מיר האָבן געהאַקט, און נישט מ'האָט אונז געהאַקט.

— גייט צום טייוול! הלואי וואָלט מען אייך כאָטש די צונג אָפּגעשניטן!

— וואָלט איך נישט געהאַט מיט וואָס סאַפּיעהאַס נצחון אויסצופּויקן!

דאָ איז דער העטמאַן געוואָרן אומעטיק און געזאָגט.

— הער ברודער, לאָזט מיך אָפּ! פאַראַן גענוג אַ עלכע, וואָס נישט געדענקענדיק מיינע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד, האָבן זיי מיך באַליידיקט און איך ווייס, אַז נאָך אַ סך וועלן קעגן מיין פּערזאָן אַ טומל אויפהויבן, אָבער ווען נישט יענץ לאַנד - שטורעם-געזינדל, וואָלט דאָך די זאַך גאַנץ אַנדערש געקאָנט אויסזען. מ'זאָגט, אַז איך האָב צוליב ביינאַכטיקע הוליעניש דעם שונא פאַרנאַכלעסיקט, אָבער דעם דאָזיקן שונא האָט זיך דאָך די גאַנצע רעפּובליק נישט געקאָנט אַקעגנשטעלן!

הער זאַגלאָבאַ האָבן אַביסל גערירט דעם העטמאַנס ווער-טער און ער האָט געענטפערט.

— אַזוי איז מען זיך שוין ביי אונז נוהג, אַז מען לייגט תמיד אַרויף די שולד אויפן פירער. נישט איך וועל ביינאַכטיקע הוליעניש נעמען פאַר אומגוט, ווייל וואָס לענגער דער טאָג, אַלץ נויטיקער איז דאָס הוליען ביי נאַכט. הער טשאַניעצקי איז אַ גרויסער מלחמה מאַן, ער האָט אָבער, לויט מיין מיינונג, דעם חסרון, וואָס ער גיט דעם חייל אויף אָנבייסן, אויף מיטאָג און אויף נאַכט - עסן בלויז שווערדן - פליש. ער איז אַ בעסערער פירער, ווי אַ קאָכער, אָבער ער טוט נישט גוט, ווייל פון אַזעלכע קעסט קאָן די מלחמה גאָר גיך די בעסטע ריטער נמאס ווערן.

— איז הער טשאַרניעצקי זייער שטאַרק אויף מיר אין כעס געוואָרן?

— ע'י, נישט ז'ער שטאַרק! תחילת איז ער געוועזן זייער ווערגעבראַכט, אָבער ווען ער האָט זי דערוווּסט, אַז דאָס חייל איז נישט צעקלאַפּט, האָט ער באַלד געזאָגט: „אַז גאָט וויל נישט, העלפט נישט קיין בריהשקייט! שאַדט נישט (זאָגט ער) ס'קאָן יעדן

זיך טרעפן צו פארשפילן; ווען מיר וואָלטן (זאָגט ער) געהאַט בלויז סאָפיעהאַס אין פּאָטערלאַנד, וואָלט דאָס געווען אַ לאַנד פון אַריסטידעסעס."

— פאַרן הער טשאַרניעצקי וואָלט איך זיך מוסר־נפש געווען! — האָט דער העטמאַן געענטפערט — יעדער אַנדערער וואָלט מיך דערנידריקט, כּדי זיך און דעם אייגענעם נאָמען צו דער־הויבן, בפרט נאָך אַ פרישן נצחון, אָבער ער איז נישט פון די דאָזיקע מענטשן.

— איך וועל אויך קעגן אים גאָרנישט זאָגן, אַחוץ דאָס, וואָס איך בין צו אַלט פאַר אַזאַ דינסט, וואָס ער פאָדערט פון זעלנער, און בפרט פאַר יענע בעדער, מיט וועלכע ער איז דאָס חייל מזכּה.

— זענט איר, הייסט עס, צופרידן, וואָס איר זענט צו מיר צוריקגעקומען?

— אי צופרידן און אי נישט צופרידן, ווייל וועגן הוליע־ניש האָב איך שוין אַ שעה צייט, אָבער איך זע עס עפּעס נישט

— באַלד וועלן מיר זיך זעצן צום טיש. און וואָס וועט הער טשאַרניעצקי איצט אונטערנעמען?

— ער גייט קיין גרויספוילן, כּדי די דאָרטיקע אומגליקלעכע אַרויסצוהעלפן, און פון דאָרט וועט ער זיך אַרויסלאָזן אַקעגן שטיינבאָקן און קיין פרייסן, ריכטנדיק זיך צו באַקומען פון דאַנ־ציק האַרמאַטן און פוס־גייער.

— איידעלע בירגער זענען די דאַנציקער. דער גאַנצער רעפּובליק דינען זיי פאַר אַ ביישפּיל. וועלן מיר זיך מיטן הער טשאַרניעצקי טרעפן ביי וואַרשע, ווייל איך וועל דאָרט אַהין מאַרשירן, פריער וועל איך נאָר אַביסל נעבן לובלין זיך אויפ־האַלטן.

— האָבן די שוועדן ווידער לובלין באַזעצט?

— אומגליקלעכע שטאָט! כ'ווייס שוין נישט וויפיל מאָל זי איז געווען אין שונאס הענט. פאַראַן דאָ אַ דעפּוטאַציע פון דער לובלינער שלאַכטע און זי וועט באַלד קומען מיט אַ בקשה, אַז איך זאָל זיי ראַטעווען, היות אָבער איך דאַרף בריוו צום קיניג און

צו די העטמאַנעס אַוועקשיקן, וועלן זיי נאָך מוזן אַביסל צו־וואַרטן.

— קיין לובלין וועל איך אויך גערן גיין, ווייל דאָרט איז פאַראַן אַ שפע פון יפת תוארדיקע מיידלעך. ווען איינע פון זיי צעשניידט אַ לאַבן ברויט און שפּאַרט זיך דערביי אָן אויף אים, ווערט אַפילו אויף דעם נישט שפּירעוודיקן לאַבן ברויט פון גרויס תנאה די הויט פאַררויטלט.

— אָ, טערק!

— איר, גנעדיקער הער, אַלס באַיאָרנטער מענטש, קאָנט דאָס נישט משיג זיין, אָבער איך פאַרמאָג נאָך הייס בלוט און מוז געניסן פון לעבן.

— איר זענט דאָך עלטער פון מיר!

— נאָר אין יאָרן, אָבער נישט אין נסיונות, און דאָס, וואָס איך האָב באַוויזן צו בלייבן ביזן היינטיקן טאָג יינג, האָט מיך דערמיט שוין נישט איינער מקנא געווען. דערלויבט מיר, גנעדיקער הער, אויפצונעמען די לובלינער דעפּוטאַציע, און איך וועל איר צוזאָגן, אַז מיר וועלן באַלד גיין צו הילף, זאָלן זיך די אָרעמע מאַנסבילן טרייסטן, איידער מיר וועלן די אָרעמע ווייבער טרייסטן.

— גוט — האָט דער העטמאַן געזאָגט — און איך וועל גיין די בריוו אַוועקשיקן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

באַלד דערויף האָט מען אַריינגעלאָזט די לובלינער דעפּו־טאַציע, וועלכע הער זאַגלאָבאַ האָט אויפגענומען מיט אַן אויסער־געוויינלעכער חשיבות און ווערדע, און הילף האָט ער צוגעזאָגט בתנאי, אַז זיי זאָלן די אַרמיי מיט פּראָוויאַנט, און דער עיקר מיט כלערליי משקאות פאַרזאָרגן. דערנאָך האָט ער זיי אין נאָמען פון וואָיעוואָדע פאַרבעטן אויף נאַכט ־ עסן. זיי זענען צופרידן געווען, ווייל דאָס חייל האָט נאָך די אייגענע נאַכט מאַרשירט קיין לוב־לין. דער העטמאַן אַליין האָט שטאַרק צוגעיאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט דורך עפּעס אַ נצחון דעם אנדענק פון דער סאַנדאָמיע־זשער חרפה פאַרווישן.

ס'האָט זיך בכן אָנגעהויבן אַ באַלאַגערונג, אָבער זי איז גענוג שלעפּנדיק צוגעגאַנגען. פאַר דער דאָזיקער גאַנצער צייט האָט קמיטשיץ זיך געלערנט ביים הער וואָלאָדיאָווסקי אַרבעטן מיט דער שווערד און געמאַכט אויסערגעוויינלעכע פאַרטשריט. וויסנדיק, אַז דאָס וועט אויסגיין צו באָגוסלאַווס קאָפּ, האָט הער מיכאַל קיין שום סודות פון זיין קונסט פאַר אים נישט פאַרהוילן. אָפט האָבן זיי געהאַט אויך אַ בעסערע פּראַקטיק; זיי זענען צוגעגאַנגען צום שלאָס אַרויסרופן די שווערדן אויף אַ האַנט-געפעכט און האָבן אַ סך פון זיי צעהאַקט. אינגיכן איז קמיטשיץ דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיט יאַן סקשעטוסקין געקאָנט זיך פאַרגלייכן, קיינער אָבער אין סאַפּיעהאַס גאַנצער אַרמיי האָט נישט געקאָנט זיך אים אַקעגנשטעלן. דעמאָלט האָט אַזאַ חשק צו פאַרמעסטן זיך מיט באָגוסלאַוון באַוועלטיקט זיין נשמה, אַז ער האָט קוים געקאָנט איינזיצן ביי לובלין, בפרט, אַז דער פרילינג האָט אים אומגעקערט די כוחות און דאָס געזונט. אַלע ווונדן האָבן זיך אים אויסגעהיילט, ער האָט אויפגעהערט צו שפּייען מיט בלוט, דאָס בלוט האָט זיך אין אים צעשפּילט, ווי אַמאָל, און אַ פייער האָט געשפּריצט פון זיינע אויגן. די לאָודער מענטשן האָבן תחילת קרום אויף אים געקוקט, זיי האָבן זיך אָבער נישט דערוועגט אים צו טשעפּען, ווייל וואָלאָדיאָווסקי האָט זיי געהאַלטן אין דער מורא, שפּעטער ווידער, אַז זיי האָבן געזען זיין אויפפירונג און מעשים, האָבן זיי מיט אים אינגאַנצן שלום געמאַכט און אַפילו זיין פאַרביסענער שונא, יוזוואַ בוטרים, פלעגט זאָגן:

— קמיטשיץ איז געשטאָרבן, עס לעבט באַביניטש, און דער מעג לעבן!

דער לובלינער גאַרניזאָן האָט זיך לסוף אונטערגעגעבן צו דער גרויסער שמחה פון חייל, דערויף האָט הער סאַפּיעהאַ געשיקט די פּאָלקן קיין וואַרשע. אויפן וועג האָט ער אָפּגענומען אַ ידיעה, אַז יאַן קאַזשימיעזש אַליין, צוזאַמען מיט די העטמאַנס און נייע חיילות וועט אים קומען צו הילף. עס זענען אָנגעקומען ידיעות אויך פון טשאַרניעצקין, וועלכער האָט אויך פון גרויספּוילן קיין וואַרשע געאיילט. די מלחמה, וואָס איז געווען צוואָרפן

איבערן גאַנצן לאַנד, האָט זיך קאָנצענטרירט ביי וואַרשע פונקט אַזוי, ווי כמאַרעס, צעוואָרפענע איבער דעם גאַנצן הימל, זאַמלען זיך און באַהעפטן זיך, כדי צו געבוירן אַ שטורעם, דונערס און בליצן.

הער סאַפּיעהאַ איז געגאַנגען דורך זשעלעכאָוו, גאַרוואָלין און מינסק צום שעדלעצער טראַקט, כדי אין מינסק מיטן לאַנד־שטורעם זיך צו פאַרייניקן. יאַן סקשעטוסקי האָט איבער דעם דאָזיקן געזינדל די קאָמאַנדע איבערגענומען, ווייל הגם ער האָט געוווינט אין דער לובלינער וואָיעוואָדזטווע איז ער אָבער מחמת דער נאָענטקייט צו דער גרענעץ פון פּאָלעסיע, געווען באַקאַנט דער גאַנצער שלאַכטע און שטאַרק דורך איר געאַכפּערט, ווי איינער פון די באַרימטסטע ריטער אין דער רעפּובליק. אינגיכן האָט ער טאַקע באַוויזן די דאָרטיקע, בטבע קריגערישע שלאַכטע צו פאַרוואַנדלען אין פּאָלקן, וואָס זענען אין קיין שום פּרט נישט אָפּגעשטאַנען פון רעגולערן חייל.

און דערווייל זענען זיי געגאַנגען פון מינסק קיין וואַרשע זייער אייליק, כדי אין איין טאָג אַרום צו שטיין ביי פּראַגע. דאָס וועטער איז פאַרן מאַרש געווען ווי געווונטשן. פון צייט צו צייט זענען געפאַלן מאַי־רעגנדלעך, וועלכע האָבן געקילט די ערד און פאַרטריבן דעם שטויב, אָבער בכלל איז די צייט געווען אַ פּרעכטיקע, נישט צו הייס, נישט צו קאַלט. דער בליק איז געלאָפן ווייט אין דער דורכזיכטיקער לופט. פון מינסק זענען די חיילות געגאַנגען אָן וועגנס און אָן האַרמאַט, וועלכע האָבן ערשט אויפן צווייטן טאָג געזאָלט זיי נאָכפאָרן; אין די פּאָלקן האָט געהערשט אַן אומגעוויינלעכע אויפגעהייטערטקייט; די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן טראַקט, האָבן געהילכט פון דעםווידערקול פון די זעלנערישע געזאַנגען, די פערד האָבן גענאָסן אויף אַ סימן־מזל. די פּאָלקן האָבן אין גוטער אָרדנונג געשטראָמט איינער נאָכן אַנדערן, ווי אַ טייך, אַ בלאַנקענדיקער און מעכטיקער, ווייל הער סאַפּיעהאַ האָט דאָך געפירט צוועלף טויזנט מאַן, אַ חוץ די לאַנד־שטורמער. אָנפירנדיק מיט די פּאָלקן, האָבן די ריטמייסטערס געבלענדט מיט די פּאָלירטע פּאַנצערס. די

רויטע פּאָנען האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ פון די ריטער, ווי די ריזיקע בלומען.

די זון האָט זיך גענייגט צום אונטערגאַנג, ווען דער ערשטער, פאָדערשטער לאַודער פּאָלק האָט דערזען די טורעמס פון דער הויפּט-שטאָט. אויפן דאָזיקן אָנבליק האָט אַ פרייד-אויסגעשריי זיך אַרויסגעריסן פון די זעלנערישע ברוסטן:

— וואַרשע! וואַרשע!

דאָס דאָזיקע אויסגעשריי איז ווי אַ דונער דורכגעפלויגן דורך אַלע פּאָלקן און אַ געוויסע צייט האָט מען אויף אַ מהלך פון אַ האַלבן מייל געהערט דאָס כסדר זיך איבערחזרנדיקע וואָרט: „וואַרשע! וואַרשע!"

אַ סך ריטער פון סאַפּיעהאַס אַרמיי זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער הויפּט שטאָט, אַ סך האָבן זי קיינמאָל נישט געזען, איר אָנבליק האָט דעריבער געמאַכט אויף זיי אַן אומגעווייגלעכן רושם. נישט ווילנדיק האָבן אַלע די פערד אייגגעהאַלטן; מאַנכע האָבן די היטלען אַראָפּגענומען, אַנדערע האָבן גענומען זיך צלמען, ביי מאַנכע האָבן טרערן פון די אויגן זיך געגאָסן און זיי זענען געשטאַנען גערירטע, שטילשווייגנדיקע. מיט אַ מאָל האָט הער סאַפּיעהאַ, אָנקומענדיק פון די לעצטע רייען, זיך באַוויזן אויפן ווייסן פערד און גענומען פליען אין דער לענג פון די פּאָלקן.

— גנעדיקע הערן! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ הויכער שטים — מיר זענען דאָ די ערשטע, אונז געהערט דאָס גליק! אונז געהערט די ערע!... מיר וועלן אַרויסטרייבן דעם שונא פון דער הויפּט-שטאָט!...

— מיר וועלן אַרויסטרייבן! האָבן צוועלף טויזנט ליטווישע ברוסטן אויסגעשריגן — מיר וועלן אַרויסטרייבן! מיר וועלן אַרויסטרייבן! מיר וועלן אַרויסטרייבן!

און ס'איז געוואָרן אַ רעש און אַ געפּילדער. אַ טייל האָט אַלץ געשריגן: „מיר וועלן אַרויסטרייבן!" — אַ צווייטער טייל האָט געמאַכט קולות: „שלאָגט, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן!" — אַנדערע: „האַקט זיי, די כלבים!" דאָס קלאַפּן מיט די שווערדן האָט זיך אויסגעמישט מיטן געשריי פון די ריטער. די אויגן האָבן

געגומען ווארפן בליצן, פון אונטער די שטרענגע וואָנסעס האָבן געגלאַנצט די ציין. סאָפּיעהאַ אַליין האָט געברענט ווי אַ פלאַקער. מיט אַ מאָל האָט ער דעם שטאַב אין דער הויך אויפגעהויבן און אויסגעשריגן:

— נאָך מיר!

נאָענט צו פּראַגע האָט דער וואָיעוואָדע די פּאָלקן איינגע־האַלטן און געהייסן פּאַמעלעך מאַרשירן. די הויפּט־שטאָט האָט זיך וואָס אַ מאָל דייטלעכער אַרויסגענומען פון דעם בלאָלעכן מרחק. די טורעמס האָבן זיך אין אַ לאַנגער ליניע געריסעוועט אין בלאָען חלל. די איינער אויפן אַנדערן ליגנדיקע דעכער פון דער אַלטשטאָט, געדעקט מיט רויטע דאַך־ציגל, האָבן געברענט אין בין־השמשות־שיין. קיינמאָל אין זייער לעבן האָבן די ליטווינער נישט געזען עפּעס הערלעכערס, ווי יענע ווייסע און הויכע מויערן, מיט אַסך שמאָלע פענסטער דורכגעשניטענע ווי די משופּעדיקע פעלזן שפּיצן איבערן וואַסער אַראָפּהענגענדיקע; די הייזער זענען ווי אַרויסגעוואָקסן איינער פון אַנדערן, הויך און נאָך העכער; און איבער יענער צוגויפגעפּרעסטער און צונויפגע־דריקטער מאַסע פון פּלויטן, ווענט, פענסטער, דעכער, האָבן צום הימל אַרויף גלייכע טורעמס געשפּאַרט. די פון די זעלנער וואָס זענען שוין געווען אין דער רעפּובליק, צי אויף וואַלן פון אַ קיניג, צי פּריוואַט, האָבן דערקלערט די אַנדערע וואָס יעדער בנין באַדייט און וואָס פאַר אַ נאָמען ער האָט געטראָגן. באַזונדערס האָט זאַגלאָבאַ, ווי אַ מענטש אַ באַהאַוונטער, געלערנט זיינע לאודער מענטשן, און זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, באַ־וווּנדערנדיק זיינע ווערטער און די שטאָט.

— גיט אַקוק אויף יענעם טורעם אין סאַמע מיטן פון וואַר־שע — האָט ער געזאָגט — דאָס איז דעם קיניגס פּאַלאַץ! ווען איך וואָלט אַזוי פיל יאָר געלעבט, וויפיל מיטאָגן איך האָב דאָרט ביים קיניגלעכן טיש געגעסן, וואָלט איך מתושלחן אין אַרבל פאַר־שטעקט! דער קיניג האָט אויך נישט געהאַט קיין נעענטערן מקורב פון מיר; כ׳האָב מיר געקאָנט קלויבן די סטאַראָסטוועס, ווי די ביס, און זיי צעטיילן אַזוי לייכט, ווי די נעגל. אַ סך מענטשן האָב

איך געהאָלפֿן עולה־לגדולה צו זיין, און אַז איך בין אַריינגעקומען, האָבן סענאַטאָרן ביז צום גאַרטל זיך פֿאַר מיר געבייגט, ווי די קאָזאַקן. דועלן האָב איך אויך פֿאַר די אויגן פֿון קיניג דורכגעמאַכט, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו זען מיך ביי דער אַרבעט, און דער מאַרשאַל האָט געמוזט די אויגן צומאַכן.

— אַ געוואַלדיקער בנין! האָט ראָך קאָוואַלסקי געזאָגט — און דאָס אַלץ האָבן די הינטישע נאמנות אין זייערע הענט!

— און מאַכן פֿון אַלץ אַ תּל־עולם! — האָט זאַגלאָבאַ צוגעגעבן — איך הער: אַפֿילו די זיילן פֿון די מויערן רייסן זיי אַרויס און פֿירן אַוועק קיין שוועדן, און די דאָזיקע זיילן זענען פֿון מערמלשטיין און אַנדערע טייערע שטיינער. כ'וועל נישט דערקענען די ליבע ווינקעלעך, און מיט רעכטס האַלטן פֿאַרשידענע שרייבער דעם דאָזיקן שלאָס פֿאַרן אַכטן וועלט־מופֿת, ווייל אַ חוץ דעם דאָזיקן שלאָס האָט נאָך דער פֿראַנצויזישער קיניג אַ שיינעם פּאַלאַץ, אָבער אַ כאַלופּע איז ער אין פֿערגלייך מיט דעם!

— און וואָס איז אָט יענער צווייטער דערנעבן רעכטס?

— דאָס איז די קירך פֿון הייליקן יאַן. פֿאַראַן אין שלאָס אַ קרייץ־גאַנג צו אים. אין דער דאָזיקער קירך האָב איך געהערט גאָטס שטים, ווייל ווען איך בין איינמאָל נאָך דער אָוונט־תּפֿילה איבערגעבליבן, הער איך אַ קול פֿון דער הויך: „זאַגלאָבאַ, ס'וועט זיין אַ מלחמה מיט דעם רשע, דעם שוועדישן קיניג און עס וועלן קומען גרויסע אומגליקן!" כ'בין גיך אַוועק צום קיניג און דער ציילט וואָס כ'האָב געהערט, אָבער דאָ האָט דער קסיאָנדז פּרימאַס מיטן שטאַב מיר אין קאַרק דערלאַנגט; „רעד נישט קיין שטותים ביזט געוועזן שיכּור!" האָבן זיי איצט. די דאָזיקע צווייטע קירך דאָרט באַלד דערנעבן, איז די יעזואיטן־שול; דער דריטער טורעם אַביסל ווייטער, איז די קוריע, יענער פֿירטער רעכטס, דאָס איז ז'עם מאַרשאַלס, און יענער גרינער דאַך, דאָס איז דער דאָמיניקאַנער־קלויסטער; אַלץ וועל איך נישט אויסרעכענען, ווען אַפֿילו איך וואָלט מיט דער צונג, ווי מיט דער שווערד געקאָנט דרייען!

— נאָך אַזאַ שטאָט מוז אַוודאי אויף דער וועלט נישט זיין! האָט איינער פֿון די זעלנער אויסגערופֿן.

— דערפֿאַר טאַקע זענען אונז אַלע אומות מיט איר מקנא.

— און יענער ווונדערלעכער בנין לינקס פֿון שלאָס?

— הינטער די בערנאַדינער?

— יאָ.

— דאָס איז דער פּאַלאַץ פֿון די ראַדזשעיאָווסקיס, אַמאָל געהערט צו די קאַזאַנאָווסקיס. מ'האַלט אים פֿאַרן ניינטן וועלט-מופת, אָבער עס הענגט אויף אים אַ קללה, ווייל אין די דאָזיקע מויערן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומגליק פֿון דער רעפּובליק.

— וואָס הייסט? — האָבן אַפּאָר שטימען געפֿרעגט.

— ווייל אַז דער הער וויצע-קאַנצלער ראַדזשעיאָווסקי האָט זיך גענומען קריגן און אַרומרייסן מיטן ווייב, האָט דער קיניג זי נאָר איר אָנגענומען, איר ווייסט דאָך, וואָס מענטשן האָבן ווע‏גן דעם געזאָגט, און דאָס איז זיכער, אַז אויך דער וויצע-קאַנצלער אַליין האָט געמיינט, אַז זיין ווייב איז פֿאַרליבט אין קיניג, און דער קיניג אין איר; דערנאָך איז ער צוליב קנאה-שנאה אַנטלאָפֿן צו די שוועדן און די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. דעם אמת געזאָגט, בין איך דעמאָלט אין דאָרף געזעסן און מיט וואָס די זאַך האָט זיך אויסגעלאָזט האָב איך נישט געזען, נאָר געהערט, אָבער דאָס ווייס איך, אַז זי האָט פֿריער געמאַכט חנדלעך נישט צום קיניג נאָר צו עמיצן אַנדערש.

— צו וועמען?

זאַגלאָבאַ האָט די וואָנסעס אַ דריי-געטאָן.

— צו דעם, צו וועלכן אַלע זענען, ווי די ווערעמלעך צו האָניג, געקראָכן, נאָר עס פּאַסט מיר נישט דעם נאָמען אָנצורופֿן, ווייל איך האָב תּמיד פֿיינט געהאַט זיך צו באַרימען... דערביי איז מען געוואָרן פֿאַרעלטערט, פֿאַרעלטערט, אָפּגעריבן, ווי אַ בעזעם, אויסקערנדיק די שונאים פֿון פֿאָטערלאַנד, אָבער אַמאָל איז קיין שענערער און עלעגאַנטערער פֿון מיר נישט געווען, זאָל ראָך קאָוואַלסקי עדות...

דאָ האָט זאַגלאָבאַ זיך געכאַפּט, אַז ראָך קאָן בשום אופֿן יענע צייטן נישט געדענקען, ער האָט דעריבער נאָר אַ מאַך-געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— איבעריקנס, וואָס ווייסט ער דאָרט!

דערנאָך האָט ער נאָך די חברים געוויזן דעם פּאַלאַץ פון די אָסאָלינסקיס און קאָניעצפּאָלסקיס, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס געווען ווי ראַדזשעיאָווסקיס, צום סוף דעם קיניגס פּרעכטיקע ווילע, אָבער דאָ איז די זון פאַרגאַנגען און די נאַכט - פינסטערניש האָט גענומען די לופט דורכזאַפּן.

אַ געקנאַל פון האַרמאַטן האָט זיך צעהילכט אויף די וואַר-שעווער מויערן און טרומייטן האָבן געשאַלט לאַנג און צעצויגן, צום צייכן, אַז דער שונא דערנענטערט זיך.

הער סאַפּיעהאַ האָט אויך אָנגעמעלדעט זיין אָנקומען דורך אַ שיסעריי פון ביקסן, כדי די איינוווינער מוט צוצוגעבן, דערנאָך האָט ער נאָך די זעלבע נאַכט גענומען דאָס מיליטער אויף יענע זייט ווייסל אַריבערשיקן. דער ערשטער איז אַריבער דער לאודער פּאָלק, נאָך אים הער קאָטוויטשס פּאָלק, נאָך אים קמיטשיץ טאָ-טערס, דערנאָך וואַנקאָוויטשס פּאָלק, דערנאָך אַכט טויזנט מאַן. אויף אַזאַ אופן זענען די שוועדן, צוזאַמען מיטן אָנגעקליבענעם שלל, מיט אַ מאָל אַרומגערינגלט געוואָרן און ס'איז זיי אָפּגעשניטן געוואָרן יעדער צופיר, דעם הער סאַפּיעהאַ ווידער איז גאָרנישט מער איבערגעבליבן, ווי צו וואַרטן, ביז עס וועט פון איין זייט נישט אָנקומען הער טשאַרניעצקי, און פון דער אַנדערער זייט דער קי-ניג אינאיינעם מיט די קרוין - העטמאַנעס, און דערווייל אָפּצוהיטן אַז עס זאָלן זיך וועלכע עס איז פאַרשטאַרקונגען אין דער שטאָט נישט אַריינגנבענען.

די ערשטע ידיעות זענען אָנגעקומען פון הער טשאַרניעצ-קין, אָבער נישט זייער גוטע, ווייל ער האָט געטענהלט, אַז דאָס חייל און די פערד זענען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז אין דעם מאָנאַט קאָן ער אין דער באַלאַגערונג קיין שום אַנטייל נישט נעמען. זייט דער שלאַכט ביי וואַרקאַ איז ער טאָג נאָך טאָג געווען אין פייער, און זייט די ערשטע חדשים פון יאָר האָט ער מיט די שוועדן איין און צוואַנציק גרעסערע שלאַכטן געפירט, נישט רע-כענעדיק די קלענערע געראַנגלען און אָנפאַלן אויף קלענערע אָפּטיי-לונגען. קיין פוס - גייער האָט ער אין פאָמערן נישט באַקומען,

קיין דאַנציק אָנשפּאַרן האָט ער נישט געקאָנט; ער האָט העכסטנס צוגעזאָגט מיט דער רעשט כּוחות צו האַלטן אין שאַך יענע שוועדישע אַרמיי, וואָס איז געשטאַנען בּיי דער נאַרווע אונטער דער קאָמאַנדע פון ראַדזיווילן, פון קיניגס בּרודער און דוגלאַסן און געזוכט עצות ווי אַזוי די בּאַלאַגערטע צו הילף צו קומען.

און די שוועדן האָבּן זיך מכין געווען צו דער פאַרטיידיקונג מיט זייער געוויינלעכער בּריהשקייט און געשיקטקייט. נאָך פאַרן אָנקומען פון הער סאַפּיעהאַן האָט מען פאַרבּרענט פּראַגע, איצט האָבּן זיי גענומען וואַרפן גראַנאַטן אויף אַלע פאָרשטעט, ווי אויף קראָקעווער פאָרשטאָט, נייע וועלט, און פון דער צווייטער זייט אויף דער קירך פון הייליקן יעזשי און פון דער בּתולה מאַריאַ. עס האָבּן געבּרענט די הייזער, בּנינים און קירכעס. בּייטאָג האָבּן די רויכן זיך געקייקלט איבּער דער שטאָט ווי די געדיכטע און שוואַרצע כמאַרעס. בּיינאַכט זענען די דאָזיקע כמאַרעס געוואָרן רויט און סנאָפּעס פונקען האָבּן פון זיי צום הימל אַרויסגעזעצט. הינטער די מויערן האָבּן אַרומגעבּלאָנקעט מאַסן איינוווינער אָן אַ דאַך איבּערן קאָפּ, אָן בּרויט, ווייבּער האָבּן אַרומגערינגלט סאַפּיעהאַס לאַגער מיט אַ יאָמערלעכן רחמים־געבּעט; מ׳האָט געזען מענטשן, וואָס זענען פון הונגער איינגעטרוקנט געווען ווי די שטעקעלעך, מ׳האָט געזען קינדער, וואָס זענען אין די אָרעמס פון די איינגעדאַרטע מוטערס אויסגעגאַנגען מחמת זיי האָבּן נישט געהאַט וואָס צו זויגן; די גאַנצע געגנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָל פון טרערן און נויט.

נישט האָבּנדיק נישט קיין פּוס־גייער און נישט קיין האַרמאַטן, האָט הער סאַפּיעהאַ געוואַרט און געוואַרט אויפן אָנקומען פון קיניג, דערווייל איז ער, לויט יכולת נאָך, געקומען צו הילף די אומגליקלעכע, פאַנאַנדערשיקנדיק זיי אין פאַרטיען אין די ווייניקער חרוב־געמאַכטע געגנטן, וווּ זיי האָבּן ווי עס איז געקאָנט געפינען חיונה. עס האָט אים אויך נישט קיין קליינע דאגות פאַרשאַפט דאָס, וואָס ער האָט פאַרויסגעזען די שוועריקייטן פון דער בּאַלאַגערונג, ווייל די געלערנטע שוועדישע אינזשיניערן האָבּן פאַרוואַנדלט וואַרשע אין אַ מעכטיקער פעסטונג. הינטער די מויערן

זענען געזעסן דריי טויזנט אױסגעבילדעטע זעלנער, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך גענעראַלן מומחים און בעלי־נסיון, און בכלל האָבן די שוועדן געגאָלטן פאַר מייסטערס אין דער באַלאַגערונג און פאַרטיידיקונג פון כלערליי פעסטונגען. כּדי צו פאַרטרייבן די דאָזיקע דאגות האָט הער סאַפּיעהאַ יעדן טאָג זיך געפּראַוועט סעודות, בעת וועלכע מ'האָט אַסך געטרונקען, ווייל דער דאָזיקער איידעלער בירגער און אומגעוויינלעכער מלחמה־מאַן האָט געהאַט דעם חסרון, אַז אַ פריילעכע קאָמפּאַניע און אַ כּוסע האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלץ, און אָפט האָט ער צוליב תּענוגים אַפילו די דינסט פאַרנאַכלעסיקט.

דערפאַר אָבער האָט ער מיט זיין פּאָרזיכטיקייט בייטאָג פאַרגעלטיקט דאָס, וואָס ער האָט פאַרנאַכלעסיקט ביינאַכט. ביזן זון־אונטערגאַנג האָט ער טיכטיק געאַרבעט. אויף אויסשפּירונגען אַרויסגעשיקט. בריוו עקספּעדירט, אַליין די וואַכן קאָנטראָלירט, אַליין די געכאַפּטע געפאַנגענע פאַרהערט, דערפאַר אַז מיטן באַווייזן זיך פון ערשטן שטערן האָבן אָפט אויך די פידלען זיך אָנגערופן אין זיין קוואַרטיר. און קוים האָט ער זיך געלאָזט ווילגיין, האָט ער שוין אַלץ מתּיר געווען, האָט אַליין אַפילו געשיקט נאָך אָפיצירן, וואָס האָבן געהיטן די וואַך, אָדער זענען געווען באַשטימט אויף אויסשפּירונגען און האָט געהאַט פּאַראיבל, אויב עמיצער האָט זיך נישט געשטעלט, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון סעודות אָן אַ גרויסן עולם. אין דער פרי פלעגט הער זאַגלאָבאַ אים אָפט דערפאַר זאָגן שטעכווערטלעך, אָבער אין די אָוונטן פלעגן די דינער אים אַליין אַ האַלב־טויטן אין וואָלאָדיאָווסקיס קוואַרטיר אַוועקטראָגן.

— סאַפּיעהאַ וואָלט אַפילו אַ צדיק צו זינד דערפירט — האָט ער צומאָרגנס פאַר די פריינט זיך פאַרענטפערט — אַ פּשיטא, שוין מיך, וואָס איך האָב תּמיד ליב געהאַט צו הוליען. ער האָט נאָך עפּעס אַ באַזונדערע שוואַכקייט די משקה מיר אַריינצונייטן, און היות איך וויל פאַר אַ פּרא־אדם נישט גילטן, גיב איך זיך אונטער, ווייל איך האָב תּמיד מקפּיד געווען דעם בעל־הבית נישט מבזה צו זיין. אָבער איך האָב שוין אַ נדר־געטאָן, אַז צום

קומענדיקן אַדווענט וועל איך הייסן זיך אַ היפּש ביסל שמיץ אַריינצימבלען, ווייל איך פֿאַרשטיי אַליין, אַז אויף עבירות מוז מען תשובה־טאָן, דערווייל אָבער מוז איך שוין מיט אים מיטהאַלטן, און דאָס, ווייל איך האָב מורא, אַז ער זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין אַן ערגערע חברותא און זיך ביז גאָר נישט פֿאַרהוליען.

געווען אַזעלכע אָפֿיצירן, וועלכע האָבן אויך אָן דעם העטמאַנס השגחה זייערע פֿליכטן דערפֿילט, מאַנכע אָבער האָבן אין די אָוונטן זיך איינגאַנצן אָפּגעלאָזט, ווי געוויינלעך זעלנער, וואָס פֿילן איבער זיך נישט קיין אייזערנע האַנט.

דער שונא האָט דאָס נישט פֿאַרזוימט אויסצונוצן.

איינמאָל, אַ פּאָר טעג פֿאַרן אָנקומען פֿון קיניג און פֿון די העטמאַנס, האָט סאַפּעהאַ איינגעאָרדנט אַ באַל. וואָס האָט מיט זיין הערלעכקייט אַריבערגעשטיגן אַלע פֿריערדיקע, וואָרום ער איז שוין געווען צופֿרידן, וואָס אַלע חיילות קומען זיך צונויף און די באַלאַגערונג וועט זיך אָנהייבן אויף גוט. אַלע חשובערע אָפֿיצירן זענען פֿאַרבעטן געוואָרן; דער העטמאַן, וועלכער האָט תמיד גע־זוכט אַ געלעגנהייט, האָט מוסר־מודעה געווען, אַז דער דאָזיקער באַל וועט פֿאָרקומען לכּבוד דעם קיניג. צו די הערן סקשעטוסקיס, קמיטשיץ, זאַגלאָבאַ, וואָלאָדיאָווסקי און כאַרלאַמפּ איז אַפֿילו געקו־מען אַ ספּעציעלער באַפֿעל, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט זיין, ווייל דער העטמאַן וויל פֿאַר די גרויסע פֿאַרדינסטן זיי אַ באַזונדערן כּבוד צוטיילן. הער אַנדזשעי האָט זיך שוין געזעצט אויפֿן פֿערד, כּדי מיט אַן אָפּטיילונג אַרויסצומאַרשירן, אַזוי, אַז דער דינסט־אָפֿי־ציר האָט זיינע טאָטערס שוין געטראָפֿן אויף יענער זייט טויער.

— איר קאָנט נישט, גנעדיקער הער, דעם העטמאַן אַזאַ עולה טאָן און מיט אומדאַנקבאַרקייט פֿאַר גוטהאַרציקייט באַצאָלן — האָט דער אָפֿיציר געזאָגט.

קמיטשיץ איז אַראָפּ פֿון פֿערד און אַוועק זיך באַראַטן מיט די חברים.

— איך בין אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט! — האָט ער גע־זאָגט — כ׳האָב געהערט, אַז ביי באַביצע האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ גרעסערע רייטער־אָפּטיילונג. דער העטמאַן אַליין האָט מיך גע־

הייסן פאָרן און אומבאַדינגט דערגיין, ווער די זעלנער זענען, און איצט פאַרבעט ער אויפן באַל? וואָס זאָל איך טאָן?

— דער העטמאַן שיקט צו אַ באַפעל, אַז אַקבאַ-אולאַן זאָל מיט דער אָפּטיילונג גיין — האָט דער דינסט-אָפיציר געענטפערט.

— אַ באַפעל איז אַ באַפעל! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — און אַ זעלנער מוז פאָלגן. איר דאַרפט זיך היטן קיין שלעכטן ביישפיל נישט צו געבן, אַחוץ דעם לוינט אייך נישט, אַז דער העטמאַן זאָל אויף אייך וואַרפן אַן אומחן.

— זאָגט, אַז איך וועל זיך צושטעלן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט צום דינסט-אָפיציר. דער אָפיציר איז אַרויסגעגאַנגען. נאָך אים זיינען די טאַטערס אונטער אַקבאַ-אולאַנס קאָמאַנדע אָפּגעפאָרן, און הער אַנדזשעי האָט גענומען זיך אַביסל אויספוצן, און בעתן אָנטאָן-זיך האָט ער אַזוי געזאָגט צו די חברים:

— היינט איז אַ באַל לכבוד דעם האַר קיניג; מאָרגן וועט זיין לכבוד די הערן קרוין-העטמאַנס און אַזוי אַזש ביז צום סוף פון דער באַלאַגערונג.

— זאָל נאָר דער קיניג אָנקומען, וועט צו דעם נעמען אַן עק — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — ווייל הגם אויך אונזער לייטזעליקער האַר האָט יעדעס עגמת-נפש ליב צו פאַרטרייבן מיט הוליענישן, וועט אָבער די דינסט מוזן טיכטיקער צוגיין, בפרט אַז יעדער, און דערונטער אויך הער סאַפיעהאַ, וועט זיך באַמיען זיין פלייסיקייט אַרויסצווייזן.

— ס'איז שוין צופיל, צופיל! נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — צי איז אייך נישט קיין חידוש דאָס, וואָס אַזאַ קלוגער און פלייסיקער פירער, אַזאַ ערלעכער מאַן, אַזאַ חשובער בירגער, איז געפּלאָגט מיט אַזאַ שוואַכקייט?

— קוים ווערט נאָר אָוונט, איז ער שוין אַן אַנדערער מענטש און פון אַ גרויס-העטמאַן ווערט ער מגולגל אין אַ הוליאַק.

— און ווייסט איר, פאַרוואָס די בעלער געפעלן מיר אַזוי נישט? — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — ווייל אויך יאַנוש ראַדזיוויל האָט געהאַט אַ רגילות צו פראַוון זיי יעדן אָוונט. שטעלט אייך פאָר, אַז עס האָט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע געמאַכט, אַז אויף יעדן

באַל, איז אָדער ס'האָט עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, אָדער ס'איז אַ שלעכטע בשורה אָנגעזאָגט געוואָרן, אָדער ס'איז דעם העטמאַנס אַ נייע בגידה אויפגעדעקט געוואָרן. כ'ווייס נישט, צי דאָס איז געווען אַ בלינדער טראַף, אָדער אַ גאָט-זאַך, געננוג, אַז אַלדאָס בייז האָט שטענדיק געטראָפן נאָר בעת אַ באַל. איך זאָג אייך, אַז לסוף איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווי נאָר מ'האָט די טישן געדעקט, איז אַזש אַ שוידער אונז אַריבער איבערן לייב.

— אמת, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — אָבער געווען איז דאָס אויך דערפאַר, ווייל דער פירשט העטמאַן פלעגט די דאָזיקע צייט אויסקלייבן אויף מפרסם צו מאַכן זיינע עסקים מיטן שונא פון פאָטערלאַנד.

— נו! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — מצד דעם ערלעכן סאַפּיעהאַ האָבן מיר ווייניקסטנס נישט וואָס מורא צו האָבן. אויב ער וועט אַמאָל אַ בגידה באַגיין, בין איך פונקט אַזוי פיל ווערט, וויפיל מיינע שטיוול.

— וועגן דעם קאָן אַפילו קיין רייד ניט זיין. דאָס איז אַ כשרע נשמה אָן דער מינדעסטער פגימה! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן.

— און וואָס ער פאַרנאַכלעסיקט ביינאַכט פאַרריכט ער ביי טאָג — האָט כאַרלאַמפּ צוגעגעבן.

— לאָמיר שוין גיין — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל דעם אמת געזאָגט שפּיר איך שוין אַ פּוסטקייט אין בויך.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, געזעצט זיך אויף די פערד און אָפּגעפאָרן, ווייל הער סאַפּיעהאַ איז געשטאַנען אין דער אַנדער זייט הינטער דער שטאָט און ס'איז געווען גענוג ווייט. אָנקומענדיק פאַרן העטמאַנס קוואַרטיר, האָבן זיי שוין געטראָפן אויפן הויף אַסך פערד און אַ מאַסע יינגלעך, וואָס האָבן זיי געהאַלטן. פאַר די דאָזיקע יינגלעך איז אויך געשטאַנען אַ פאַס ביר אויפן פלאַץ, זיי האָבן, ווי געווײינלעך, געטרונקען אָן אַ שיעור און זיך שוין גענומען אַרום זיך קריגן; זיי זענען אָבער אַנטשוויגן געוואָרן אויפן אָנבליק פון די אָנקומענדיקע ריטער, בפרט, אַז הער זאַגלאָבאַ האָט

גענומען מיט דער פלאַכער שווערד שלאָגן די, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג, שרייענדיק מיט אַ געזונטער שטים:

— צו די פערד, הולטאַיעס! צו די פערד! נישט אייך האָט מען דאָ אויפן באַל פאַרבעטן!

הער סאַפּיעהאַ, האָט ווי תמיד, די אָפּיצירן מיט אָפענע אָרעמס מקבל-פּנים געווען, און אַזוי ווי ער איז שוין געווען אַ ביסל בגילופינדיק, ווייל ער האָט שוין געהאַט געטרונקען צו די געסט, האָט ער באַלד גענומען דעם הער זאַגלאָבאַן נאָכשפּעטן.

— איך פאַרנייג זיך, הער וויצע-קאָמאַנדיר! — האָט ער צו אים געזאָגט.

— איך פאַרנייג זיך, שר - המשקים! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— אויב איר רופט מיך שר - המשקים, וועל איך אייך מכבד זיין מיט אַזאַ משקה, וואָס יערט נאָך!

— אַבי אַזעלכע, וואָס מאַכט פון אַ העטמאַן אַ זויפער!

הערנדיק דאָס האָבן מאַנכע פון די געסט זיך דערשראָקן, אָבער הער זאַגלאָבאַ, אַז ער האָט געזען דעם העטמאַן אין אַ גוטן הומאָר, האָט ער זיך אַלץ דערלויבט, און סאַפּיעהאַ האָט אים אַזוי נושא - פּנים געווען, אַז ער איז נישט בלויז נישט בייז געוואָרן, נאָר פאַר די זייטן זיך אָנגענומען, געמענדיק דערביי די בייגעוועזענע פאַר עדות, וואָס ער מוז אויסשטיין פון דעם דאָזיקן שלאַכטשיץ.

ס'האָט זיך בכן אָנגעהויבן אַ טומלדיקער און פריילעכער באַל. הער סאַפּיעהאַ אַליין האָט איין מאָל נאָכן אַנדערן געטרונקען צו די געסט, און כסדר געהויבן דעם כּוס לכּבוד דעם קיניג, די העקמאַנעס, די חיילות פון ביידע פעלקער, דעם הער טשאַרניעצקי און דער גאַנצער רעפּובליק. די פריילעכקייט איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט איר אויך דער טומל און גערויש. פון די טאָסטן איז מען אַריבער צו געזאַנג. די שטוב איז פול געוואָרן מיטן ריח פון שווייס און מיט די אויסהויכונגען פון די מעדן און ווייַנען. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ נישט קלענערער ליאַרם און אַפילו אַ געקלאַנג פון אייזן. דאָס האָבן די דינער זיך גענומען שלאָגן

מיט די שווערדן. אויפן הויף זענען ארויסגעלאָפן אַ פּאָר שלאַכט־שיצעס, כדי צו מאַכן אָרדנונג, דאָס געדודער איז אָבער געוואָרן דערפון נאָך גרעסער.

מיט אַמאָל האָט זיך אָבער דערהערט אַזאַ געשריי, אַז די געסט אין שטוב זענען אַזש שטיל געוואָרן.

— וואָס איז דאָס? — האָט איינער פון די פּאָלקאָווניקעס געפרעגט — די יינגלעך קאָנען נישט מאַכן אַזעלכע קולות!

— שווייגט נאָר שטיל, גנעדיקע הערן! — האָט דער באַאומרויקטער העטמאַן, איינהערנדיק זיך געזאָגט.

— דאָס זענען נישט קיין פּשוטע קולות!

מיט אַמאָל האָבן אַלע פענסטער אַ צי־טער געטאָן פון אַ הארמאַטן־געקנאַל און ביקסן־שיסעריי.

— אַן ארויספאַל! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ געשריי געטאָן— דער שונא אַטאַקירט!

— צו די פערד! צו די שווערדן!

אַלע האָבן זיך אַ ריס־געטאָן פון די ערטער. ביי די טירן איז געוואָרן אַ געשטופּ, דערנאָך איז די מאַסע אָפּיצירן ארויס אויפן פּלאַץ, רופנדיק די יינגלעך, אַז זיי זאָלן זיי דערלאַנגען די פערד.

אָבער אין מהומה איז נישט לייכט געווען יעדן צו געפינען דאָס זייניקע, דערווייל האָבן פון הינטערן פּלאַץ שרעקעוודיקע שטימען גענומען רופן אין דער פינסטער:

— דער שונא האָט אָנגעגריפן! הער קאָטוויטש איז אין פייער!

אַלע האָבן זיך אין גרעסטן אימפּעט אַ לאָז־געטאָן צו זייערע פּאָלקן, שפרינגענדיק איבער פּלויטן און ברעכנדיק דאָס געניק אין דער פינסטער. און דאָרט האָט אין גאַנצן לאַגער שוין געהערשט אַ בהלה. נישט אַלע פּאָלקן האָבן געהאַט די פערד אונטער דער האַנט און זיי האָבן די ערשטע דאָס צעמישעניש גורם געווען. די מאַסן פוס־גייענדיקע און רייטנדיקע זעלנער האָבן זיך געשטופּט און געדריקט, נישט קאָנענדיק זיך אויסשטעלן ווי געהעריק, נישט ווייסנדיק, ווער ס'איז אַן אייגענער און ווער ס'איז

דער שונא, שרייענדיק און פֿילדערנדיק אין דער פֿינסטערער נאַכט. באַנכע האָבן שוין גענומען רופֿן, אַז דאָס איז דער שוועדישער קיניג מיט דער גאַנצער אַרמיי באַפֿאַלן דעם לאַגער.

דערווייל האָבן די שוועדן טאַקע מיט אַ שטורמישן אימפּעט זיך געוואָרפֿן אויף קאָטוויטשעס מענטשן. צום גליק איז ער, זייענדיק אַ ביסל קראַנק, אַליין נישט געווען אויפֿן באַל און דעריבער האָט ער תּחילת ווי עס איז נאָך געקאָנט געבן אַ ווידערשטאַנד, אָבער נישט קיין לאַנגן, ווייל מען איז אים באַפֿאַלן מיט איבערוועגנדיקע כּוחות און פֿאַרשאָטן מיט אַ ביקסן-פֿייער, אַזוי, אַז ער האָט זיך געמוזט צוריקציען.

דער ערשטער איז אָסקערקאַ אים געקומען צו הילף מיט די דראַגונער. אויף דער שיסעריי האָט מען גענומען ענטפֿערן מיט אַ שיסעריי. אָבער אָסקערקאָס דראַגונער האָבן אויך דעם אָנדראַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן און כּהרף-עין, אויסבעטנדיק דאָס פֿעלד מיט הרוגים, האָבן זיי זיך גענומען וואָס אַמאָל אייליקער פֿון פֿעלד צוריקציען. צוויי מאָל האָט אָסקערקאַ געפּרוווט זיך שטעלן אין אַ שלאַכט-אָרדנונג און צוויי מאָל האָט מען אים צעקלאַפּט אַזוי, אַז זיינע זעלנער האָבן נאָר גרופּעסווייז זיך געקאָנט אָפּשיסן. לסוף האָבן זיי זיך אינגאַנצן צעשאָטן, און די שוועדן האָבן געשפּאַרט, ווי אַן אומאיינגעהאַלטענער שטראָם, צום העטמאַנס קוואַרטיר. אַלץ נייע פֿאָלקן זענען אַרויס פֿון שטאָט אין פֿעלד; מיט די פֿוס-גייער זענען געגאַנגען רייטער, מ׳האָט אַפֿילו פֿעלד-האַרמאַטן אַרויסגעשלעפּט. ס׳האָט שיר נישט געהאַלטן ביי אַ גענעראַל-שלאַכט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער שונא באַגערט זיך.

דערווייל האָט וואָלאָדיאָווסקי, נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון העטמאַנס קוואַרטיר, שוין אין מיטן וועג באַגעגנט זיין פֿאָלק, וואָס איז געגאַנגען אויפֿן אָפּקלאַנג פֿון אַלאַרם און דער שיסעריי, ווייל ער איז שטענדיק געווען גרייט. ס׳האָט אים איצט געפֿירט ראָך קאָוואַלסקי, וועלכער איז אויך, ווי הער קאָטוויטש, אויפֿן באַל נישט געווען, אָבער דערפֿאַר, ווייל מ׳האָט אים נישט פֿאַרבעטן. וואָלאָדיאָווסקי האָט געהייסן וואָס גיכער אַ פּאָר שאָפּעס

אָנצינדן, כּדי דאָס פעלד צו באַלייכטן, און ער איז געפֿלויגן צו דער שלאַכט. אויפֿן וועג איז צו אים צוגעשטאַנען קמיטשיץ מיט זיינע שרעקלעכע פּריוויליקע און מיט יענער העלפֿט טאָטערס, וואָס איז אויף דער אויסשפּירונג נישט אַוועק. ביידע זענען אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט, כּדי קאַטוויטשן און אָסטערקאַן פֿון אַ פֿולשטענדיקער מפּלה אָפּצוראַטעווען.

דערווייל האָבן די שאַפּעס זיך צעבּרענט אַזוי גוט, אַז ס'איז געווען ליכטיק, ווי בייטאָג. ביי דער דאָזיקער שיין האָבן די לאודער מיט דער הילף פֿון קמיטשיצן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פֿוס-גייער און אויסהאַלטנדיק דאָס פֿייער האָבן זיי גענומען זיך שלאָגן מיט זיי אויף שווערדן. די שוועדישע רייטער זענען די זייעריקע צו הילף געשפּרונגען און זיך מעכטיק מיט די לאודער צונויפֿגעקנוילט. אַ געוויסע צייט האָבן זיי זיך געראַנגלט פּונקט ווי די רינג-קעמפּער, וואָס אָנכאַפּנדיק זיך פֿאַר די אַקסלען, שטרענגען זיי אָן די לעצטע כּוחות און אַמאָל ליגט דער יענעם און אַמאָל יענער דעם; אָבער ביי די שווערדן האָבן גענומען פֿאַלן אַזוי פֿיל הרוגים, אַז לסוף האָבן זיי זיך גענומען צעטומלען. קמיטשיץ האָט אין געדיכטעניש זיך אימהדיק געוואָרפֿן מיט זיינע רוצחים, הער וואָלאָדיאָווסקי האָט, ווי תּמיד, פֿאַר זיך דעם שטח אָפּגערייניקט; נעבן אים האָבן בּולטיק געאַרבעט ד צוויי ריזיקע סקשעטוסקיס און כאַרלאַמפּ און ראָך קאָוואַלסקי; די לאודער האָבן געהאַקט, פֿלייסנדיק זיך איבערצויאָגן קמיטשיצס רוצחים, אַ טייל האָבן מוראדיק געשריגן און אַנדערע, ווי, למשל, די בּוטרימס, האָבן געקוילעט אין דער קופּע און שטילשווייגנדיק.

די דורכגעבראָכענע שווערדן האָבן ווידער נייע פֿאָלקן געאיילט צו הילף, און וואָלאָדיאָווסקין און קמיטשיצן האָט אונטערגעהאַלטן וואַנקאָוויטש, וועלכער האָט נעבן זיי געהאַט די קוואַרטיר און איז באַלד נאָך זיי געווען גרייט. לסוף האָט דער העטמאַן דאָס גאַנצע חייל צוגעשטעלט צו דער שלאַכט און גענומען אָרנטלעך שלאָגן. אַ העפֿטיקע שלאַכט האָט זיך צעפֿלאַקערט אויף דער גאַנצער ליניע פֿון מאָקאָטאָוו אַזש ביז צו דער ווייסל.

אין־דעם האָט אַקבאַ־אולאַן, וועלכער איז געפאָרן אויף דער אויסשפּירונג, אויף אַ פאַרשוימטן פערד זיך באַוויזן פאַרן העטמאַן.

— עפענדי! — האָט ער אויסגעשריגן — אַ מחנה רייטער גייט פון באַביצע צו דער שטאָט־צו און פירט וועגנס; זיי ווילן זיך דורך די מויערן דורכקריגן.

סאַפּיעהאַ האָט די אותו־רגע פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט יענער אַרויספאַל אין דער זייט פון מאַקאָטאָוו: דער שונא האָט געוואָלט אָפציִען דאָס חייל, וואָס איז געשטאַנען אויפן בלאָניער טראַקט, כדי יענע הילף־רייטער און די וועגנס מיט פּראָוויאַנט זאָלן זיך קאָנען אַריינקריגן אין תחום פון די מויערן.

— לויף צו וואָלאָדיאָווסקין! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן אויף אַקבאַ־אולאַנען — זאָלן די לאָודער, קמיטשיץ און וואַנקאָוויטש זיי פאַרלויפן דעם וועג, כ׳וועל זיי תיכף הילף אַרויסשיקן!

אַקבאַ־אולאַן האָט אַ ריס־געטאָן דאָס פערד, נאָך אים איז געפלויגן אַ צווייטער און אַ דריטער אָרדאָנאַנץ־אָפיציר. אַלע זענען צוגעפלויגן צו וואָלאָדיאָווסקין און איבערגעחזרט דעם העטמאַנס באַפעל.

וואָלאָדיאָווסקי האָט תיכף די פּאָלקן אומגעדרייט, קמיטשיץ מיט די טאָטערס האָט אים אָנגעיאָגט, פליענדיק פייל אויסן בויגן און זיי האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אינאיינעם, און וואַנקאָוויטש איז זיי נאָכגעפלויגן.

זיי זענען אָבער אָנגעקומען צו שפּעט. בערך צוויי הונדערט וועגנס זענען שוין אַריינגעפאָרן אין טויער, און די גלענצנדיקע רייטער־אָפטיילונג, וואָס איז הינטער זיי געגאַנגען, איז שוין כמעט אינגאַנצן געווען אין געביט פון דער פעסטונג. נאָר די הינטערשטע וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן, האָט נאָך נישט באַוויזן אַרונטערצוקומען אונטערן שוץ פון די האַרמאַטן. אָבער אויך זיי זענען געגאַנגען מיטן גאַנצן אימפּעט. דער אָפיציר, וואָס איז געפאָרן פון הינטן, האָט זיי נאָך אונטערגעיאָגט מיט אַ געשריי.

דערזעענדיק זיי בײַ דער שײַן פֿון די ברענענדיקע שאָפֿעס, האָט קמיטשיק אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן און שרעקלעכן געשריי, אַז די פֿערד נעבן אים האָבן זיך אַזש דערשראָקן; ער האָט דערקענט באָגוסלאַווס רייטער, די זעלבע, וואָס זענען איבער אים און זײַנע טאָטערס בײַ יאַנאָוו אַריבערגעפֿאָרן.

און נישט געדענקענדיק גאָרנישט, האָט ער זיך ווי אַ צעדולטער צו זיי אַ וואָרף געטאָן, האָט זײַנע אייגענע מענטשן אַריבערגעיאָגט און דער ערשטער בלינדערהייט אין די רייען אַרײַנגעפֿלאַצט. צום גליק זענען די בײַדע ייִנגע קעמליטשס, קאָסמאַ און דאַמיאַן, וואָס זענען געזעסן אויף די פֿאָדערשטע פֿערד, אַרײַנגעפֿאַלן באַלד נאָך אים. אין דער רגע האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך דורכגערוקט שיף־אויס, ווי אַ בליץ, און מיט דער דאָזיקער באַוועגונג די הינטערשטע וואַך פֿון דער הויפּט־אָפּטיילונג אָפּגעשניטן.

די הוזרמאַטן פֿון די מויערן האָבן גענומען דונערן, אָבער די הויפּט־אָפּטיילונג האָט אירע חברים געלאָזט אויף הפֿקר און וואָס גיכער נאָך די וועגנס אין דער פֿעסטונג אַרײַנגעפֿאַלן. דעמאָלט האָבן די לאודער און קמיטשיצס מענטשן יענע הינטערשטע וואַך מיט אַ רינג אַרומגענומען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומבארחמנותדיקע שחיטה.

זי האָט אָבער קורץ אָנגעהאַלטן. זעענדיק, אַז עס איז פֿון ערגעץ קיין רעטונג נישטאָ, זענען באָגוסלאַווס מענטשן תּיכּף פֿון די פֿערד אַראָפּגעשפּרונגען און געוואָרפֿן דאָס געווער צו די פֿיס, שרייענדיק מיט אַלע כּוחות, אַז זיי גיבן זיך אונטער, כּדי מ'זאָל זיי דערהערן אין געטומל און אין געשטופּ.

די פּרייוויליקע און די טאָטערס האָבן דערויף נישט געקוקט און ווייטער געהאַקט, אָבער אין דער רגע האָט אָפּגעהילכט די שטרענגע און אימהדיקע שטים פֿון וואָלאָדיאָווסקין, וועלכן ס'איז געגאַנגען וועגן אַן אויסזאָגער:

— לעבעדיקערהייט נעמען! לעבעדיקערהייט נעמען!

— לעבעדיקערהייט נעמען! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן.

דאָס געקריץ פון אייזן האָט אויפגעהערט. מ׳האָט איצט געהייסן די טאָטערס בינדן די געפאַנגענע, און די טאָטערס האָבן דאָס כהרף־עין געמאַכט מיט זייער געוויינלעכער פלינקייט. דערנאָך האָבן די פאָלקן זיך בחפזונדיק פון אונטער דעם האַרמאַטן־פייער צוריקגעצויגן.

די פאָלקאָוויקעס זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון די שאָפעס. די לאַודער זענען געגאַנגען פאָרויס, וואַנקאָוויטשעס פאָלק פון הינטן, און קמיטשיץ מיט די געפאַנגענע אין דער מיט אַלע אין פולער גרייטקייט, כּדי, אויב עס וועט זיך טרעפן אַן איבערפאַל זאָלן זיי אים קאָנען צוריקשטויסן. די געפאַנגענע האָבן די טאָטערס געפירט אויף שטריק, אַנדערע האָבן געפירט די פאַרכאַפּטע פערד. צוקומענדיק צו די שאָפעס האָט קמיטשיץ גוט געקוקט די געפאַנגענע אין די פּנימער אַריין, צי ער וועט צווישן זיי באָגוסלאַוון נישט דערזען, ווייל הגם איינער פון די רייטער האָט אונטער אַ שווערד אויפן האַלז אים שוין געשווירן, אַז דער פירשט אַליין איז אין דער אָפּטיילונג נישטאָ, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך געטראַכט, אַז זיי פאַרהוילן אפשר בכּיוון.

אין־דעם האָט עפּעס אַ שטים פון אונטער אַ טאָטערישן פּוס אויף אים גערופן:

— הער קמיטשיץ! הער פּאָלקאָווניק! ראַטעוועט אַ באַקאַנטן! הייסט מיך אויפן וואָרט פון דער שטריק אָפּלאָזן!

— האַסלינג! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן.

האַסלינג איז געווען אַ שאָטלענדער, אַמאָל אַן אָפיציר פון ווילנער פירשט וואָיעוואָדעס קאַוואַלעריע, וועלכן קמיטשיץ האָט געקאָנט אין קיידאַני און בשעתו זייער גערן געהאַט.

— לאָזט אָפּ דעם געפאַנגענעם! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן אויפן טאָטער — און אַליין גיי אַראָפּ פון פערד!

דער טאָטער איז פון זאָטל אַראָפּגעשפּרונגען, ווי פון ווינט אַראָפּגעשליידערט, ווייל ער האָט געוווּסט, ווי געפערלעך עס איז צו מאַכן לאַנגע שהיות, ווען דער „באַגאַדיר“ איז גוזר.

האַסלינג האָט אונטערקרעכצנדיק זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן הויכן געזעס פון פערד

אין ־ דעם האָט קמיטשיץ אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און קוועטשנדיק זי אַזוי, ווי ער וואָלט זי װעלן צעררייבן, האָט ער גענומען היציק פרעגן:

— פון וואַנען פאָרט איר? זאָגט גלייך, פון וואַנען פאָרט איר? גיכער, געדענקט אין גאָט!

— פון טויראָגי! — האָט דער אָפיציר געענטפערט.

קמיטשיץ האָט אים נאָך שטאַרקער אַ קוועטש ־ געטאָן.

— און... פריילײן בילעוויטש... איז דאָרט?

— יאָ!!..

הער אַנדזשעי האָט גערעדט וואָס אַמאָל שווערער, ווייל ער האָט וואָס אַמאָל פעסטער פאַרביסן די ציין.

— און... וואָס האָט דער פירשט מיט איר געטאָן?

— האָט גאָרנישט געפועלט.

ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן, אין אַ ווײלע אַרום האָט קמיטשיץ דאָס פּוטערנע היטל אַראָפּגענומען, האָט מיט דער האַנט איבערן שטערן אַ פיר ־ געטאָן און זיך אָנגערופן:

— מ׳האָט מיר אין צוזאַמענשטויס אַ שניט ־ געטאָן, עס רינט פון מיר בלוט און איך בין אָפּגעשוואַכט געוואָרן...

12. קאַפּיטל.

דער שוועדישער אַרויספּאַל האָט נאָר צום טייל דערגרייכט דעם ציל, ווייל באַגוסלאַווס אָפּטיילונג איז אַריין אין שטאָט. דערפאַר אָבער האָט ער אַליין קיין גרויסע זאַכן נישט אויפגעטאָן. הער קאָטוויטשס פּאָלק און אָסקערקאַס דראַגונער האָבן אמת שטאַרק געליטן, אָבער אויך די שוועדן האָבן אויסגעבעט דאָס פעלד מיט הרוגים לרוב, און איין פּאָלק פוס-גייער, אויף וועלכן וואָלאָדיאָווסקי מיט וואַנקאָוויטשן האָבן זיך געוואָרפן, איז אפילו שיר ניט אינגאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן. די ליטווינער האָבן זיך אפילו באַרימט, אַז זיי האָבן דעם שונא, גרעסערע אבדות פאַרשאַפט ווי זיי האָבן אַליין געליטן, נאָר איין סאַפּיעהאַ האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש, וואָס עס האָט אים געטראָפן אַ נייער „בזיון", פון וועלכן זיין נאָמען האָט שטאַרק געקאָנט ליידן. די צו אים צוגעבונדענע פּאָלקאָווניקס האָבן אים געטרייסט וויפיל זיי האָבן געקאָנט און דעם אמת געזאָגט, איז די דאָזיקע לעקציע פאַר אים געווען לטובה, ווייל פון דעמ[...]לט אָ[...] זענען שוין מער נישט געווען אַזעלכע פרייליכע הוליענישן און אַז מ'האָט זיך אַ מאָל געמאַכט היימלעך איז מען בשעת מעשה געווע[...]

אָפּגעהיטן ביז גאָר. אָננעמענדיק, אַז דער העטמאַן וועט זיך בײַט ריכטן, אַז דער אַרויספאַל וועט אין אַזאַ קורצן טערמין זיך אײַ בערחזורן. זענען די שוועדן באַלד צו מאָרגנס ווידער אַרויס אויף יענע זײַט מויערן, זיי זענען אָבער אָפּגעשלאָגן געוואָרן אויפן אָרט און איבערלאָזנדיק אַ פּאָר געפאַלענע האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק.

דערווײַל האָט מען אין העטמאַנס קוואַרטיר האַסליגגן חוקר־ודורש געווען און דאָס האָט דעם הער אַנדזשעי אַזוי פון די כּלים אַרויסגעבראַכט, אַז ער איז שיר נישט פון דער הויט אַרויסגעשפּרונגען, ווײַל ער האָט וואָס גיכער אים געוואָלט האָבן בײַ זיך און זיך אויסשמועסן וועגן טויראָגי. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געדרייט אַרום דער קוואַרטיר, יעדע ווײַלע איז ער אַרײַן אינעווייניק, האָט געהערט די אויסזאָגענישן און עס האָט אים אַזש אונטערגעהויבן אויף דער באַנק, ווען מ׳האָט אין פאַרהער באַגוסלאַווס נאָמען דערמאָנט.

אין אָוונט האַט ער באַקומען אַ באַפעל זיך אַרויסצולאָזן אויף אַן אויסשפּירונג. ער האָט דערצו גאָרנישט געזאָגט, ער האָט נאָר די ציין פאַרביסן, ווײַל ער האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק פאַרענדערט און זיך אויסגעלערנט די פּריוואַטע ענינים צוליב דער עפנטלעכער דינסט צו פאַרבויגן. די טאָטערס האָט ער נאָר אויפן וועג שרעקלעך געפּייניקט און אַרײַנפאַלנדיק אין אַ רציחה איבער יעדער קלייניקייט, האָט ער מיטן שטאַב געשלאָגן מכּות־רצח, אַז די ביינער האָבן אַזש געקנאַקט. און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אַז דער „באַגאַדיר" איז מלא־חמה און זענען געגאַנגען שטיל און רויק, קוקנדיק נאָר דעם בייזן פּירער אין די אויגן אַרײַן און אָנשטויסנדיק זיך אויפן ווינק, וואָס זײַן רצון איז.

צוריקקערנדיק, האָט ער האַסליגגן שוין געטראָפן בײַ זיך, אָבער אַזאַ קראַנקן. אַז ער האָט רעדן נישט געקאָנט, ווײַל אַז מען האָט אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט, האָט מען אים אָרנטלעך געהאַט צעניזוקט, אַזוי אַז איצט, נאָך אַ גאַנצן טאָג אויספרעגן דערצו, האָט ער געהאַט היץ און אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט אים. הער קמיטשיץ האָט זיך בכן געמוזט צו־

פריידנשטעלן דערמיט, וואָס הער זאַגלאָבאַ האָט אים דערציילט וועגן האַסלינגס אויסזאָגענישן; אָבער דאָס איז נוגע געווען נאָר די עפנטלעכע ענינים, און נישט די פּריוואַטע. וועגן באָגוסלאַוו האָט דער ייִנגער אָפיציר אויסגעזאָגט נאָר אַזוי פיל, אַז נאָכן צו־ריקקער פון דער עקספּעדיציע אויף פּאָלעסיע און נאָך דער יאַ־נאָווער מפּלה איז ער מסוכנדיק קראַנק געוואָרן. פון רציחה און מרה־שחורה איז ער אין היץ אַריינגעפאַלן און אַז ער איז ווידער אַביסל געזונט געוואָרן, האָט ער באַלד מיטן חיל קיין פּאָמערן אַרויסמאַרשירט, ווּהין שטיינבאָק און דער קורפירשט האָבן אים זייער אייליק אַרויסגערופן.

— און ווי איז ער איצט? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— לויט דעם, וואָס האַסלינג דערציילט, און ער האָט נישט געהאַט קיין סיבה צו זאָגן ליגן, שטייט ער איצט מיטן קיניגס ברודער אין באַפעסטיקטן לאַגער ביי דער נאַרווע און בוג, ווי באָגוסלאַוו פירט אָן מיט דער גאַנצער קאַוואַלעריע—האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— האַ! און זיי האָבן בדעה צו קומען אַהער מיט הילף. וועלן מיר זיך, הייסט עס, טרעפן, ווי אַ גאָט איז אין הימל, ווען כ'זאָל אַפילו פאַרשטעלטערהייט דאַרפן צו אים גיין!

— היצט זיך נישט אומזיסט! קיין וואַרשע וואָלטן זיי גערן געקומען צו הילף, אָבער זיי קאָנען נישט, ווייל הער טשאַרניעצקי האָט זיך זיי געלייגט אין וועג און אָט ווי עס האַלט: נישט האָבנ־דיק קיין פוס־גייער און קיין האַרמאַטן קאָן ער אויפן לאַגער זיך נישט וואַרפן, זיי ווידער האָבן מורא צו אים אַרויסצוגיין, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין הוילן פעלד קאָן זייער חיל טשאַר־ניעצקיס מענטשן זיך נישט אַקעגנשטעלן. זיי ווייסן אויך, אַז אַפילו דאָס פאַרשטעלן זיך מיטן טייך וועט נישט העלפן. יאָ, ווען דער קיניג אַליין וואָלט דאָרט געווען, וואָלט ער פאַרפירט אַ שלאַכט, ווייל אונטער זיין קאָמאַנדע שלאָגט זיך דער זעלנער אויך בעסער, מתמת זיי האָבן בטחון אין גרויסן מלחמה־מאַן, אָבער סיי דוגלאַס' סיי דעם קיניגס ברודער, און סיי פירשט באָגוסלאַוו, הגם אַלע

דריי זענען מענטשן פון גרויסן מוט, וועלן זיך נישט דערוועגן דאָס צו טאָן!

— און ווו איז דער קיניג?

— ער איז אַוועק קיין פּרייסן. דער קיניג גלויבט נישט, אַז מיר זאָלן זיך שוין האָבן געוואָרפן אויף וואַרשע און וויטעמבערגן. איבעריקנס, ער גלויבט, אָדער ער גלויבט נישט, ער האָט דאָרט געמוזט גיין איבער צוויי טעמים: ראשית, כדי דעם קורפירשט איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו געווינען, אַפילו פאַרן פּרייז פון גאַנץ ג׳ויספּוילן, והשנית: דאָס מיליטער, וואָס ער האָט פון דער קלעם אַרויסגעפירט, וועט צו גאָרנישט טויגן, כּל־זמן עס וועט נישט זיין אויסגערוט. די מאַטערנישן און טלטול־הדרך און די כסדרדיקע אַלאַרמען האָבן אַזאַ תּל געמאַכט פון זיי, אַז די זעלנער קאָנען שוין די ביקסן אין די הענט נישט האַלטן, און דאָס זענען דאָך די געקליבנסטע פּאָלקן פון דער גאַנצער אַרמיי, וועלכע האָבן אין אַלע דייטשע און דענישע מדינות גלענצנדיקע נצחונות אָפּגעהאַלטן.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דעם הער וואָלאָדיאָווסקיס אַריינקומען.

— וואָס מאַכט האַסלינג? — האָט ער געפרעגט נאָך אויף דער שוועל.

— ער איז קראַנק און רעדט פון היץ! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— וואָס ווילסטו דען, מיכאַלעק, פון האַסלינגן האָבן? — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— איר ווייסט דען נישט?

- איך זאָל נישט וויסן, אַז עס גייט דיר וועגן יענער קאַרש, וועלכע פירשט באָגוסלאַוו האָט אין זיין גערטל פאַרפּלאָנטעט? ער איז אַ בריה אַ גערטנער, האָב נישט קיין מורא! ער וועט נישט דאַרפן קיין יאָר, כדי זיך אויף פּירות צו דערוואַרטן.

— אַז דער טייוול זאָל אייך געמען פאַר אַזאַ גחמה? — האָט דער קליינער ריטער אַ געשריי־געטאָן.

— קוקט אים נאָר אָן, דו מאַכסט דיר דעם אומשולדיקסטן וויק, כאַפּט אים שוין אָן די רציחה. וואָס בין איך דיר שולדיק? זוך דיר נקמה איבער באָגוסלאַוון און נישט איבער מיר!

— כ'וועל מיט גאָטס הילף זוכן און געפינען!

— באַביניטש האָט אַקאָרשט דאָס זעלבע געזאָגט! ס'וועט נישט לאַנג דויערן, וועט, ווי איך זע, די גאַנצע אַרמיי זיך אויף זיין לעבן אָנזעצן; אָבער ער היט זיך גוט און אָן מיינע איינפּאַלן וועט איר זיך קיין עצה נישט געבן!

דאָ האָבן ביידע ייִנגעלייט זיך האַסטיק אַ ריס־געטאָן פון די ערטער.

— איז אייך דען עפּעס איינגעפאַלן?

— און איר מיינט, אַז אַן איינפּאַל איז אַזוי לייכט פון קאָפּ אויסצונעמען, ווי אַ שווערד פון דער שייד? ווען באָגוסלאַוו וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך אודאי נישט אויף איין המצאה געפאַלן, אָבער פון אַזאַ מרחק וועט נישט בלויז אַן איינפּאַל, נאָר אַפילו אַ האַרמאַט אויך נישט דערגרייכן. העי אַנדזשעי, הייסט מיר געבן אַ בעכער מעד, ווייל ס'איז היינט הייס.

— כ'וועל געבן אַפילו אַ גאַנצן פאַס, אַבי איר זאָלט עפּעס אויסטראַכטן!

— קודם־כל, וואָס שטייט איר עפּעס איבער דעם דאָזיקן האַסליגג, ווי צו תלין איבער אַ כשרער נשמה! נישט אים אַליין האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט, איר קאָנט אַנדערע אויס־פרעגן.

— איך האָב שוין יענע גענומען אויפן פאַרהער, אָבער דאָס זענען פּראָסטע זעלנער; זיי וויסן גאָרנישט, און ער אַלס אָפיציר איז געווען אין הויף — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— אויב אַזוי זענט איר גערעכט! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — איך מוז אויך מיט אים זיך אויסשמועסן? דערפון, וואָס ער וועט מיר זאָגן וועגן דער פּערזאָן אין התנהגות פון פירשט, קאָ־נען אויך די איינפאַלן זיין אָפּהענגיק. דער עיקר איז איצט, אַז די באַלאַגערונג זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, ווייל דערנאָך וועלן מיר אודאי קענען יענער אַרמיי אַרויסמאַרשירן. אָבער פאַרוואָס

עפּעס זעט מען אַזוי לאַנג נישט אונזער לייטזעליקן האַר און די העטמאַנס?

— וואָס הייסט? — האָט דער קליינער ריטער געענטפערט— איך קום ערשט פון העטמאַן, וועלכער האָט נאָר - וואָס באַקומען אַ ידיעה, אַז דער האַר קיניג וועט נאָך היינט אין אָוונט דאָ שטיין מיט די באַגלייטנדיקע פאָלקן, און די העטמאַנעס מיטן חייל וועלן מאָרגן אָנקומען. אַזש פון סאָקאָל אָן זענען זיי געגאַנגען, ווייניק גערוט און גרויסע מאַרשן געמאַכט. אגב איז שוין זייט אַפּאָר טעג באַקאַנט, אַז זיי וועלן אַ ליאַדע רגע אָנקומען.

— און חיילות פירן זיי אַ סך מיט זיך?

— כמעט פינף מאָל אַזוי פיל, וויפיל הער סאַפּיעהאַ האָט ביי זיך, רייסישע און אונגאַרישע פוס - גייער, זייער טיכ-טיקע; עס גייען אויך זעקס טויזנט טאַטערס אונטער סופּאַנהאַזיס קאָמאַנדע, אָבער אַ פּנים, אַז מ׳קאָן זיי אויף קיין איין טאָג פון אונטער דער האַנט נישט אָפּלאָזן, ווייל זיי צעלאָזן זיך און טוען אָן גרויסע צרות די אַרומיקע.

— דעם הער אַנדזשעי דאַרף מען זיי פאַר אַ פירער געבן!
— האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— יאָ! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — כ׳וואָלט זיי באַלד פון הינטער ווארשע אַרויסגעפירט, ווייל אין באַלאַגערונג טויגן זיי צו גאָרנישט און איך וואָלט זיי אַוועקגעפירט צום בוג און נאַרווע.

— מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז זיי טויגן צו גאָרנישט — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — ווייל קיינער וועט בעסער נישט אָפּהיטן, אַז עס זאָל קיין פּראָוויאַנט אין דער פעסטונג נישט אַריינקומען.

— נו, ס׳וועט וויטעמבערגן וואַרעם זיין! ווארט, אַלטער גנב!
— האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — דו האָסט גוט געקעמפט, איך פאַר-לייקן דיר דאָס נישט, אָבער דו האָסט געגנבעט און געגזלט נאָך בעסער: צוויי מיילער האָסטו געהאַט: איינס פאַר פאַלשע שבועות, דאָס צווייטע אויף צו ברעכן הבטחות, אָבער איצט וועסטו מיטביידע זיך נישט אָפּבעטן. די הויט בייסט דיך פון דער ווענערישער

קראַנקהייט און די רופאים קראַצן זיי דיר, מיר וועלן דיך בעסער צעקראַצן, זאַגלאָבאַס דאגה וועט דאָס שוין זיין!!

— יאָ! ער וועט נאָכגעבן דעם קיניגס באַדינגונגען און ער וועט אים עפּעס טאָן? — האָט הער מיכאל זיך אָנגערופן — מיר וועלן אים נאָך מוזן מיליטערישן כבוד אָפּגעבן!

— ער וועט נאָכגעבן די באַדינגונגען? אַזוי! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי - געטאָן — גוט!

דאָ האָט ער מיט דער פויסט גענומען אין טיש זעצן אַזוי שטאַרק, אַז ראָך קאָוואַלסקי, וועלכער איז אין דער רגע אַרײַן שטוב אַרײַנגעקומען, האָט זיך אַזש דערשראָקן און איז ווי אַן אײַנגעגראָבענער געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

— זאָל איך ביי די יידן פאַר אַ קנעכט דינען! — האָט דער אַלטער ווייטער געשריגן — אויב איך וועל דעם דאָזיקן לעסטערער פון דער אמונה, דעם דאָזיקן רויבער פון די קירכעס, דעם דאָזיקן שענדער פון מיידלעך, דעם דאָזיקן תלין פון מאַן און ווייב, דעם דאָזיקן אונטערצינדער, דעם דאָזיקן אויסוואורף, דעם דאָזיקן בלוט - זויגער און געלט - צאַפּער, דעם דאָזיקן הויט - שינדער פריי פון וואַרשע אַרויסלאָזן! גוט! דער קיניג וועט אים אַרויס-לאָזן, אויב ער וועט די באַדינגונגען נאָכגעבן, אָבער איך, ווי איך בין אַ קאַטאָליק, ווי איך בין זאַגלאָבאַ, זאָל איך אַזוי האָבן גליק ביים לעבן און גאָט ביים טויט, איך וועל קענען אים אויפהויבן אַזאַ ליאַרם, וואָס אַזעלכן האָט נאָך קיינער אין דער רעפּובליק נישט געהערט! מאַכט נישט מיט דער האַנט, הער מיכאל! כ׳וועל אויפ-הויבן אַ ליאַרם! כ׳זאָג נאָך אַמאָל! כ׳וועל אויפהויבן אַ ליאַרם!

— דער פעטער וועט אויפהויבן אַ ליאַרם! — האָט ראָך קאָוואַלסקי אַ דונער - געטאָן.

אין - דעם האָט אקבא - אולאַן אַרײַנגעשטעלט זיין חיהשן פּרצוף דורך דער טיר.

— עפענדי! — האָט ער צו קמיטשיצן געזאָגט — דעם קי-ניגס חיילות זעט מען אויף יענער זייט ווייסל!

אַלע זענען דערויף פון די ערטער אויפגעשפּרונגען און פאַרן פאָדער - הויז אַרויסגעלאָפן.

דער קיניג איז טאַקע אָנגעקומען. פריער פון אַלע האָבן זיך דערנענטערט די טאָטערישע פאָלקן, אונטער סופּאַנהאַזיס קאָמאַנדע, אָבער נישט אין דער צאָל, אין וועלכער מ׳האָט זיך אויף זיי געריכט. נאָך זיי איז אָנגעקומען דאָס קרוין־פּוילישע חייל, אין אַ גרויסער צאָל און גוט באַוואָפנט, און דער עיקר פול מיט חשק צום קאַמף. ביזן אָוונט איז די גאַנצע אַרמיי אַריבער די בריק, וואָס איז דורך הער אָסקערקאַן פריש אויסגעבויט געוואָרן. סאַפּיעהאַ האָט געוואַרט אויפן קיניג מיט אויסגעסדרטע פאָלקן, וואָס זענען געשטאַנען לענג־אויס, איינער נאָכן אַנדערן, ווי אַן אומגעהייערע מויער, וואָס איר עק האָט מען מיטן אויג קוים געקאָנט דערזען. די ריטמייסטערס זענען געשטאַנען פאַר די פאָלקן, נעבן זיי די פאָן־טרעגערס, יעדער מיט אַ צעפלאַטערטער פאָן, די טרומפּייטן, קעסלען, האָרנס און פויקן האָבן אָנגעמאַכט אַן אומבאַשרייבלעכן טומל. די קרוין־פּוילישע פאָלקן האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אויך געשטעלט אין דער ריי אַקעגן די ליטווישע פאָלקן; צווישן איין אַרמיי און דער צווייטער איז אויף הונדערט שריט געבליבן אַ פּוסט אָרט.

האַלטנדיק דעם שטאַב אין דער האַנט, איז סאַפּיעהאַ אַרויסגעגאַנגען אויפן דאָזיקן פּוסטן פּלאַץ, נאָך אים זענען געגאַנגען אַ צוואַנציק פון די חשובסטע מיליטער־לייט און ציווילע הויכע באַאַמטע. פון דער צווייטער זייט, פון די קרוין־פּוילישע חיילות, איז דער קיניג צוגעריטן אויף אַ פּרעכטיקן פריזלענדישן פערד, וועלכעס דער הער מאַרשאַל לובאָמירסקי האָט אים נאָך אין לובאָמלאַ געשענקט, אָנגעטאָן ווי צו דער שלאַכט אין אַ בלאָען לייכטן פּאַנצער, פון הינטער וועלכן מ׳האָט געזען אַ שוואַרצן סאַמטענעם קאַפטאַן מיט אַ שפּיצן־קרויז, אַזש אויפן פּאַנצער אויסגעלייגט; נאָר אַנשטאַט אַ העלם האָט ער אויפן קאָפּ געהאַט אַ געווייגלעכן שוועדישן קאַפּעלוש מיט שוואַרצע פעדערן, דערפאַר אָבער האָט ער געטראָגן מלחמה־הענטשקעס און אויף די פיס הויכע ברוינע שטיוול, וואָס האָבן געגרייכט אַזש איבער די קני,

נאָך אים איז געפאָרן דער נונציוס, דער לוואָווער קסיאָנדז ארציביסקופּ. דער קאַמיעניצער קסיאָנדז ביסקופּ, דער לוצקער

טיטולאַר־קסיאָנדז, קסיאָנדז טשעטשישאַווסקי, דער קראַקאָווער וואָיעוואָדע, דער רייסישער וואָיעוואָדע, באַראָן ליסאָלאָ, גראַף פּעטינגען, האַר קאַמיעניעצקי, דער מאָסקווער באַטשאַפטער, הער גראָדזשיצקי, גענעראַל פון דער אַרטילעריע, טיזנהויז און אַ סך אַנדערע. סאַפּיעהאַ, ווי אַנומלט דער קרוין־מאַרשאַל, איז צוגעגאַנגען צום קיניגס פערד, אָבער דער קיניג איז נישט וואַרטנדיק לייכט פון זאָטל אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו סאַפּיעהאַן און נישט רעדנדיק קיין וואָרט אים געכאַפּט אין די אָרעמס אַריין.

און נאָכדעם ווי ער האָט אים אין די אָרעמס אַריינגעכאַפּט האָט ער אים לאַנג געהאַלטן פאַר די אויגן פון ביידע אַרמייען; ער האָט אַלץ געשוויגן, נאָר די טרערן האָבן אים גערונען איבערן פּנים, ווייל ער האָט דאָך איצט צוגעדריקט צו דער ברוסט דעם טרייעסטן דינער זיינעם און פון פאָטערלאַנד, וואָס הגם ער איז מיט זיינע גייסטיקע מעלות אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע, הגם ער איז אָפט באַגאַנגען פעלערס, האָט ער אָבער מיט זיין תּמימות אַריבערגעשטיגן אַלע שררות פון דער רעפּובליק, אין טריישאַפט זיך קיינמאָל נישט קיין וואַקל־געטאָן, אָן איין רגע איבערלייגעניש דאָס גאַנצע עשירות מקריב געווען און פון אָנהויב מלחמה פאַר זיין מאָנאַרך און פאַר זיין לאַנד זיך מוסר־נפש געווען.

די ליטווינער, וועלכע האָבן לכתּחילה זיך געשושקעט, אַז פאַרן אַרויסלאָזן קאַרלן פון הינטער סאַנדאָמיעזש און פאַר דער לעצטער וואַרשעווער אומפאָרזיכטיקייט וועט סאַפּיעהאַן אפשר אויסקומען צו הערן מוסר, אָדער לפּחות צו באַקומען אַ קאַלטן קבלת־פּנים, האָבן זעענדיק דעם קיניגס דאָזיקע גוטסקייט, געמאַכט לכּבוד דעם גוטן האַר אַזעלכע אויסגעשרייען, אַז דער ווידערקול האָט אַזש ביז צו די הימלען אָנגעשפּאַרט. ס'האָבן זייבאַלד מיט איין דונער אָפּגעענטפערט דעם קיניגס חיילות און אַ צייט לאַנג זענען דאָס געפּילדער פון דער קאַפּעלע, דאָס געבּרום פון די פּויקן און דאָס געקנאַל פון די ביקסן פאַרהילכט געוואָרן פון די אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן יאַן קאַזשימיעזש!

— זאָלן לעבן די קרוין־**פּאָליאַקן**!

— זאָלן לעבן די ליטווינער!

אָט אַזוי האָבן זיי זיך באַגריסט ביי וואַרשע. ס'האָבן געציטערט די מויערן, און הינטער די מויערן די שוועדן.

— כ'וועל רעווען! ווי גאָט איז מיר ליב, כ'וועל רעווען!

—האָט דער געריירטער זאַגלאָבאַ אויסגערופן — כ'וועל נישט אויסהאַלטן! אָט איז אונזער האַר! פּאַטער! (גנעדיקע הערן! איך כליפּע שוין!) פּאַטער!... אונזער קיניג, דער נע - ונדביק, ערשט נישט לאַנג פון אַלעמען פאַרלאָזט, און איצט... און איצט... האָט ער דאָך דאָ הונדערט טויזנט שווערדן אויף יעדן רוף... אָ דערבאַרעמדיקער גאָט!... איך קאָן נישט פון טרערן... נעכטן געווען אַ נע - ונדביק, היינט... דער דייטשער קייזער האָט נישט אַזעלכע טיכטיקע חיילות!

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ זיך צעכליפּעט און פון די אויגן זיינע האָבן גענומען טרערן זיך גיסן שטראָמענווייז, מיט אַ מאָל האָט ער זיך געווענדעט צו ראָכן;

— שווייג שטיל! וואָס יאָמערסטו!

— און דער פּעטער יאָמערט נישט? — האָט ראָך געענטפערט.

— אמת, ווי גאָט איז מיר ליב, אמת!... כ'האָב זיך געשעמט מיט דער דאָזיקער רעפּובליק... אָבער איצט וואָלט איך זיך שוין מיט קיין שום אַנדערער אומה נישט געביטן!... הונדערט טויזנט שווערדן!... זאָלן דאָס אַנדערע באַווייזן... גאָט האָט דאָס לאַנד ווידער געבענטשט! ווידער געבענטשט!...

הער זאַגלאָבאַ האָט קיין סך נישט מגזם געווען, ווייל ביי וואַרשע זענען באמת געשטאַנען בערך זיבעציק טויזנט מאַן, נישט רעכענענדיק הער טשאַרניעצקיס דיוויזיע, וועלכע איז נאָך נישט אָנגעקומען און נישט רעכענענדיק די באַוואָפנטע לאַגער - דינער, וועלכע האָבן בעת אַ שלאַכט זיך געשטעלט צום קאַמף און וואָס האָבן אין אומדורכדרינגלעכע חמרים זיך געשלעפּט נאָך יעדן לאַגער.

נאָכן באַגריסן זיך און שנעלער מושטירונג פון חייל, האָט דער קיניג ביי אַן אַלגעמיינער התלהבות געדאַנקט סאַפּיעהאַס מענטשן פאַר דער טרייער דינסט און איז אָפּגעפאָרן קיין אויאַזדאָוו,

און די חיילות האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס, וואָס זענען זיי באַשטימט געוואָרן. אַ טייל פאָלקן זענען געבליבן אין פּראַגע, אַנדערע האָבן זיך צעוואָרפן אַרום דער שטאָט. דער געוואַלדיקער אָבאָז פון וועגנס האָט נאָך ביז צומאָרגנס מיטאָג דורך דער ווייסל זיך אַריבערגעקליבן.

אויפן צווייטן טאָג איז די אומגעגנט פון דער שטאָט אַזוי באַדעקט געוואָרן מיט ווייסע געצעלטן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אַ שניי וואָלט זי באַדעקט. אומצאָליקע סטאַדעס פערד האָבן געהירזשעט אויף די פעלדער. נאָך דער אַרמיי זענען נאָכגעגאַנגען אַרמעניש, יידישע און טאָטערישע סוחרים; אַ צווייטע שטאָט, אַ גרעסערע און טומלדיקערע פון דער באַלאַגערטער, איז אויסגעוואַקסן אויף די פוסטע שטחים.

די שוועדן, וועלכע האָבן אין די ערשטע טעג זיך דערשראָקן פאַר דער מאַכט פון פוילישן קיניג, האָבן קיין שום אַרויספאַל נישט געמאַכט, אַזוי, אַז הער גראָדזשיצקי, דער גענעראַל פון דער אַרטילעריע, האָט רויק געקאָנט אַרומפאָרן די שטאָט און דעם פּלאַן פון דער באַלאַגערונג אויסאַרבעטן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די דינער דאָ און דאָרט לויט זיין פּלאַן גענומען פאַרשאַנצונגען אויפשטעלן; מ'האָט אויף זיי דערווייל אַרויפגעצויגן קלענערע האַרמאַטן, ווייל די גרעסערע האָבן ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געזאָלט אָנקומען.

דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש האָט געשיקט צום אַלטן וויטעמבערג, אויפפאָדערנדיק אים איבערצוגעבן די שטאָט, צו לייגן דאָס כּלי־זיין און געבנדיק גנעדיקע באַדינגונגען, וואָס אַז מ'האָט זיך וועגן זיי דערוווּסט, האָבן זיי אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט אין דער אַרמיי. די דאָזיקע אומצופרידנקייט האָט דער עיקר פאַרשפרייט הער זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט אין האַרצן געטראָגן אַ באַזונדערע שנאה אויפן דערמאָנטן גענעראַל.

וויטעמבערג האָט, ווי מ'האָט זיך לייכט געקאָנט משער זיין, אָפּגעוואָרפן די באַדינגונגען און בעשלאָסן צו פאַרטיידיקן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט און גיכער זיך צו באַגראָבן אין די חורבות פון דער שטאָט, איידער זי איבערצוגעבן אין די הענט

פון קיניג. די גרויסע צאָל פון די באַלאַגערנדיקע חיילות האָט אים כלל נישט אָפּגעשראָקן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אַ צו גרויסע צאָל איז גיכער אַ שטערונג, איידער אַ הילף אין דער באַלאַגערונג. פריער האָט מען אויך מודיע געווען, אַז אין קיניגס לאַגער איז נישטאָ קיין איין באַלאַגערונג־האַרמאַט, בעת די שוועדן האָבן זיי געהאַט גענוג און איבעריק, נישט רעכענענדיק די אומאויסגעשעפּטע זאַפּאַסן פון אַמוניציע.

מ׳האָט טאַקע געקאָנט פאָרויסזען, אַז זיי וועלן זיך האַרטנעקיק פאַרטיידיקן. וואָרום וואַרשע האָט זיי ביז איצט געדינט פאַר אַ סקלאַד פון שלל. אַלע אומגעהייערע אוצרות, וואָס זענען געראַבעוועט געוואָרן אין די שלעסער, קירכעס און שטעט איבער דער גאַנצער רעפּובליק, זענען אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט, פון וואַנען מ׳האָט זיי פאַרטיעסווייז אַרויסגעשיקט מיטן וואַסער, קיין פרייסן און ווייטער קיין שוועדן. אין איצטיקן מאָמענט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך צעבונטעוועט, און די שלעסער, וואָס זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך קלענערע שוועדישע גאַרניזאָנען, האָבן נישט גאַראַנטירט קיין זיכערקייט, האָט מען ערשט רעכט דאָס אָנגעראַבעוועטע עשירות צוגעפירט קיין וואַרשע. און דער שוועדישער זעלנער האָט מיט מער חשק דאָס לעבן מקריב געווען, איידער דעם שלל. דאָס אָרעמע פאָלק איז באָכדעם, ווי עס האָט זיך דערשלאָגן צו די אוצרות פון דער רייכער מדינה, געווען אַזוי זשעדנע, אַז קיין מער גיריקע רויבער האָט גאָר די וועלט נישט געזען. דער קיניג אַליין האָט זיך מיט זיין גלוסטיקייט קונה־שם געווען, די גענעראַלן האָבן אים נאָכגעטאָן און אַלעמען אַריבערגעשטיגן האָט וויטעמבערג. אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ריוח, האָט די אָפיצירן נישט צוריקגעהאַלטן נישט דער ריטערלעכער האָנאָר און נישט דער אָנזען פון ראַנג. זיי האָבן גענומען, אַרויסגעקוועטשט, געראַבעוועט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט נעמען. אין וואַרשע גופא האָבן פּאָלקאָווניקעס פון הויכן ראַנג און פיינעם יחוס נישט געשעמט זיך צו פאַרקויפן בראָנפן און טאַבאַק די אייגענע זעלנער, אַבי נאָר די קעשענעס מיט זייער שכירות אָנצושטאָפּן.

צו אַ פאַרביטערטער פאַרטיידיקונג האָט די שוועדן געקאָנט מעורר זיין אויך דאָס, וואָס זייערע בעסטע מענטשן זענען דעמאָלט געווען אין וואַרשע פאַרשפּאַרט. קודם־כל וויטעמבערג אַליין, דער צווייטער הויפּט־קאָמענדאַנט נאָך קאַרל, און דער ערשטער, וואָס איז אַריין אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק און זי ביי אוישטשע צו דער ירידה דערפירט. ער האָט דערפאַר, אַלס עראָבערער, אין שוועדן געהאַט אַ צוגעגרייטן טריומף. אַ חוץ אים איז אין דער שטאָט געווען דערקאַנצלער אָקסענסטיערנאַ, אַ מלוכה־מאַן, וואָס האָט געשייט איבער דער גאַנצער וועלט און פאַר זיין ערלעכקייט האָבן אים אַפילו די שונאים נושא־פּנים געווען. מ'האָט אים גערופן „דעם קיניגס מינערוואַ", ווייל זיינע קלוגע עצות האָט קאַרל געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלע זיינע נצחונות ביי אונטערהאַנדלונגען. עס זענען אויך געווען די גענעראַלן: ווראַנגעל דער יינגערער, האָרן, ערסקין, דער צווייטער לעווענהויפּט און אַ סך שוועדישע דאַמען פון הויכן יחוס, וואָס זענען געקומען צו זייערע מענער אין דאָזיקן לאַנד, ווי אין אַ נייעם שוועדישן אייגנטום.

די שוועדן האָבן בכן געהאַט וואָס צו פאַרטיידיקן. דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַלאַגערונג, דערצו נאָך ביים פעלן פון שווערע האַרמאַטן, וועט זיין אַ לאַנגע און בלוטיקע; ס'האָבן דאָס אויך פאַרשטאַנען די העטמאַנעס, אָבער ס'האָט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן די אַרמיי. קוים האָט גראָדזשיצקי וועלכע עס איז פאַרשאַנצונגען געהאַט אָנגעשאָטן, קוים האָט ער זיך אַביסל צו די מויערן געהאַט צוגערוקט, זענען דעפּוטאַציעס פון אַלע פּאָלקן שוין אַוועק צום קיניג, אַז מ'זאָל פּריוווילעקע דערלויבן גיין צום שטורעם. לאַנג האָט דער קיניג געמוזט געבן צו פאַרשטיין, אַז מיט שווערדן נעמט מען קיין פעסטונגען נישט איין, ביז ער האָט די היציקייט איינגעהאַלטן.

רווייל האָט מען, לויט מעגלעכקייט, די אַרבעטן ווייטער געפירט. נישט קאָנענדיק גיין צום שטורעם, האָט דאָס חייל נעבן די דינער גענומען אין זיי אַ פלייסיקן אַנטייל. די זעלנער פון די אָנגעזעענסטע פּאָלקן, יאָ, אַפילו די אָפיצירן אַליין, האָבן געפירט

טאַטשקעס ערד און געאַרבעט ביים גראָבן די ערד. נישט איינמאָל
האָבן די שוועדן געפּרוווט צו שטערן די אַרבעט און קיין איין
טאָג איז נישט אַריבער אָן אַרויספאַלן, אָבער קוים האָבן די שווע-
דישע שיסער באַוויזן דורכצוגיין דאָס טויער, האָבן די פּאָליאַקן,
וואָס האָבן געאַרבעט ביי די פאַרשאַנצונגען, אַוועקגעוואָרפן די
טאַטשקעס, די בינטלעך ריטער, לאָפּעטעס, העק און מיט די
שווערדן אַזוי פאַרביטערט אין רויך אַריין געלאָפן, אַז די שוועדן
האָבן אין גרעסטן איילעניש געמוזט אין דער פעסטונג צוריקלויפן.
ביי די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן זענען געפאַלן זייער אַ סך הרוגים,
אין די גראָבנס און אויף די פּלעצער זענען הויך, אַזש ביז צו די
פאַרשאַנצונגען, אָנגעהויפנט געוואָרן קברים, אין וועלכע מ׳האָט בעת
די קורצע וואָפן-שטילשטאַנדן באַגראָבן די געפאַלענע. לסוף איז
אויך קיין צייט נישט געווען אויף צו באַגראָבן, די קערפּערס זענען
דערי בער געלעגן אויבנויף, באַהויכנדיק מיט אַ שרעקלעכער
געסרחא די שטאָט און די באַלאַגערער.

נישט געקוקט אויף די גרעסטע שוועריקייטן האָבן יעדן
טאָג שטאָט-לייט זיך דורכגעגנבעט אין קיניגלעכן לאַגער און
מיטגעטיילט וואָס עס טוט זיך אין דער שטאָט און אויף די קני
געבעטן רחמים צוצואיילן דעם שטורעם. וואָרים די שוועדן האָבן
נאָך געהאַט גענוג פּראָוויאַנט, אָבער דאָס פאָלק איז געשטאָרבן
פון הונגער אויף די גאַסן, האָט געלעבט אין נויט, אין דחקות,
אונטער דער שרעקלעכער האנט פון גאַרניזאָן. יעדן טאָג האָבן די
עכאָס דערטראָגן אַזש ביז צום קיניגלעכן לאַגער די אָפּהילכן פון
די ביקסן-שאָסן און ערשט די פּליטים האָבן מיטגעטיילט, אַז
דאָס האָט מען דערשאָסן די שטאָט-לייט, וועלכע מ׳האָט חושד
געווען אין פריינטשאַפט צו זייער קיניג, די האָר האָבן זיך אויפ-
געשטעלט, אַז מ׳האָט געהערט די דערציילונגען פון די פּליטים.
זיי האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, קראַנקע ווייבער,
ביי-געבוירענע קינדער, זקנים, אַלע נעכטיקן אויף די גאַסן,
ווייל די שוועדן האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון די הייזער, אין וועל-
כע מ׳האָט פון מויער צו מויער אויסגעהאַקט דורכגענג, כדי דער
גאַרניזאָן זאָל אין פאַל פון אַן אַריינמאַרש פון קיניגס חיילות זין

קאָנען באַהאַלטן און צוריקציִען. אויף דער היימלאָזער באַפעל־
קערונג זענען געפאַלן רעגנס, אין שיינע טעג האָט זיי געברענט
די זון, אין די נעכט האָט געשטאָכן די קעלט. קיין פייער האָבן
די איינוווינער נישט געטאָרט ברענען, זיי האָבן נישט געהאַט
ביי וואָס אַ לעפל אָנצוקאָכן. פאַרשיידענע קראַנקהייטן האָבן זיך
וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט און צוגענומען הונדערטער קרבנות.

אַז ער האָט געהערט די דאָזיקע דערציילונגען, האָט דעם
קיניג דאָס האַרץ געפּלאַצט, ער האָט דעריבער געשיקט שליחים
נאָך שליחים, כּדי דאָס אָנקומען פון די שווערע האַרמאַטן צוצו־
יאָגן. און די צייט איז געלאָפן, עס זענען אַריבער טעג, וואָכן
און אַ חוץ דאָס אָפּשלאָגן די אַרויספאַלן האָט מען קיין שום וויכ־
טיקע זאַך נישט געקאָנט אונטערנעמען. ס'האָט די באַלאַגערער
נאָר געשטאַרקט דער געדאַנק' אַז אויף דעם גאַרניזאָן וועט סוף־
כּל־סוף מוזן אויספעלן פּראָוויאַנט, ווייל די וועגן זענען געווען
אַזוי אָפּגעשניטן, אַז אַפילו אַ מויז וואָלט זיך אין דער פעסטונג
נישט געקאָנט דורכקריגן. די באַלאַגערטע האָבן אויך מיט יעדן
טאָג פאַרלוירן די האָפענונג אויף הילף; די אַרמיי אונטער דער
קאָמאַנדע פון דוגלאַסן, וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן, האָט
נישט בלויז נישט געקאָנט איילן צו הילף נאָר זי האָט געמוזט
בראַכטן וועגן דער אייגענער הויט, ווייל דער קיניג קאַזשימיעזש,
וועלכער האָט געהאַט גענוג כּוחות, האָט באַוויזן אויך יענע איינ־
צושטעלן.

מ'האָט לסוף, נאָך פאַרן אָנקומען פון די שווערע האַרמאַטן,
גענומען די פעסטונג פון די קלענערע האַרמאַטן באַשיסן. שיטנ־
דיק פאַר זיך די ערד־וואַלן, ווי אַ קרעט, האָט הער גראָדזשי־
צקי פון דער זייט פון דער ווייסל זיך צוגערוקט אויף פינף טריט
צום גראָבן און מיט אומאויפהערלעכן פייער געשפּיגן אויף דעם
אומגליקלעכער שטאָט. דער פּראַכטפולער פּאַלאַץ פון די קאַזאַנאָוו־
סקיס איז רויִנירט געוואָרן און מ'האָט אויף אים נישט חס געוע־
וען, ווייל ער האָט געהערט צום בונד ראַדזשיאָווסקי. ס'האָבן זיך
נאָך קוים געהאַלטן די צעהאַקטע מויערן מיט די פּוסטע פענסטער;
אויף די חערלעכע טעראַסעס און גערטנער זענען טאָג און נאַכט

געפאַלן קוילן, חרוב מאַכנדיק די ווונדערלעכע פּאַנטאַנעס, בריקלעך, אַלטאַנעס, מאַרמאָרענע זיילן און איבערשרעקנדיק די פּאַוועס, וואָס האָבן מיט יאָמערליכע קולות געגעבן צו וויסן וועגן זייער אומגליקלעכן מצב

הער גראָדזשיצקי האָט געשאָטן מיט פייער אויך אויפן בערנאַרדינער גלאָקן-טורעם, ווייל ער האָט באַשלאָסן פון דער זייט צום שטורם צוצוטרעטן.

דערווייל האָבן די לאַגער-קנעכט גענומען זיך בעטן, אַז מ'זאָל זיי דערלויבן צו שטורמען די שטאָט, ווייל זיי האָבן זייער געגאַרט זיך צו די שוועדישע אוצרות צוצוכאַפּן. דער קיניג האָט איינמאָל אָפּגעזאָגט, אָבער לסוף האָט ער דערלויבט. אַ פּאָר חשובע אָפיצירן האָבן זיך אונטערגנומען צו שטעלן זיך בראש, און צווישן אַנדערע אויך קמיטשיץ, וועלכן ס'איז נישט בלויז נמאס געוואָרן דאָס גאָרנישט-טאָן, נאָר ער האָט בכלל זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען דערפאַר, וואָס האַסלינג, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערע קרענק, איז זייט אַ פּאָר וואָכן געלעגן און האָט וועגן קיין שום זאַך גאָרנישט געקאָנט רעדן

מ'האָט זיך בכן צונויפגענומען צום שטורעם. הער גראָדזשיצקי איז ביז דער לעצטער רגע געווען קעגן דעם שטורעם, טענהנדיק, אַז כּל-זמן די מויער איז נישט דורכגעבראָכן, קאָן די שטאָט נישט גענומען ווערן, ווען אַפילו נישט בלויז די קנעכט-נאָר אַלע רעגולערע פוס-גייער זאָלן גיין צו דער אַטאַקע. היות אָבער דער קיניג האָט שוין פריער געהאַט דערלויבט, האָט ער געמוזט נאָכגעבן.

דעם 15 יוני האָבן זיך פאַרזאַמלט בערך זעקס טויזנט לאַגער-דינער, מ'האָט צוגעגרייט לייטערס, בינטלעך ריטער, זעק מיט זאַמד, אַקער-מכשירים און פאַרנאַכט האָט די מאַסע, על-פּי-רוב נאָר מיט שווערדן באַוואָפנט, גענומען זיך צונויפקומען אויפן אָרט, ווו די גראָבנס און ערד-וואַלן זענען געלעגן נענטער צום וואַל-גראָבן. אַז עס איז שוין אינגאַנצן פינסטער געוואָרן, האָבן די יינגלעך אויף אַ געגעבענעם צייכן מיט אַן אימהדיקן געפילדער זיך אַלאָז-געטאָן צום וואַל-גראָבן און

אים גענומען פאַרשיטן, די וואַכזאַמע שחעדן האָבן זיי אויפגענומען מיט אַ מערדערלעכער שיסעריי פון ביקסן, האַרמאַטן און אַ פאַרביטערטע שלאַכט האָט זיך צעקאָכט אויף דער גאַנצער מזרח-זייט פון דער שטאָט. די קנעכט האָבן אונטערן שוץ פון דער פינסטערניש כּהרף-עין דעם וואַל-פאַרוואָרפן און אין אַ צערודערטער מחנה אָנגעשפּאַרט אַזש ביז צו די מויערן. הער קמיטשיץ האָט מיט צוויי טויזנט מאַן אַטאַקירט די ערד-באַפעסטיקונג, וועלכע די פּאָליאַקן האָבן אַ נאָמען געגעבן „דאָס קרעטן-בערגל" און וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום קראָקאָווער טויער, און נישט געקוקט אויף דער פאַרצווייפלטער פאַרטיידיקונג, האָט ער זי איינגענומען מיט איין קלאַפּ. דעם גאַרניזאָן האָט מען מיט די שווערדן אויסגעקוילעט, נישט איבערלאָזענדיק קיין שריד-ופליט. די האַרמאַטן האָט הער אַנדזשעי געהייסן אַ קער געטאָן צום טויער און צום מייל צו די ווייטערדיקע מויערן, כּדי צו קומען צו הילף און צו באַשיצן אַ ביסל יענע מחנות. וואָט האָבן זיך אָנגעשטרענגט אויף זיי אַרויפצוקלעטערן.

זיי אָבער האָט די הצלחה אַזוי ווייט נישט צוגעשפּילט. די יינגלעך האָבן צוגעשטעלט לייטערס און זיך געריסן אויף זיי מיט מסירת-נפש, אַז די געניטסטע פוס-גייער וואָלטן עס בעסער נישט געמאַכט, אָבער די שוועדן אַליין, באַוואָרנט דורך די פאַרצוימונגען, האָבן זיי געשאָסן דאָס פייער גלייך אין די פּנימער אַריין, אַראָפּגעשטופּט צוגעגרייטע שטיינער און קלעצער, וואָס אונטער זייער משא האָבן די לייטערס זיך צעבראָכן אויף קליינע שטיקלעך, לסוף האָבן די פוס-גייער אַראָפּגעשטופּט די שטורמער מיט דער הילף פון לאַנגע שפּיזן, אַקעגן וועלכע די שווערדן האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן.

העכער פינף הונדערט פון די טיכטיקסטע דינער זענען געפאַלן ביי דער מויער; די רעשט איז ביי אַן אומאויפהערלעכן פייער דורכן וואַל-גראָבן צוריק געלאָפן צו די די פּוילישע אונטערערדישע גראָבנס.

דער שטורעם איז צוריקגעשטויסן געוואָרן, אָבער יענע ערד-באַפעסטיקונג איז געבליבן אין די פּוילישע הענט. אומזיסט

האָבן די שוועדן אַ גאַנצע נאַכט אין איר געזעצט פון די שווערסטע האַרמאַטן; קמיטשיץ האָט זיי אויך אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעענטפערט פון יענע האַרמאַטן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט. ערשט פאַרטאָגס, ווען ס׳איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען זיי אים צעהאַקט ביז צו איינעם. וויטעמבערג, וועלכן ס׳איז געגאַנגען אין לעבן צוריק צו געווינען יענע פאַרשאַנצונג, האָט דעמאָלט אַרויסגעשיקט פוס־גייער מיט אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צוריקצוקומען פריער, ווי זיי וועלן האָבן צוריק גענומען די פאַרלוירענע פאָזיציע, אָבער הער גראָדזשיצקי האָט תּיכּף צוגעשיקט קמיטשיצן פאַרשטאַרקונגען און מיט זייער הילף האָט הער אַנדזשעי נישט בלויז די פוס־גייער צוריקגעשטויסן, נאָר ער האָט זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך זיי און געיאָגט אַזש ביז צום קראָקעווער טויער.

הער גראָדזשיצקי איז געווען אַזוי צופרידן, אַז ער איז פערזענלעך געלאָפן צום קיניג מיט אַ באַריכט.

— גנעדיקער האַר! — האָט ער געזאָגט — כ׳בין געווען קעגן דער נעכטיקער אַרבעט, אָבער איצט זע איך, אַז זי איז נישט געגאַנגען לאיבוד! כּל־זמן די דאָזיקע פאַרשאַנצונג איז געווען אין זייער האַנט, האָב איך קעגן טויער גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן, איצט אָבער, זאָלן נאָר די שווערע האַרמאַטן אָנקומען, וועל איך עס אין איין נאַכט אויפברעכן.

דער קיניג, וועלכער האָט זיך מצער געווען, וואָס עס זענען אומגעקומען אַזוי פיל ווילע ייִנגלעך, האָט זיך דערפרייט, הערנדיק הער גראָדזשיצקיס ווערטער און ער האָט באַלד געפרעגט:

— און ווער האָט די קאָמאַנדע אין יענער פאַרשאַנצונג?

— הער באַבּיניטש! — האָבן אַ פּאָר שטימען געענטפערט.

דער קיניג האָט אַ פּאַטש־געטאָן אין די הענט.

— דער מוז אומעטום זיין דער ערשטער! הער גענעראַל, איך קען אים! דער דאָזיקער ריטער איז אַ מוראַדיקער עקשן און ער וועט זיך נישט לאָזן אַרויסטרייבן!

— דאָס וואָלט געווען אַ פעלער נישט צום פאַרגעבן, גנעדיקער האַר — האָט גראָדזשיצקי געענטפערט — ווען מיר וואָלטן

דאָס צוגעלאָזט. איך האָב אים שוין דאָרט געשיקט פוס־גייער און האַרמאַטלעך, ווייל אַז זיי וועלן אים פּרוּוון אַרויסיאָגן, איז קיין שום ספק נישט! עס האַנדלט זיך וועגן וואַרשע! דער דאָזיקער ריטער איז ווערט, אַז מ׳זאָל אים מיט גאָלד אָפּוועגן!

— ער איז נאָך מער ווערט, ווייל דאָס איז נישט דער ערשטער און נישט דער צווייטער אויפטו זיינער! — האָט דער קיניג געזאָגט.

דערנאָך האָט ער זיך וואָס גיכער געהייסן דערלאַנגען אַ פערד, אַ שפּאַקטיוו און ער איז געפאָרן אַ קוק־טאָן אויף דער פאַרשאַנצונג. אָבער פון אונטער רויך־וואָלקנס האָט מען זי גאָרנישט אַרויסגעזען, ווייל אַ צוואַנציק שווערע האַרמאַטן האָבן אָן אויפהער געשפּיגן אויף איר מיט פייער, געוואָרפן קוילן און גראַנאַטן, בלעכן אָנגעפּילט מיט אויפרייס־שטאָפן. און די דאָזיקע פאַרשאַנצונג איז דאָך געלעגן אַזוי נאָענט צום טויער, אַז אַפילו ביקסן־קוילן האָבן צו איר שיר נישט געגרייכט; מ׳האָט דעריבער אויסגעצייכנט געזען די גראַנאַטן, ווי זיי זענען ווי וואָלקנדלעך, אין דער הויך אַרויפגעפלויגן און אָנצייכנדיק אַ זייער טיפן בויגן זענען זיי אַריינגעפאַלן אין דער רויך־כמאַרע און אויפגעריסן אין איר מיט אַ מוראדיקן קראַך. אַ סך זענען אויך געפאַלן אַזש אויף יענער זייט פאַרשאַנצונג און אַזוי אַרום דעם צוטריט פאַר די פאַרשאַנצונגען געשטערט.

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט! — האָט דער קיניג אויסגערופן — טיזענהויז! קוק!

— מ׳זעט גאָרנישט, גנעדיקער האַר קיניג!

— אַ באַרג צעאַקערטע ערד וועט נאָר בלייבן! ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין! טיזענהויז, ווייסט, ווער עס זיצט דאָרט?

— כ׳ווייס, גנעדיקער האַר קיניג, באַבּיניטש! אויב ער וועט אַרויס אַ לעבעדיקער, וועט ער קאָנען זאָגן, אַז ער איז ביים לעבן געווען אין גיהנום.

— מ׳דאַרף אים דאָרט נאָך פרישע מענטשן צושיקן! האַר גענעראַל...

— די באַפעלן זענען שוין אַרויסגעגעבן, אָבער ס'איז זיי־שוער צוצוקומען, ווייל די גראַנאַטן טראָגן זיך אַריבער און פאַלן זייער געדיכט פון דער זייט באַפעסטיקונג.

— פון אַלע האַרמאַטן זאָל מען אין די מויערן שיסן, כדי דעם שונא פון דער פאַרשאַנצונג אָפצולעגקען׳

גראָדזשיצקי האָט דאָס פערד מיט די שפּאָרנס אַ דריק־געטאָן און איז צו די פאַרשאַנצונגען צוגעשפרונגען. אין אַ ווײַלע האָבן זיך האַרמאַטן אויף דער גאַנצער ליניע אָנגערופן און אַ ביסל שפּעטער האָט מען געזען, ווי אַ פרישע אָפטיילונג פון מאַזורישע פוס ־ גייער איז אַרויס פון די נעבן ־ גראָבנס און זיך אַ לאָז ־ געטאָן צום קרעטן ־ בערגל.

דער קיניג איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט. צום סוף האָט ער אויסגעשריגן.

— ס'וואָלט א יושר געווען אַז אַן אַנדערער זאָל באַבינטשן אין דער קאָמאַנדע אָפּלייזן. ווער, מײַנע הערן, וויל אים פרייוויליק פאַרטרעטן?

די סקשעטוסקיס און וואָלאָדיאָווסקי זענען אין דער רגע נעבן דער פערזאָן פון קיניג נישט געווען, אַ ווײַלע האָט דעריבער אַ שטילשווייגן אָנגעהאַלטן.

— איך! — האָט הער טאָפּור גרילעווסקי, אַ מיטגליד פון אַ לייכטן פאָלק אויפן נאָמען פון פרימאַס, מיט אַ מאָל זיך אָנגערופן.

— איך! — האָט טיזענהויז איבערגעחזרט.

— איך! איך! איך! — האָבן זיך באַלד אַ צוואַנציק שטימען אָנגערופן.

— ווער עס האָט דער ערשטער זיך אָנגעבאָטן, דער זאָל זיין! — האָט דער קיניג געזאָגט.

הער טאָפּור גרילעווסקי האָט זיך איבערגעצלמט, דערנאָך האָט ער צום מויל די פעלד ־ פלאַש אויסגעבויגן און זיך אַ לאָזגעטאָן.

דער קיניג איז געשטאַנען און אַלץ געקוקט אין דער רויכמאַרע, מיט וועלכער דאָס קרעטן ־ בערגל איז געווען צוגעדעקט.

און וועלכע האָט זיך הויך איבער אים געצויגן ווי אַ בריק אַזש ביז צו די מויערן, און אַזוי ווי די באַפעסטיקונג איז געלעגן נענטער צו דער ווייסל, האָבן די שטאָטישע מויערן זי הויך אַריבערגעשטיגן און דערפאַר איז דאָס פייער געווען אַזוי שרעקלעך.

דערווייל איז די האַרמאַטן־שיסעריי אַ ביסל שוואַכער געוואָרן, הגם די גראַנאַטן האָבן נישט אויפגעהערט צו צייכענען בויגנס, דערפאַר אָבער האָט דאָס קנאַקן פון די ביקסן־שאָסן אַזוי זיך צעהילכט, ווי טויזנטער פויערן וואָלטן מיט דרעש־אייזנס געקלאַפּט.

— זיי גייען משמעות ווידער צו דער אַטאַקע — האָט טיזענהויז זיך אָנגערופן — ײען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ געדיכטער רויך, וואָלטן מיר געזען די פוס־גייער.

— לאָמיר אַביסל צופאָרן — האָט דער קיניג געזאָגט, רירנדיק זיך מיטן פערד.

נאָך אים זענען געפאָרן נאָך אַנדערע און רייטנדיק מיטן ברעג פון דער ווייסל פון דער זייט פון אויאַזדאָוו, זענען זיי צוגעפאָרן כמעט ביז סאָליעץ, און אַזוי ווי די גערטנער פון די פּאַלאַצן און קלויסטערס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער ווייסל, זענען נאָך ווינטער דורך די שוועדן אויף הייץ־מאַטעריאַלן אויסגעהאַקט געוואָרן און די ביימער האָבן דעם אויסקוק נישט פאַרשטעלט, האָבן זיי זיך דעריבער אויך אָן שפּאַקטיוון געקאָנט איבערצייגן, אַז די שוועדן האָבן טאַקע ווידער זיך אַ לאָז־געטאָן צום שטורעם.

— כ'וואָלט די דאָזיקע פּאָזיציע בעסער געוואָלט פאַרלירן — האָט דער קיניג מיט אַמאָל זיך אָנגערופן — איידער אַז באָביניטש גאָל אומקומען!

— גאָט וועט אים שומר־ומציל־זיין! — האָט קסיאָנדז טשעטשישאָווסקי געזאָגט.

— און הער גראָדזשיצקי וועט צו דער ריכטער צייט אים פאַרשטאַרקונגען צושיקן! — האָט טיזענהויז צוגעגעבן.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט עפּעס אַ רייטער, וועלכער האָט זיך אין איין אימפּעט פון דער זייט פון דער

שטאָט דערנענטערט. טיזענהויז, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ שאַרפע ראיה, אַז ער האָט מיטן בלויזן אויג געזען בעסער, ווי אַנדערע צען שפּאָקטיוון, האָט דערזעענדיק אים ביים קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט און אַ געשריי־געטאָן:

— גרילעווסקי קערט זיך אום! באַבינישש האָט געמוזט פאַלן אין די באַפעסטיקונג איז איינגענומען געוואָרן!

דער קיניג האָט מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן, דער־ווייל איז גרילעווסקי צוגעשפּרונגען, האָט דאָס פערד אויפן אָרט איינגעהאַלטן און כאַפּנדיק לופט מיטן מויל, האָט ער אויסגערופן:

— גנעדיקער האַר!

— וואָס איז דאָרט? דערהרגעט? — האָט דער קיניג געפרעגט.

— הער באַבינישש זאָגט, אַז עס איז אים דאָרט גוט און ער וויל נישט קיין פאַרטרעטער, ער בעט נאָר, אַז מ׳זאָל אים עסן צו־שיקן, ווייל פון באַגינען האָבן זיי גאָרנישט אין מויל געהאַט!

— לעבט ער, הייסט עס? — האָט דער קיניג אַ געשריי־טאָן.

— ער זאָגט, אַז עס איז אים גוט! — האָט הער גרילעוו־סקי איבערגעחזרט.

און די איבעריקע האָבן, קומענדיק צו זיך נאָך דער פאַר־ווונדערונג, גענומען רופן:

— אָט דאָס הייסט אַ ריטערלעכער מוט!

— דאָס הייסט אַ זעלנער!

און שפּעטער צום הער גרילעווסקי:

— אַ, איר האָט שוין געדאַרפט בלייבן און אים דוקא אָפּ־לייזן. ווי איז אייך קיין בושה נישט געווען זיך אומצוקערן? אַ פחד איז אייך באַפאַלן, צי וואָס? בעסער וואָלט איר זיך נישט אומטערגענומען!

דערויף האָט הער גרילעווסקי געענטפערט:

— גנעדיקער האַר! ווער עס וואַרפט מיר פאַר פחדנות, מיט דעם וועל איך זיך אומעטום אָפּרעכענען, אָבער פאַר זיין מאַיעסטעט מוז איך זיך רעכטפאַרטיקן. כ׳בין געווען אין קרעטן־בערגל גופא,

וואָס אפשר נישט איינער פון די דאָזיקע הערן וואָלט נישט באַוויזן נאָכצוטאָן, אָבער יענער באַבּיניטש איז פאַר מיין גוטער כּוונה אויף מיר נאָך אַרויפגעשפּרונגען. „גייט (זאָגט ער) צו אַלדע רוחות! איך אַרבעט דאָ, איך קריך שיר (זאָגט ער) פון דער הויט נישט אַרויס און האָב נישט קיין צייט מיט אייך אייַנצוטענהן, און קיין שותּפים צום רום און צו דער קאָמאַנדע וויל איך נישט האָבן. ס'איז מיר דאָ גוט (זאָגט ער) און כ'וועל דאָ בלייבן, און אייך וועל איך פון גראָבן הייסן אַרויספירן! אַז געהרגעט זאָלט איר ווערן! (זאָגט ער). פרעסן ווילט זיך אונז, און דאָ שיקט מען מיר גאָר אַ קאָמענדאַנט און נישט צו עסן!" וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, גנעדיקער האַר? איך חידוש זיך אַפילו נישט איבער זיין הומאָר, ווייל די הענט שטייען זיי דאָרט אָפּ פון אַרבעט!

— אונוווי מיינט איר? — האָט דער קיניג געפרעגט — וועט ער זיך דאָרט דערהאַלטן?

— אַזאַ הפקר־מענטש! ווי וועט ער זיך נישט דערהאַלטן! כ'האָב נאָך פאַרגעסן צו דערציילן, וואָס ער האָט צו מיר ביים אַוועקגיין געשריגן: „איך וועל דאָ נאָך אַ וואָך אויך זיצן און זיך נישט לאָזן, אַבי איך זאָל האָבן וואָס צו עסן!"

— קאָן מען דאָרט איינזיצן?

— דאָרט, גנעדיקער האַר, איז אַן אמתער יום־הדין! איין גראַנאַט פאַלט נאָכן אַנדערן, די קוילן פייפן ביי די אויערן, ווי די רוחות, די ערד איז אין גריבער צעלעכערט, פון רויך קאָן מען נישט רעדן! די קוילן באַוואַרפן מיט זאַמד און ערד, אַז יעדע ווייל'ע דאַרף מען זיך אָפּטרייסלען, כּדי מ'זאָל נישט פאַרשאָטן ווערן. אַ סך זענען געפאַלן, אָבער די, וואָס לעבן, ליגן אין די שפּאַלטן אויפן גראָבן און זיי האָבן זיך פאַר די קעפּ פאַרצוימונגען [illegible]ון בוילן געמאַכט באַפעסטיקנדיק זיי מיט ערד. זייער פעסט האָבן [illegible] שווערן די דאָזיקע פאַרשאַנצונג געשאָטן, און איצט דינט [illegible] [illegible]עגן זיי. ביי מיר נאָך זענען הער גר[illegible]דזשעצקיס פּ[illegible]־גייער [illegible]געקומען און איצט שלאָגן זיי זיך דאָרט אויפסניי.

— אויב מ'קאָן נישט די מויערן אַטאַקירן, כּל־זמן ס'איז קיין דורכברוך נישטאָ — האָט דער קי[illegible] געזאָגט — וועט מי[illegible]

נאָך היינט די פּאַלאַצן אין דער קראָקעווער פּאָרשטאָט באַשיסן, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע מיטל דעם שונא פון זיי אָפּצווּלענקען.

— אויך די פּאַלאַצן זענען גוט באַפעסטיקט, זיי זענען כּמעט אין פעסטונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן האָט טיזענהויז באַמערקט.

— אָבער זיי וועלן פון דער שטאָט צוהילף זיי נישט איילן, ווייל די גאַנצע פאַרביסנקייט איז אויף באַבינישן געווענדעט — האָט דער קיניג געענטפערט — אַזוי וועט עס זיין, ווי איך שטיי דאָ אַ לעבעדיקער, אַזוי וועט עס זיין! און כ׳וועל באַלד הייסן שטורמען, כ׳וועל נאָר באַבינישן נאָך איבערצלמען.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער קיניג גענומען פון קסיאָנדז טש. טשישאָווסקיס האַנט דעם גילדענעם קרוציפיקס, אין וועלכן דער הייליקער צלם איז געווען איינגעפאַסט, און אויפהויבנדיק אים אין דער הויך, האָט ער גענומען בענטשן די ווייטע פאַרשאַנצונג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פייער און רויך, זאָגנדיק:

— גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק און יעקב דערבאַרעם זיך איבער דיין פאָלק און באַשיץ די דאָזיקע מענטשן פון סכּנת נפשות! אמן! אמן! אמן!

13. קאַפּיטל.

ס'איז געקומען דער בלוטיקער שטורעם פון דער זייט פון דער נייער וועלט צו דער קראָקעווער פאָרשטאָט. ער האָט זיך נישט זייער איינגעגעבן, אָבער אויף אַזוי פיל געמאַט אַ פּעולה, אַז ער האָט די אויפמערקזאַמקייט פון די שוועדן אָפּגעווענדט פון דער פאַרשאַנצונג, וואָס איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך קמיטשיצן און געלאָזט דעם גאַרניזאָן, וואָס איז אין איר געווען פאַרשפאַרט אַ ביסל פרייער אָפּעטעמען. די פּאָליאַקן האָבן זיך פונדעסטוועגן אַ רוק - געטאָן אַזש ביז צו קאַזשימיעזשס פּאַלאַץ, הגם זיי האָבן דעם דאָזיקן פונקט נישט געקאָנט איינהאַלטן.

פון דער צווייטער זייט האָט מען געשטורעמט צו דאַנילאָוויטשס פּאַלאַץ און צום דאַנציקער הויז, אויך אָן פּעולה. עס זענען ווידער געפאַלן אַ פּאָר הונדערט מענטשן. די איינע נחמה האָט דער קיניג געהאַט, וואָס ער האָט געזען, אַז אַפילו דער לאַנד שטורעם רייסט זיך אויף די מויערן מיט דער גרעסטער העלדישקייט און מסירת - נפש און אַז נאָך די דאָזיקע מער - וויניקער נישט איינגעגעבענע פּרוון, איז דער מוט נישט בלויז נישט גע-

פאַלן, נאָר אדרבא, אין דער אַרמיי האָט זיך באַפעסטיקט די זיכערקייט אין נצחון.

אָבער דאָס גליקלעכסטע געשעעניש פון די דאָזיקע טעג איז געווען דאָס אָנקומען פון הער יאַן זאַמאָיסקי און הער טשאַרניעצקי. דער ערשטער פון זיי האָט פון זאַמאָשטש אַראָפּגעבראַכט אויסגעצייכנטע פוס-גייער און אַזעלכע שווערע האַרמאַטן, אַז די שוועדן האָבן אַזעלכע אין וואַרשע נישט געהאַט. דער צווייטער האָט פריער אין הסכם מיטן הער סאַפּיעהאַ געהאַט אַרומגענומען דוגלאַסן מיט אַ טייל פון די ליטווישע חיילות און פּאָלעסיער לאַנד-שטורעם וואָס די קאָמאַנדע איבער אים איז יאַן סקשעטוסקין אָנפאַרטרויט געוואָרן, און דערנאָך איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע, כדי צו באַטייליקן זיך אין גענעראַל-שטורעם. מ'האָט זיך געריכט, און אויך טשאַרניעצקי האָט אין דעם געגלויבט, אַז דער דאָזיקער שטורעם וועט זיין דער לעצטער.

אויף דער פאַרשאַנצונג, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך קמיטשיצן, האָט מען אויסגעשטעלט יענע מעכטיקע האַרמאַטן, וועלכע האָבן תיכף גענומען אַרבעטן קעגן די מויערן און טויער און אין אָנהויב געצווונגען די שוועדישע גראַנאַטן-וואַרפער צו שווייגן. דעמאָלט האָט גענעראַל גראָדזשיצקי אַליין פאַרנומען די דאָזיקע פּאָזיציע, און קמיטשיץ האָט זיך אומגעקערט צו זיינע טאָטערס.

אָבער ער איז נאָך נישט געווען צוגעפאָרן צו זיין קוואַרטיר, ווי מ'האָט אים שוין קיין אויאַזדאָוו גערופן. דער קיניג האָט פאַרן גאַנצן שטאַב שטאַרק געלויבט דעם יינגן ריטער; ס'האָט אים קיין תהלות-ותשבחות נישט געקאַרגט נישט טשאַרניעצקי אַליין, נישט סאַפּיעהאַ, נישט לובאָמירסקי, נישט די קרוין-העטמאַנס, און ער איז געשטאַנען אין די צעריסענע, מיט ערד באַשאָטענע מלבושים, מיט אַ פּנים, אינגאַנצן פון פּולווער-רויך פאַרקאָפּטשעט, אַ נישט אויסגעשלאָפענער, אַ פאַרקויטיקטער, אָבער אַ זייער צופרידענער, וואָס ער האָט די פאַרשאַנצונג איינגעהאַלטן, אַזויפיל שבחים פאַרדינט און זיך אַ געוואַלדיקן רום פאַרשאַפט ביי ביידע אַרמייען.

צווישן אַנדערע ריטער האָבן אים אויך הער וואָלאָדיאָווסקי און הער זאַגלאָבאַ געוווּנטשן.

— איר ווייסט גאָרניִשט, הער אַנדזשעי — האָט אים דער קליינער ריטער געזאָגט — ווי געשאַכפּערט איר זענט אויך בײַם קיניג. געכטן בין איך געווען אויף אַ מלחמה־באַראַטונג, ווײַל הער טשאַרניעצקי האָט מיך מיט זיך מיטגענומען. מ'האָט גערעדט וועגן שטורעם, און דערנאָך וועגן די ידיעות, וואָס זענען געראָד פֿון ליטע אָנגעקומען, וועגן דער דאָרטיקער מלחמה און וועגן די אַכזריותן, וואָס פּאָנטוס און די שוועדן באַגייען. מ'האָט זיך באַראַטן, ווי אַזוי דאָרט די מלחמה אונטערצוהעצן. סאַפּיעהאַ זאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען צו שיקן אַ פּאָר פּאָלקן און אַ מענטש, וואָס זאָל דאָרט קאָנען זײַן דאָס, וואָס הער טשאַרניעצקי איז אין אָנהויב מלחמה געווען אין קרוין־פּוילן. דערויף רופֿט זיך אָן דער קיניג: אַזעלכער איז פֿאַראַן נאָר איינער: באַביניטש. אַנדערע האָבן באַלד מסכּים געווען.

— קיין ליטע, און באַזונדערס קיין זשאַמעט, וועל איך זייער גערן פֿאָרן — האָט קמיטשיץ געזאָגט — כ'האָב אַליין דעם קיניג בדעה געהאַט וועגן דעם צו בעטן, כ'וואַרט נאָר, ביז מיר וועלן וואַרשע ניִשט נעמען.

— דער גענעראַל־שטורעם איז באַשטימט אויף מאָרגן — האָט זאַגלאָבאַ צוקומענדיק געזאָגט.

— כ'ווייס, און וואָס מאַכט קעטלינג?

— ווער? איר מיינט אודאי האַסלינג?

— אַלץ איינס, ווײַל ער האָט צוויי נעמען, ווי דער מנהג איז בײַ די ענגלענדער, שאָטלענדער און אַ סך אַנדערע פֿעלקער.

— אמת — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופֿן — און דער שפּאַניער האָט אויף יעדן טאָג אין דער וואָך אַן אַנדערן נאָמען. אייער דינער האָט מיר געזאָגט, אַז האַסלינג, אָדער קעטלינג, איז געזונט; ער רעדט שוין, גייט שוין און די היץ האָט אים שוין אָפּגעלאָזט, ער בעט נאָר יעדע שעה עסן.

— און איר זענט ניִשט בײַ אים? — האָט קמיטשיץ געפֿרעגט דעם קליינעם ריטער.

— כ׳בין נישט געווען, ווייל כ׳האָב קיין צייט נישט געהאַט. ווער האָט דאָס פאַרן שטורעם אַ קאָפּ צו וואָס-עס-איז?

— אויב אַזוי לאָמיר איצט גיין.

— איר גייט צוערשט שלאָפן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— גערעכט! גערעכט! כ׳שטיי קוים אויף די פיס!

אַז ער האָט זיך געהאַט אומגעקערט אין זיין קוואַרטיר, האָט הער אַנדזשעי טאַקע געפאָלגט די דאָזיקע עצה, בפרט, אַז אויך האַסלינג איז גראָד געשלאָפן. דערפאַר זענען אים אין אָוונט געקומען באַזוכן זאַגלאָבאַ מיט וואָלאָדיאָווסקין און זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין דעם בריוחדיקן זומער-ביידל, וואָס די טאָטערס האָבן פאַר זייער „באַגאַדיר" אויפגעשטעלט. די קעמליטשס האָבן זיי אָנגעגאָסן אַלטן, הונדערט-יעריקן מעד, וואָס דער קיניג האָט קמיטשיצן צוגעשיקט, און זיי האָבן אים געשמאַק געטרונקען, ווייל ס׳איז אין דרויסן געווען הייס. נאָך אַ בלאַסער און אָפּגעשוואַכטער, האָט האַסלינג ווי געשעפּט לעבן און געזונט פון דער טייערער משקה. זאַגלאָבאַ האָט מיט דער צונג זיך באַלעקט און דעם שווייס פון שטערן געווישט.

— העי, ווי די האַרמאַטן דונערן דאָרט — האָט איינהערנדיק זיך, דער ייִנגער שאָטלענדער זיך אָנגערופן — מאָרגן וועט איר גיין צום שטורעם... ס׳איז די געזונטע מקנא צו זיין!.. זאָל אייך גאָט געבן הצלחה!.. איך בין אַ פרעמדער און כ׳האָב געדינט וועמען איך האָב מיך מתחייב געווען צו דינען, אָבער אייך גין איך מער גליק. אַך! וואָס פאַר אַ מעד דאָס איז! אַ חיות, אַ חיות קומט מיר אין די ביינער אַריין...

אַזוי רעדנדיק, האָט ער זיינע גאָלדענע האָר אויף הינטן פאַרוואָרפן און די בלאָע אויגן צום הימל אויפגעהויבן; און אַ פנים האָט ער געהאַט אַ וווּנדער-שיינס און כמעט נאָך אַ קינדישס. זאַגלאָבאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אַ גרויסער גערירטקייט.

— איר רעדט אַזוי גוט פויליש, הער ריטער, ווי יעדער פון אונז. בלייבט אַ פּאָליאַק, האָט ליב אונזער פאָטערלאַנד און איר וועט טאָן אַ גוטע זאַך און קיין מעד וועט אייך נישט פעלן!

און וואָס שייך בירגער־רעכט קומט עס אַ זעלטענער ביי אונז גישט אַזוי שווער אָן.

דערויף האָט האַסלינג געענטפערט:

— בפרט, אַז איך בין אַ שלאַכטשיץ. מיין גאַנצער נאָמען איז: האַסלינג־קעטלינג אָף עלדזשין. מיין משפחה שטאַמט פון ענגלאַנד, הגם זי האָט אין שאָטלאַנד זיך באַזעצט.

— דאָס זענען ווייטע און מעבר־לימדיקע מדינות, און דאָ איז פאַר אַ מענטשן עפּעס בעסער צו לעבען — האָט זאַגלאָ־באַ געזאָגט.

— מיר איז אויך דאָ גוט!

— אָבער אונז איז שלעכט — האָט געזאָגט קמיטשיץ, וועל־כער האָט פון אָנהויב אָן זיך אומגעדולדיק געדרייט אויף דער באַנק — ווייל מיר חלשן צו הערן, וואָס אין טוראָגי האָט זיך ■אַרלאָפן, און איר שמועס: גאָר וועגן יחוס־בריוו.

— פרעגט מיך, וועל איך ענטפערן.

— איר האָט אָפט געזען דאָס פרייליין בילעוויטש?

האַסלינגס בלאַסע פּנים האָט זיך פאַררויטלט.

— יעדן טאָג! — האָט ער געענטפערט.

און הער קמיטשיץ האָט באַלד גענומען אויף אים שאַרף קוקן.

— וואָס עפּעס אַזאַ באַענטער מחותן? וואָס זענט איר אַזוי רויט געוואָרן? יעדן טאָג? וואָס הייסט, יעדן טאָג?

— ווייל זי האָט געוווסט, אַז איך בין איר אַ גוטער פריינט און האָב איר אַ פּאָר מאָל טובות געטאָן. דאָס וועט זיך פון דער ווייטערדיקער דערציילונג אַרויסווייזן, און איצט מוז איך דערציילן פון אָנהויב־אָן. איר ווייסט אפשר נישט, אַז איך בין נישט גע־ווען אין קיידאַני דעמאָלט, ווען דער פירשט שטאַלמייסטער איז אָנגעקומען און דאָס דאָזיקע מיידל קיין טוראָגי אַרויסגעפירט? איז אָט פאַרוואָס דאָס איז געשען, וועל איך נישט איבערחזרן, ווייל מ'האָט די פאַרשידנסטע זאַכן אָנדערציילט, דאָס וועל איך גאָר זאָגן, אַז קוים זענען זיי אָנגעקומען, האָבן אַלע באַלד באַמערקט, אַז דער פירשט איז מוראדיק פאַרליבט.

— אַז גאָטס שטראָף זאָל אים טרעפן! — האָט קמיטשיק אויסגעשריגן.

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פאַרוויילונגען, וואָס אַזעלכע זענען קיינמאָל נישט געווען, און געיעגן נאָך רינגען און טורנירן. עמ'צער וואָלט געמיינט, אַז מיר לעבן אין די רזיקסטע צייטן. און דאָ זענען יעדן טאָג געפלויגן בריוו, עס זענען אָנגעקומען שליחים פון קורפירשט, פון פירשט יאַנוש. מיר האָבן געחוסט, אַז דער פירשט יאַנוש איז דורכן הער טאַפּיעהאַ און די קאָנפעדעראַטן צוגעקוועטשט געוואָרן, אַז ער בעט צו גאָט נאָך רחמים, ווייל עס שטייט אים פאַר אַן אונטערגאַנג. מיר גאָרנישט! אויף דער קורפירשטלעכער גרענעץ שטייען גרייטע חיילות, קאַפּיטאַנען מיט ניי־ווערבירטע זעלנער קומען אָן, אָבער צו הילף גייען מיר נישט, ווייל דעם פירשטס קאָפּ איז מיטן מיידל פאַרנומען.

— דערפאַר, הייסט עס, איז באָגוסלאַוו נישט געקומען דעם ברודער צו הילף? — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— יאָ. דאָס אייגענע האָט אויך געזאָגט פּאַטערסאָן און אַלע זיינע מקורבים. אַ טייל האָבן געהאַט תרעומות, אַנדערע זענען געווען צופרידן, וואָס די ראַדזיווילס גייען־אונטער. סאַקאָוויטש האָט פאַרן פירשט די עפנטלעכע ענינים באַזאָרגט און אויך די בריוו געענטפערט און מיט די שליחים זיך באַראַטן, און דער פירשט האָט זיין מוח אָנגעשטרענגט נאָר דערויף, ווי אַזוי איינצואָרדנען עפּעס אַ פאַרוויילונג, אָדער אַ רייטער־אויספלוג, אָדער אַ ציעג. מיט געלט האָט ער, דער קמצן, געשאָסן אויף אַלע זייטן. געהייסן וועלדער אויף גאַנצע מיילן אויסהאַקן, כדי דאָס מיידל זאָל פון די פענסטער אַ בעסערן אויסקוק האָבן, הקיצור, ער האָט איר אויף אַן אמת בלומען אונטער די פיס געשאָטן און זי אַזוי באַהאַנדלט, אַז ווען זי וואָלט געווען די שוועדישע קיניגין, וואָלט ער עפּעס בעסערס פאַר איר נישט געקאָנט צוטראַכטן. אַ סך האָבן זיך צוליב דעם באַדויערט, ווייל מ'האָט געזאָגט: „דאָס אַלץ וועט זיין צו איר אומגליק, ווייל חתונה האָבן וועט דאָך דער פירשט נישט, און אויב ער וועט נאָר איר האַרץ געווינען, וועט ער זי

פֿאַרפֿירן". ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט אַזאַ מיידל, וועלכע מ'קאָן פֿירן דאָרט, וווּ די צניעות גייט נישט. אָהאָ!

— און וואָס? — האָט קמיטשיץ אויסגערופֿן, אויפֿשפּרינגענדיק פֿון אָרט — איך ווייס דאָס בעסער פֿון אַלע!

— און ווי האָט דאָס פֿריילײַן בילעוויטש אויפֿגענומען דעם דאָזיקן קיניגלעכן כּבֿוד? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפֿרעגט.

— תּחילת מיט אַ פֿריילעכן פּנים, הגם ס'איז אויף אים קענטיק געווען, אַז זי טראָגט אין האַרצן עפּעס אַ ווייטאָג. זי פֿלעגט זײַן אויף די געיעגן, אויף די מאַסקאַראַדעס און רייטער-אויספֿלוגן און טורנירן, מײַנענדיק אפֿשר, אַז אַזוי איז מען זיך תּמיד נוהג בײַם פֿירשט. אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס אַלץ איז פֿאַר אירעטוועגן. איינמאָל האָט געטראָפֿן, אַז דעם פֿירשט איז נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געמוחט צוצוטראַכטן עפּעס אַ נײַע פֿאַרווײַלונג, אײַנגעפֿאַלן צו ווײַזן דעם מיידל אַ בילד פֿון דער מלחמה; מ'האָט אָנגעצונדן אַ קאָלאָניע נעבן טויראָגי: פֿוסגייער האָבן פֿאַרטיידיקט, דער פֿירשט האָט געשטורעמט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, נאָך וועלכן ער איז זאַט מיט רום, אַנידערגעפֿאַלן, ווי מ'זאָגט, דעם מיידל צו די פֿיס און וועגן קעגנזײַטיקייט אין ליבע געבעטן. מ'ווייסט נישט, וואָס ער האָט איר דאָרט פֿאַרגעלייגט, אָבער פֿון דעמאָלט אָן איז געקומען אַ סוף צו זייער פֿרײַנטשאַפֿט. זי האָט גענומען טאָג און נאַכט זיך האַלטן בײַם אַרבל פֿון איר פֿעטער, דעם ראָסיענער שווערד-טרעגער, און דער פֿירשט...

— האָט איר גענומען דראָען? — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן.

— וואָס רעדט איר! פֿאַר אַ גריכישן הירט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט, פֿאַר פּילעמאָנען; ספּעציעלע שליחים זענען געפֿלויגן קיין קעניגסבערג נאָך מאָדעלן פֿון הירטן קליידער, נאָך בענדלעך און פֿעריקן. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ פֿאַרצווייפֿלטן, איז געגאַנגען הינטער אירע פֿענסטער און אויף אַ פֿלייט געשפּילט. און דאָ וועל איך אײַך זאָגן, מײַנע הערן, וואָס איך טראַכט אויפֿ-

ריכטיק: אַ געפערלעכער תלין איז דאָס געווען פאַר צניעותדיקע מיידלעך און מ׳קאָן וועגן אים דרייסט זאָגן, וואָס מ׳זאָגט אין אונזער פאָטערלאַנד וועגן אַזעלכע מענטשן: אַז זיינע בענקענישן האָבן נישט איין מיידלשן זעגל אָנגעבלאָזן, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך אויף אַן אמת פאַרליבט, און ס׳איז אויך קיין חידוש נישט, ווייל דאָס מיידל איז גיכער ענלעך געווען אויף אַ געטין, איידער אויף אַן איינוווינערין פון דער זינדיקער ערד.

דאָ האָט האַסלינג זיך ווידער פאַררויטלט, אָבער הער אַני־דזשעי האָט דאָס נישט באַמערקט, ווייל אָנגעמענדיק זיך פון נחת און שטאָלץ ביי די זייטן, האָט ער גראָד מיט אַ טריומ־פירנדיקן בליק געקוקט אויף זאַגלאָבאַן און וואָלאָדיאָווסקין,

— מיר קענען זי, דיאַנאַ או׳סן אויג, נאָר עס פעלט איר די לבנה אין די האָר! — האָט דער קליינער ריטער געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט דיאַנאַן! די אייגענע הינט וואָלטן אויף דיאַנאַן געהיילט, ווען זיי וואָלטן זי׳ דערזען! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן.

— דערפאַר האָב איך טאַקע געזאָגט: „ס׳איז קיין חידוש נישט“ — האָט האַסלינג געענטפערט.

— גוט! אָבער פאַר דעם נישט־חידוש וואָלט איך אים אַביסל מיט פייער צוגעברענט; פאַר דעם נישט־חידוש וואָלט איך אים מיט נעגל געהייסן צוקאָוועו...

— לאָזט צורו! — האָט זאַגלאָבאַ איבערגעריסן — צוערשט פאַקט אים, דערנאָך וועט איר אייערע ווילדע שטיק מאַכן, און איצט לאָזט דעם דאָזיקן ריטער רעדן.

— נישט איינמאָל האָב איך געהאַלטן די וואַך פאַר דער שטוב, אין וועלכער ער איז געשלאָפן — האָט האַסלינג ווייטער גע־זאָגט — און איך ווייס, ווי ער האָט זיך געוואָרפן אויפן בעט, און געזיפצט, און גערעדט צו זיך אַליין, און געקרעכצט, ווי פון יסורים, אַזוי האָט אים אַ פּנים די תאווה געפייניקט. ער האָט זיך מוראדיק פאַרענדערט, איז איינגעדאַרט געוואָרן: אפשר האָט אים שוין געגאָגט די קראַנקהייט, אין וועלכער ער איז שפעטער אַריינ־געפאַלן. דערווייל האָט זיך איבערן גאַנצן הויף פאַרשפרייט אַ

ידיעה, אַז דער פירשט האָט זיך שוין אַזוי ווייט פאַרגעסן, אַז ער וויל חתונה־האָבן. דאָס איז אויך אָנגעקומען צו פירשט יאַנושס ווייב, וועלכע האָט מיט דער טאָכטער געוווינט אין טוריאָגי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברוגז און אַ כּעס, ווייל ווי אייך איז באַקאַנט, האָט באָגוסלאַוו, לויט אַ מדובר, געזאָלט חתונה האָבן מיטן פירשט יאַנושס טאָכטער, ווי נאָר זי וועט אַ בוגרת ווערן. אָבער ער האָט שוין וועגן אַלץ פאַרגעסן, אַזוי איז אים דאָס האַרץ געווען צעבראָכן. די פירשטין איז אַן אויפגעבראַכטע מיט דער טאָכטער קיין קורלאַנד אָפּגעפאָרן, און ער האָט נאָך דעם זעלבן אָוונט פרייליין בילעוויטשס האַנט געבעטן.

— די האַנט געבעטן?! — האָבן זאַגלאָבאַ, קמיטשיץ און וואָלאָדיאָווסקי פאַרווונדערטע אויסגערופן.

— יאָ! צוערשט ביים ראָסיענער שווערד־טרעגער, וועלכער איז נישט ווייניקער פון אייך נבהל־ונשתומם געוואָרן און די אייגענע אויערן נישט געוואָלט גלייבן, אָבער אַז ער האָט לסוף געגלייבט, איז ער געוואָרן מלא־שמחה, ווייל פאַר דער גאַנצער משפחה פון די בילעוויטשס איז עס דאָך עפּעס נישט קיין קליינע זכיה מיט די ראַדזיווילס זיך משדך צו זיין; פּאַטערסאָן האָט אמת געזאָגט, אַז עס איז סיי ווי פאַראַן עפּעס אַ קרובהשאַפט, אָבער אַן אַלטע און אַ פאַרגעסענע.

— דערציילט ווייטער! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן, ציטערנדיק פון אומגעדולד.

— ביידע זענען זיי דאַן אַוועק צום פרייליין מיטן גאַנצן פאַראַד, וואָס איז אין אַזעלכע פאַלן אָנגענומען. דער גאַנצער הויף האָט זיך אַזש געטרייסלט. עס זענען אָנגעקומען שלעכטע בשורות פון פירשט יאַנוש, איין סאַקאָוויטש האָט זיי איבערגעלייענט, ווייטער האָט קיינער זיך מיט זיי נישט אינטערעסירט, אויך נישט מיט סאַקאָוויטשן, אויף וועלכן באָגוסלאַוו האָט אין יענער צייט אַן אומחן געוואָרפן, ווייל ער האָט פון חתונה־האָבן אָפּגערעדט. און ביי אונז האָבן אַ טייל געזאָגט, אַז נישט צום ערשטן מאָל האָבן די ראַדזיווילס חתונה מיט שלאַכטשאַנקעס, אַז אין דער דאָזיקער רעפּובליק זענען אַלע שלאַכטשיצעס גלייך, און אַז דער יחוס פון

די בילעוויטשס גרייכט אַזש ביז צו די רוימישע צייטן. און דאָס האָבן געזאָגט די, וועלכע האָבן שוין געוואָלט דעם חסד פון דער להבאדיקער פירשטין פאַרדינען. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיצל פון פירשט, כדי אויף אַזאַ אופן צו באַקומען די געלעגנהייט פאַר אַ וואָס גרעסערער פאַרטרויִלעכקייט מיטן מיידל (ווי דאָס טרעפט נישט איינמאָל צווישן חתן־כּלה) און אגב די בלום פון אומשולד אָפּצופּליקן.

— אודאי! עפּעס אַנדערש איז ער זיכער נישט אויסן געווען! — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— און איך מיין אויך אַזוי — האָט האַסלינג געזאָגט — אָבער הערט ווייטער. ווי מיר רעדן אַזוי צווישן זיך אין הויף, האָט מיט אַמאָל, ווי אַ דונער אַריינגעשלאָגן די ידיעה, אַז דאָס מיידל האָט די ספקות ווי מיט דער שווערד איבערגעהאַקט, ווייל זי האָט פּשוט אָפּגעזאָגט.

— זאָל זי גאָט בענטשן! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן.

— זי האָט, הייסט עס, פּשוט אָפּגעזאָגט! — האָט האַסלינג ווייטער דערציילט — ס'איז געווען אַ קוק צו טאָן אויפן פירשט, אַז מען זאָל דאָס דערקענען. ער, וועמען פּרינצעסיגס האָבן נאָכגעגעבן, האָט קיין ווידערשטאַנד נישט פאַרטראָגן און ער איז שיר נישט פון זינען אַראָפּ. ס'איז געווען אַ סכנה זיך פאַר אים צו ווייזן. מיר האָבן אַלע געוווסט, אַז עס וועט לאַנג אַזוי נישט בלייבן און אַז דער פירשט וועט פריער אָדער שפּעטער געוואָלט אָנווענדן. מ'האָט טאַקע אויפן צווייטן טאָג געכאַפּט דעם הער שווערד־טרעגער און אים אַריינגעזעצט אין טילזש, באַלד נאָך דער קורפירשטלעכער גרענעץ. דעם זעלבן טאָג האָט דאָס מיידל מיט תחנונים געפּועלט ביי אַן אָפיציר, וואָס האָט געהאַלטן די וואַך ביי איר טיר, אַז ער זאָל איר געבן אַן אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט. דער אָפיציר האָט איר דאָס נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווייל אַליין א שלאַכטשיץ און אַן ערן־מאַן, האָט ער געהאַט רחמנות אויף די ליידן פון דער דאַמע און יראת־הכּבוד פאַר איר שיינקייט און האַרטנעקיקייט.

— ווער איז דאָס דער דאָזיקער אָפיציר? — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— איך! — האָט האַסלינג טרוקן געענטפערט.

הער אַנדזשעי האָט אים אַזוי אַ כאַפּ־געטאָן אין די אָרעמס אַריין, אַז דער ייִנגער שאָטלענדער, וועלכער איז נאָך שוואַך געווען, האָט אַ געשריי־געטאָן פון ווייטאָג.

— שאַט נישט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן — איר זענט נישט קיין געפאַנגענער, איר זענט מיין ברודער, מיין פריינט! זאָגט, וואָס ווילט איר? בײַ גאָט, זאָגט וואָס ווילט איר?

— אָפרוען אַ ווײַלע! האָט האַסלינג סאַפּענדיק געענטפערט.

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער האָט נאָר געדריקט די הענט, וואָס עס האָבן אים דערלאַנגט וואָלאָדיאָווסקי און זאַגלאָבאַ, און זעענדיק צום סוף אַליין, אַז אַלע ברענען פון נייגעריקייט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— כ'האָב זי אויך מתּרה געווען וועגן דעם, וואָס אַלע האָבן געוווּסט, אַז דעם פּירשטס מעדיקער האָט צוגעגרייט עפּעס איינשלעפערנדיקע רפואות. דערווייל האָט זיך אָבער די מורא אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומזיסטע, ווייל גאָט האָט אין דער זאַך זיך אַרייַנגעמישט. ער האָט דעם פּירשט מיט אַ פינגער אָנגערירט און אים אַוועקגעלייגט אויפן קראַנקן־בעט אויף אַ גאַנצן חודש צייט. אַ פּלא, מיינע הערן, אָבער דעם אייגענעם טאָג, ווען ער האָט אויף דעם מיידלס צניעות זיך געוואָלט אָנוועצן, איז ער געפאַלן אַזוי, ווי מ'וואָלט אים די פיס מיט אַ קאָסע אונטערגעהאַקט. אַ אצבע־אלהים, זאָג איך, און נישט מער! ער האָט דאָס אַליין זיך געטראַכט און אַ פּחד איז אים באַפאַלן, אפשר האָט גאָר בעת דער קרענק די תּאווה זיך אין אים אויסגעוועפּט, און אפשר האָט ער געוואַרט, ביז די כּוחות וועלן אים באַגייט ווערן, גענוג, אַז נאָכדעם, ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זי געלאָזט צורו און אפילו דעם שווערד־טרעגער דערלויבט פון טילזש אַראָפּצובריינגען. אין תּוך גענומען, האָט אים די מסוכנדיקע קרענק אָפּגעלאָזט, אָבער נישט דער פיבער, וועלכער מוטשעט אים אפשר נאָך עד־היום. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אויך באַלד נאָכן פאַרלאָזן דאָס

בעט געמוזט אוועק שלאָגן זיך ביי טיקאָטשין, ווו ער האָט געהאַט אַ מפּלה. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ נאָך גרעסערן פיבער, דערנאָך האָט אים דער קורפירשט גערופן צו זיך און דערווייל איז אין טוירעגי פאָרגעקומען אַזאַ שנוי, וועגן וועלכן ס׳איז אי משונהדיק און אי לעכערלעך צו דערציילן, געגוג, אַז דער פירשט קאָן שוין דאָרט נישט רעכענען אויף דער טריישאַפט פון קיין שום אָפיציר און פון קיין שום הויף - מאַן, סיידן פון די גאַנץ אַלטע, וואָס דערזעען נישט און דערהערן נישט און ממילא דערהיטן זיי אויך נישט.

— וואָס איז אַזוינס געשען! — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— בעת דער טיקאָטשינער עקספּעדיציע האָט מען געכאַפּט, נאָך פאַר דער יאַנאָווער מפּלה, אַ געוויס פרייליין אַנאַ באָזשאָבאָ-האַטאַ קראַשיענסקאַ און מ׳האָט זי אָפּגעשיקט קיין טויראָגי.

— נאַדיר אַ ניי אָנשיקעניש! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגע-רופן.

און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן און בייז מיט די וואָנסעלעך באַוועגן און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— הער ריטער, רעדט נאָר נישט אויף איר קיין לשון - הרע ווייל נאָכן געזונט - ווערן וואָלט איר געהאַט מיט מיר צו טאָן.

— ווען כ׳זאָל אפילו וועלן, קאָן איך אויף איר קיין שום שלעכטס נישט זאָגן, אָבער אויב דאָס איז אייער כלה, וועל איך אייך זאָגן׳ אַז איר היט זי שלעכט, און אויב אַ קרובה, קענט איר זי צו גוט, אַז איר זאָלט דאָס, וואָס איך וועל זאָגן, אָפּליי-קענען, גענוג, אַז אין משך פון אַ וואָך צייט האָט דאָס מיידל אַלעמען די קעפּ פאַרדרייט, די אַלטע און די יינגע, און דאָס בלויז דורך וואַרפן מיט די אייגעלעך אויף אַלע זייטן און דורך נאָך עפּעס כישופדיקע קונצן, פון וועלכע איך קאָן זיך שוין קיין דין - וחשבון נישט אָפּגעבן.

— זי! אין גיהנום וואָלט איך זי לויט די סימנים דער-קענט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ ברום - געטאָן.

— אַ פלאַדיקע זאַך! האָט האַסלינג געזאָגט — דאָס פריילײַן בליעוויטש איז דאָך אַזוי שײן ווי יענע, אָבער עס שלאָגט פון איר אַזאַ חשיבות און אַזאַ אומצוטריטלעכקייט, ווי פון עפעס אַ הייליקער, אַז בײַ דער גאַנצער באַוווּנדערונג און יראת־הכבוד, דערוועגט זיך נישט דער מענטש אַפילו די אויגן אויף איר אויפצוהייבן, און אַ פשיטא־שוין צו פאַרבינדן עפעס אַ האָפנונג. איר וועט אַליין מודה זײַן, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מיידלעך: מאַנכע, ווי די אַלט־פרענקישע וועסטאַלקעס, אַנדערע, וואָס קוים גיסטו אויף זיי אַ קוק, וואָלסטו שוין וועלן...

— גנעדיקער הער! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

— קאָכט זיך נישט, הער מיכאַל, ווײַל ער זאָגט דעם אמת! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — איר אַליין צאַפּלט בײַ איר מיט די פיס, ווי אַ הענדל, און די אויגן ווערן אײַך מיט אַ בעלמע פאַרלאָפן, און אַז זי איז אַ קאָפּ־פאַרדרייערין, ווייסן מיר אַלע און איר אַליין האָט עס אפשר הונדערט מאָל געזאָגט.

— געוויס ווען דעם — האָט האַסלינג געזאָגט — כ'האָב אײַך גאָר געוואָלט קלאָר־מאַכן, פאַרוואָס אין פרײַלײַן בילעוויטש האָבן זיך פאַרליבט גאָר מאַנכע, וואָס זענען באמת מסוגל אָפּצושאַצן איר פולקאָמענהייט (דאָ האָט האַסלינג זיך ווידער פאַררויטלט) און פרײַלײַן באָזשאָבאָהאַטאַ כמעט אַלע. ווי גאָט איז מיר ליב, אַ געלעכטער איז אָנגעגאַנגען, ווײַל עס האָט ממש אויסגעזען אַזוי ווי עפעס אַ מגפה וואָלט אויף אַלעמענס הערצער געקומען. און די מסובים און די דועלן האָבן גאָר קיין שיעור נישט געהאַט. און ווען וואָס? נאָך וואָס? ווײַל נאָך דאָס מוזט איר וויסן, אַז עס איז גאָרנישט דאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָל זיך קאָנען באַרימען, אַז ער איז אויך געליבט פון דאָזיקן מיידל, יעדער גלויבט נאָר בלינד אין דעם, אַז פריער אָדער שפעטער וועט ער אַליין צו עפעס זוכה זײַן.

— זי, ווי ער וואָלט זי געמאָלט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי ווידער אַ ברום־געטאָן.

— דערפאַר האָבן זיך ביידע מיידלעך שטאַרק ליב באַקומען — האָט האַסלינג ווייטער געזאָגט — איינע אָן דער אַנדערער

האָט זיך אויף קיין שריט נישט גערירט, און אַזוי ווי פריילין באָזשאָבאָהאַטאַ רעגירט ווי זי וויל נאָר אַליין אין טויראַגי ..

— וואָס הייסט? — האָט דער קלייגער ריטער איבערגע־האַקט.

— ווייל זי רעגירט מיט אַלעמען. סאַקאָוויטש איז אין דער מלחמה איצט נישט אַרויסגעפאָרן, אַזוי פאַרליבט איז ער, און סאַקאָוויטש איז מושל־בכפּה אין פירשטס אַלע גיטער. דורך אים רעגירט פריילין אַננאַ.

— אַזוי פאַרליבט איז ער? — האָט וואָלאָדיאָווסקי ווידער געפרעגט.

— און איז ביי זיך ז״ער זיכער, ווייל ער איז בכלל אַ גרויסער תּקיף.

— און ער הייסט סאַקאָוויטש?

— איר ווילט אים, ווי איך זע, זיך גוט נעמען אין זכרון אַריין?

— אַ... וודאי! — האָט וואָלאָדיאָווסקי כּלומרשט קאַלט גע־ענטפערט, אָבער דערביי אַזוי בייז מיט די וואָנסעלעך באַוויגן, אַז זאַגלאָבאַן האָט אַזש אַ שוידער דורכגענומען.

— איך האָב נאָר דאָס געוואָלט צוגעבן — האָט האַסלינג געזאָגט — אַז ווען פריילין באָזשאָבאָהאַטאַ וואָלט געהייסן סאַ־קאָוויטשן, אַז ער זאָל דעם פירשט פאַרראַטן און איר און איר חברטע מיטהעלפן צו אַנטלויפן, מיין איך, אַז ער וואָלט דאָס אָן קווענקלעניש געטאָן, אָבער אויף וויפיל איך ווייס, וויל י דאָס בעסער טאָן אָן סאַקאָוויטשס וויסן, אפשר אים אויף צו להכעיס.. ווער ווייסט... געניג, אַז איין אָפיציר, מיין לאַנדסמאַן (נאָר נישט קיין קאַטאָליק), האָט מיר מגלה געווען, אַז דאָרט איז שוין דער גאַנצער אַרויספאָר פון שווערד־טרעגער מיט די מיידלעך גע־פּלאַנט, די אָפיצירן זענען אין דער פאַרשווערונג אַריינגעצויגן... אַז דאָס זאָל בקרוב געשען...

דאָ האָט האַסלינג גענומען שווער אָטעמען, ווייל ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן און שוין די לעצטע כּוחות אָנגעשטרענגט.

— און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס כ'האָב אייך געהאַט צו זאָגן! — האָט ער האַסטיק צוגעגעבן.

וואָלאָדיאָווסקי און קמיטשיץ האָבן זיך אויש פאַר די קעפּ אָנגעכאַפּט.

— וווהין זאָלן זיי אַנטלויפן?

— אין די וועלדער און דורך די וועלדער קיין ביאַלאָוויעזש זיך דורכקלייבן... כ'האָב שוין קיין כוח נישט!...

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דאָס אַרייַנקומען פון סאַפּיעהאַס אָרדאָנאַנס־אָפיציר, וועלכער האָט וואָלאָדיאָווסקין און קמיטשיצן איבערגעגעבן צוזיפגעלייגטע בייגעלעך פּאַפּיר. קוים האָט וואָלאָדיאָווסקי זייַנס אויפגעמאַכט, האָט ער זיך שוין אָנגערופן:

— אַ באַפעל, די פּאָזיציעס צו דער מאָרגנדיקער אַרבעט שוין צו פאַרנעמען.

— איר הערט, ווי די שווערע האַרמאַטן ריטשען? — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

— נאָ, מאָרגן! מאָרגן!

— אוף! הייט! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — אַ שלעכ־טער טאָג צום שטורעם... דער טייוול זאָל עס נעמען, אַזעלכע חמימות. געטלעכע מוטער... נישט אייַנער וועט מאָרגן נישט געקוקט אויף דער היץ, קאַלט ווערן, אָבער נישט די, וואָס האָבן בטחון אין דיר, באַשיצערין אונזערע... ווי זיי דונערן, די האַרמאַ־טן!.. כ'בין שוין צו אַלט פאַר שטורמעס, אַן אָפן פעלד איז עפּעס אַנדערש.

אין דעם האָט אַ נייער אָפיציר זיך באַוויזן אין דער טיר.

— פאַראַן דאָ דער הער זאַגלאָבאַ? — האָט ער געפרעגט.

— כ'בין דאָ!

— אויפן באַפעל פון גנעדיקן האַר קיניג דאַרפט איר מאָרגן בלייבן בייַ זייַן פּערזאָן.

— האַ! זיי ווילן מיך פון שטורעם אָפּהיטן, ווייל זיי ווייסן, אַז ווי נאָר די טרומייטן וועלן זיך צעשאַלן, וועט דער אַלטער דער ערשטער זיך אַרויסלאָזן. אַ גוטער האַר, אַ לייטזעליקער, כ'וואָלט אים נישט וועלן מצער זייַן, אָבער צי כ'וועל אויסהאַלטן, ווייס איך

נישט, ווייל אַז דער חשק וועט מיך אַ שטופּ - טאָן, געדענק איך אין קיין שום זאַך נישט און וואַרף זיך גלייך אין רויך אַריין... אַזאַ טבע האָב איך שוין!.. אַ גוטער האַר!.. איר הערט, די טראַמ־פּייטלעך געבן שוין אַ סיגנאַל, אַז יעדער זאָל זיין פּאָזיציע פאַר־נעמען. נאָ, מאָרגן! מאָרגן!„ דער הייליקער פּעטער וועט אויך האָבן אַרבעט; ער מוז שוין די ביכער צוגרייטן... אין גיהנום האָט מען אויך קעסלען מיט פּר'שער סמאָלע אויף אַ באָד פאַר די שווע־דן אָנגעשטעלט... אוף! אוף! מאָרגן!„

14 קאַפּיטל.

דעם 1־טן יולי איז צווישן פּאָוואָנזקי און דער קאָלאָניע, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען מאַרימאָנט, פאָרגעקומען אַ גרויסע תּפילה צו גאָט, וועלכע צען טויזנט מענטשן פון די קיניגלעכע חיילות האָבן אויסגעהערט מיט גרויס כּוונה. דער קיניג האָט מנדר־געווען, אַז אין פאַל פון אַ נצחון וועט ער אַ קירך דער הייליקסטער בתולה אויפשטעלן. ס'האָבן נאָך אים מנדר־געווען, יעדער לויט יכולת נאָך, די הויכע באַאַמטע, העטמאַנס, ריטער, אַפילו די פּראָסטע זעלנער, ווייל יענער טאָג האָט געזאָלט זיין דער טאָג פון לעצטן שטורעם.

נאָך דער תּפילה איז יעדער פון די פירער אָוועק צו זיין קאָמאַנדע. הער סאַפּיעהאַ האָט זיך געשטעלט אַקעגנאיבער דער קירך פון הייליקן גייסט, וועלכע איז דעמאָלט אויף יענער זייט מויערן געלעגן, און אַזוי ווי זי איז געווען דער שליסל צו זיי, איז זי דעריבער דורך די שוועדן מעכטיק באַפעסטיקט און מיט זייער געהעריק באַזעצט געוואָרן. הער טשאַרניעצקי האָט געזאָלט דאָס דאַנציקער הויז שטורמען, ווייל די הינטערשטע וואַנט פון

דאזיקן בנין האט געבילדעט א טייל פון דער רונד־מויער און דורכקלאפנדיק זי, וואלט מען געקאנט זיך ארייננקריגן אין דער שטאט. פיאטר אפאלינסקי, דער פאלעסיער וואיעוואדע, מיט די גרויס־פאליאקן און מאזורן האט פון דער קראקעווער פארשטאט און דער ווייסל געצילט. די גרענעץ־פאלקן האבן געשטעקט אקעגנאיבער דעם טויער פון דער גיי־שטאט. מענטשן איז געווען אזוי פיל, אז שיר נישט מער, ווי עס האבן צו דער מויער געקאנט צוגיין. דער גאנצער פלאכער שטח, אלע ארומיקע הינטער־שטעטישע דערפלעך און פעלדער זענען פארגאסן געווארן מיט א ים מענטשן, הינטער וועלכן ס'האבן געבלענדט געצעלטן, הינטער די געצעלטן וועגנס, און דער בליק האט אזש העט ווייט זיך פארלוירן אין דער בלאער ווייטקייט, ביז ער האט דערגרייכט צום עק פון דאזיקן געווימל.

די דאזיקע מחנות זענען געשטאנען אין פולער גרייטקייט, מיטן געווער שוין פאריס געשטארעקט און מיט די פיס צום לויפן ארויסגערוקט, גרייט אין יעדער רגע זיך צו ווארפן צו די דורכברוכן, וואס וועלן געמאכט ווערן דורך די הארמאטן פון גרויסן קאליבער, און באזונדערס דורך די זאמאשטשער שווערע קאנאנען. די דאזיקע הארמאטן האבן אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו שפילן, און דער שטורעם האט זיך פארשלעפט נאר דערפאר, וואס מ'האט געווארט אויף וויטעמבערגס לעצטע תשובה אויפן בריוו, וואס דער גרויס־קאנצלער קאריטשינסקי האט אים געשיקט. אבער ווען ארום מיטאג איז אנגעקומען אן אפיציר מיט אן אפזאגנדיקער תשובה, האבן ארום דער שטאט די טראמפייטן זיך אימהדיק צעשאלט און דער שטורעם האט זיך אנגעהויבן.

די קרוין־פוילישע חיילות אונטער דער קאמאנדע פון די העטמאנס, שטארניעצקיס מענטשן, די קיניגלעכע פאלקן, הער זאמאיסקיס פוס־גייער־רעגימענטן, די ליטווינער אונטער סאפיעהאס פירונג און די מחנות פון לאנד־שטורעם האבן זיך ווי א צעברויזטע כוואליע צו די מויערן געווארפן. און פון די מויערן האבן אקעגן זיי ארויסגעשאסן פאסן ווייסן רויך און שטיקפייער; די גרויסע הארמאטן, האקן־ביקסן, לאנגע קאנאנען,

ביקסן האָבן זיך צעהילכט אויף אַ מאָל; די ערד האָט זיך געטרייסלט אין די יסודות. די קוילן האָבן צעלעכערט דעם דאָזיקן מענטשן־קנויל, אויסגעגראָבן אין אים לאַנגע שפּאַלטן, אָבער ער איז געלאָפן פאָרויס און געריסן זיך צו דער פעסטונג, נישט קוקנדיק אויפן פייער און טויט. וואָלקנס פולווער־רויך האָבן די ליכטיקע שיין פאַרשטעלט.

יעדער האָט אַטאַקירט דאָרט ווו ס'איז אים געווען צום נאָענטסטן: די העטמאַנס פון גיי־שטעטישן טויער, טשאַרניעצקי דאָס דאַנציקער הויז, הער סאַפּיעהאַ מיט די ליטווינער די קירך פון הייליקן גייסט, און די מאַזורן און גרויס־פּאָליאַקן, פון דער קראָקעווער פאָרשטאָט און דער ווייסל.

אויף די לעצטע איז אויסגעפאַלן די שווערסטע אַרבעט, ווייל אַלע פּאַלאַצן און הייזער אין דער לענג פון דער קראָקעווער פאָרשטאָט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעסטונגען. אָבער יענעם טאָג זענען די מאַזורן אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַזאַ מלחמה־ברען, אַז זייער אימפּעט האָט קיין שום זאַך נישט געקאָנט זיך אַקעגנשטעלן. זיי האָבן מיט שטורעם גענומען איין הויז נאָכן אַנדערן, איין פּאַלאַץ נאָכן צווייטן, געשלאָגן זיך אין די פענסטער, אין די טירן, אויף די טרעפּ; זיי האָבן די גאַרניזאָנען אויסגעקוילעט ביז איינעם.

נאָכן איינעמען איין בנין, נאָך איידער דאָס בלוט איז זיי אויף די הענט און פנימער פאַרטרוקנט געוואָרן, האָבן זיי זיך שוין אויף אַ צווייטן געוואָרפן און ווידער האָט זיך אַ האַנט־געפעכט צעפלאַקערט און ווידער זענען זיי ווייטער געלאָפן. די רעגולערע זעלנער האָבן זיך געפלייסט דעם לאַנד־שטורעם איבערצויאָגן, דער לאַנד־שטורעם די פוס־גייער. מ'האָט זיי געהייסן אַז גייענדיק צום שטורעם, זאָלן זיי פאַר זיך טראָגן גאַרבן פון אומצייטיקער תבואה, וועלכע האָבן זיי געזאָלט שיצן פון די קוילן, אָבער אין ברען און אין דער התלהבות בעת דער שלאַכט האָבן זיי אַלע שוץ־מיטלען אוועקגעוואָרפן, לויפנדיק מיט די הוילע ברוסטן. בעת דער בלוטיקער שלאַכט האָט מען גענומען די קאַפּליצע פון דער צאַרן שויסקי און דעם הערלעכן פּאַלאַץ פון די קאָניעצ־

פּאָלסקיס. מ׳האָט אויסגעהרגעט די שוועדן ביז צו איינעם אין
די קלענערע בנינים, אין די מאַגנאַטישע שטאַלן, אין די גערטנער־
ת״ס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער ווייסל. נעבן פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַ־
נאָווסקיס האָבן די פֿוס־גייער געפּרוווט שטעלן אַווידערשטאַנד
אויף דער גאַס און פֿאַרשטאַרקט פֿון די מויערן פֿון פּאַלאַץ, פֿון
דער קירך און פֿון בערנאַרדינער גלאָקן־טורעם, וואָס זענען פֿאַר־
וואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער פֿעסטונג, האָבן זיי די אָנפֿאַלער
אויפֿגענומען מיט אַ געדיכטן פֿייער.

אָבער דער האָגל פֿון קוילן האָט זיי נישט צוריקגעהאַלטן
אויף קיין איין רגע און מיט אַן אויסגעשריי: „די מאַזורן וועלן
זיגן!״ האָט זיך די שלאַכטע מיט די שווערדן אַ וואָרף־געטאָן
אין מיטן פּירעק, נאָך זיי זענען אַרייַנגעפֿאַלן די פֿוס־גייער, די
דינער באַוואָפֿנט מיט דרענגער, העק. דעם פּירעק האָט מען כּהרף־
עין צעקלאַפּט און מ׳האָט גענומען האַקן. די אייגענע און די שׂונאים
האָבן זיך אַזוי צונויפֿגעמישט, אַז זיי האָבן געבילדעט איין ריזיקן
קנויל, וועלכער האָט צווישן פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַנאָווסקיס און
ראַדזשעיאָווסקיס הויז פֿון איין זייט און דעם קראָקעווער טויער פֿון
דער צווייטער זייט זיך געפּלאָנטערט, געריסן און געוואַלגערט זיך
אין אייגענעם בלוט.

אָבער פֿון דער זייט פֿון קראָקעווער טויער זענען, ווי אַ
פֿאַרשוימטער טייך, אָנגעפֿלאָסן אַלץ נייַע מחנות פֿון מיט בלוט
עטעמענדיקע זעלנער. מ׳האָט לסוף די פֿוס־גייער אויסגעקוילעט
ביז איינעם און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן יענער באַרימטער שטורעם
צום פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַנאָווסקיס און גלייכצייטיק צו די בערנאַר־
דינער, וועלכער האָט אין אַ באַדייטנדיקן טייל אַנטשידן וועגן
גורל פֿון דער שלאַכט.

הער זאַגלאָבאַ האָט זיך אין אים באַטייליקט, ווייל ער האָט
פּיט אַ טאָג פֿריער אַ טעות געהאַט, מיינענדיק, אַז דער קיניג
ופּטו אים צו זיך נאָר אויף צו באַגלייטן זיין פּערזאָן. גראָד פֿאַר־
קערט: מ׳האָט אים, אַלס באַרימטן און אויסגעפּרוווטן מלחמה־
מאַן, אָנפֿאַרטרויט די קאָמאַנדע איבער די דינער, וועלכע האָבן
אינאיינעם מיט די שוץ־חיילות און לאַנד־שטורמער פֿרייוויליק

זיך געזאָלט פון דער זייט צום שטורעם אַרויסלאָזן. הער זאַגלאָבאַ האָט אמת געוואָלט גיין מיט זיי אין רעזערוו און זיך באַגנוגענען מיטן פאַרנעמען די שוין פריער איינגענומענע פּלאַצן, אָבער ווען אַלע האָבן באַלד אין אָנהויב זיך גענומען איינער דעם צווייטן איבעריאָגן און זיך דערבײַ אײַנגאַנצן אויסגעמישט, האָט דער מענטשן־שטראָם אויך אים מיטגעריסן, און ער איז געגאַנגען, ווײַל הגם ער איז בטבע געווען זייער אָפּגעהיטן און דאָרט, ווו ס'איז מעגלעך געווען, האָט ער בעסער דאָס לעבן אויף קיין סכנה נישט געוואָלט אויסשטעלן, האָט ער אָבער אומגערנוויליק צײַט אַזוי פיל יאָרן זיך אײַנגעלעבט מיט די שלאַכטן, האָט ער אַזוי פיל שוידערלעכע שחיטות שוין מיטגעמאַכט, אַז ווען ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, האָט ער זיך געשלאָגן צוזאַמען מיט אַנדערע, און אַפילו נאָך בעסער פון אַנדערע, ווײַל ער האָט זיך געשלאָגן מיט מסירות־נפש און ווילדן מוט.

אַזוי האָט ער זיך איצט געפינען בײַם טויער פון פּאַלאַץ פון די קאָזאַנאָווסקיס, אָדער בעסער געזאָגט, אין גיהנום, וועלכעס האָט בײַם דאָזיקן טויער מוראדיק געקאַכט. ער איז דאָרט אַרײַנגעפאַלן אין אַ ווירבל, היץ, געשטופּ, האַגל פון קוילן, פײַער, רויך, מענטשלעכע יללות און געשרייען. טויזנטער העק און דרענגער האָבן געזעצט אין טויער אַרײַן; טויזנטער מענטשלעכע עלנבויגנס האָבן עס געשטויסן און ווילד געריסן; אַ טייל זענען געפאַלן ווי פון אַ דונער געטראָפן, אַנדערע האָבן זיך געשטופּט אויף זייערע ערטער, געטרעטן איבער זייערע טויטע גופים און זיך אַרײַנגעריסן אינעווייניק, ווי זיי וואָלטן בכיון דעם טויט געזוכט. קיינער האָט קיינמאָל נישט געזען און נישט געדענקט אַ מער האַרטנעקיקע פאַרטיידיקונג, אָבער אויך נישט קיין מער האַרטנעקיקן שטורעם. פון די העכערע שטאָקן איבערן טויער האָבן זיך געשאָטן קוילן, האָט זיך געגאָסן סמאָלע, אָבער די, וואָס זענען געווען אונטערן פײַער, אַז זיי וואָלטן אַפילו וועלן, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אָפּטרעטן, אַזוי האָט מען זיי אונטערגעשטופּט פון דרויסן. די האָסט געזען איינצלנע מענטשן, נאַס פון שווייס, שוואַרץ פון פּולווער, מיט צונויפגעפּרעסטע ציין און פאַרווילדערטע אויגן, וואָס האָבן געזעצט

אין טויער אַריין מיט אַזעלכע גרויסע בעלקעס, אַז אין אַ געוויינלעכער צייט וואָלטן דריי געזונטע פויערן קוים בכּוח געווען מיט זיי צו רירן. אַזוי האָט דער מלחמה־ברען די כּוחות פאַרדרייפאַכט. מ׳האָט געשטורעמט גלייכצייטיק צו אַלע פענסטער, מ׳האָט צוגעשטעלט לייטערס צו די אויבערשטע שטאָקן, מ׳האָט אויסגעהאַקט קראַטעס אין די מויערן. און פון די דאָזיקע קראַטעס, פון די פענסטער, פון די אויסגעשניטענע לעכער אין די ווענט, האָבן אַרויסגעשטעקט רערן פון ביקסן, וועלכע האָבן קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו רויכערן. לסוף אָבער האָט אַזאַ געדיכטער רויך זיך אָנגעקליבן, אַזעלכע וואָלקנס שטויב זיך אויסגעלייגט, אַז אין מיטן העלן טאָג האָבן די שטורמער זיך קוים געקאָנט דערקענען. פונדעסטוועגן האָבן זיי קעמפן נישט אויפגעהערט, אדרבא, זיי האָבן ערשט רעכט זיך געריסן אויף די לייטערס, אַלץ פאַרביטערטער געהאַקט דאָס טויער, ווייל די קולות פון דער בערנאַרדינער־קירך האָבן אָנגעזאָגט, אַז אַנדערע מחנות שטורמען דאָרט מיט דער זעלבער ענערגיע.

אין־דעם האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי־געטאָן מיט אַזאַ הויכן קול, אַז מ׳האָט עס געהערט אין ליאַרם און שיסעריי:

— אַ פּושקע מיט פּולווער אונטערן טויער!

מ׳האָט זי אים כּהרף־עין דערלאַנגט, און ער האָט באַלד געהייסן אויסהאַקן אַ שמאָל לאָך ביי די אונטערשטע ריגלען, אַזאַ שמאָלס, אַז נאָר די ביקס זאָל אין איר אַריין. אַז זי איז אַריין, האָט הער זאַגלאָבאַ אַליין אַ שוועבל־פאָדעם אָנגעצונדן און דערנאָך אַ קאָמאַנדע־געגעבן:

— אין אַ זייט! צו די ווענט!

די, וואָס זענען געשטאַנען נעבנטער, זענען זיך צעלאָפן אויףביידע זייטן, צו די, וועלכע האָבן לייטערס צו די ווייטערדיקע פענסטער צוגעשטעלט, און אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

באַלד דערויף האָט אַ געוואַלדיקער קראַך די לופט צעטרייסלט און עס זענען אויפגעגאַנגען נייע קנוילן פון געדיכטן רויך. הער זאַגלאָבאַ איז מיט זיינע מענטשן צום טויער צוריקגע-

שפרונגען; זיי האָבן דערזען: דער אויפרייס האָט אמת דאָס טויער אויף קליינע שטיקלעך ניט צעשמעטערט, אָבער אַ זאַוויאַסטע פון דער רעכטער זייט אַרויסגעריסן, אָפּגעבראָכן אַ פאָר מעכטיקע שוין אונטערגעהאַקטע בעלקעס, אויסגעקרומט דעם אָננעמער און דעם אונטערשטן טייל פון איין העלפט אַריינגעשטופט טיף אין פאָדער־הויז אַריין, אַזוי אַז עס האָט זיך געבילדעט אַן אַריינגאַנג, דורך וועלכן אַ דיקער פאַרשוין אַפילו וואָלט זיך לייכט געקאָנט אַריינקוועטשן.

באַלד האָבן אָפּגעשאַרפטע בעלקעס און העק גענומען געוואַלדיק זעצן אין אָפּגעשוואַכטן טויער־פליגל, הונדערטער עלנבויגנס האָבן אים מיטן גרעסטן כוח אונטערגעשפּאַרט, ס'האָט זיך דערהערט אַן אימהדיקער קנאַק און דאָס גאַנצע האַלבע טויער איז איינגעפאַלן, אויפדעקנדיק דעם אינעווייניקסטן טייל פון פינסטערן פאָדער־הויז.

אין דער דאָזיקער פינסטערניש האָבן באַלד אויפגעבליצט שאָטן פון ביקסן, אָבער דער מענטשלעכער טייך האָט געפליצט אין דער עפענונג אַריין מיט אַן אומאיינגעהאַלטענעם אימפעט—דער פאַלאַץ איז געווען איינגענומען.

גלייכצייטיק האָט מען זיך אויך דורך די פענסטער אַריינגעריסן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע שלאַכט אויף ווייס געווער אינעווייניק אין פאַלאַץ. מ'האָט איינגענומען אַ שטוב נאָך אַ שטוב, אַ קאָרידאָר נאָך אַ קאָרידאָר, אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק. די טויערן זענען שוין פון פריער געווען אַזוי צעשפּאָלטן און אָפּגעשוואַכט, אַז די סופיטן אין אַ פאָר חדרים זענען איינגעפאַלן מיט אַ קראַך, באַדעקנדיק מיט גרוזעס די פאָליאַקן און די שוועדן. אָבער די מאַזורן זענען געגאַנגען ווי אַ פלאַם פייער, זענען אומעטום אַריינגעדרונגען, זעצנדיק מיט די שנייד־מעסערס, האַקנדיק און בראַקנדיק. קיינער פון די שוועדן האָט קיין חסד ניט געבעטן, מ'האָט עס זיי אָבער אויך ניט געגעבן. אין מאַנכע קאָרידאָרן און דורכגענג האָבן קופּעס מענטשן אַזוי פאַרלייגט דעם וועג, אַז די שוועדן האָבן זיך פון זיי געמאַכט באַריקאַדעס, די אָנפאַלער האָבן אָבער זיי אַרויסגעשלעפּט פאַר די פיס, פאַר די האָר

און אַרויסגעוואָרפן דורך די פענסטער. דאָס בלוט האָט שטראָמענווייז געריננען איבער די שטיגן. גרופּעס שוועדן האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרט פאַרטיידיקט, אָפּשלאָגנדיק מיט אָפּגעשטאַנענע הענט ד׳ ווילדע קלעפּ פון די שטורמער. דאָס בלוט האָט זיי די פּנימער באַגאָסן, די אויגן זענען פון אַ פינסטערניש פאַרלאָפן געוואָרן, נישט איינער האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני, און נאָך אַלץ געקעמפט; געשטויסן פון אַלע זייטן, געשטיקט דורך דער מאַסע פון די אָנפאַלער, זענען די סקאַנדינאַוויער, אין הסכּים מיט זייער רום, געשטאָרבן שטילשווייגנדיק, ווי עס פּאַסט פאַר זעלנער- די מיט בלוט פאַרשפּריצטע שטייגערנע פיגורן פון אָפּגעטער און אַמאָליקע העלדן האָבן מיט פאַרשטאַרטע שוואַרץ - אַפּלען געקוקט אויפן דאָזיקן טויט.

ראָך קאָוואַלסקי האָט דער עיקר אויבן געווילדעוועט, הער זאַגלאָבאַ ווידער האָט מיט זיין אָפּטיילונג זיך געוואָרפן אויף ד׳ טאַראַסעס און אויסקוילנדיק די פוס - גייער, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרטיידיקט, איז ער פון די טאַראַסעס אַריינגעפאַלן אין יענע וווּנדערלעכע גערטנער, וואָס האָבן געשמט אין גאַנץ אייראָפּע. די ביימער זענען אין זיי שוין געוועזן אויסגעהאַקט, פון די קאָסטבאַרע געוויקסן האָבן די פּוילישע קוילן אַ תּל געמאַכט, די פּאַנטאַנעס זענען געווען צעשמעטערט, די ערד צעאַקערט דורך ד׳ גראַנאַטן, מיט איין וואָרט, אומעטום חורבן און וויסטעניש, הגם די שוועדן האָבן דערצו זייער רויבערישע האַנט נישט צוגעלייגט אויס משא - פּנים פאַר ראַדזשעיאָווסקיס פּערזאָן. איצט האָט אויך דאָרט זיך צעפלאַקערט אַ הייסע שלאַכט, זי האָט אָבער אָנגעהאַלטן נאָר אַ ווײַלע, ווייל די שוועדן האָבן שוין געשטעלט אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. מ׳האָט זיי טאַקע אויסגעקוילעט אונטער הער זאַגלאָבאַס פּערזענלעכער קאָמאַנדע און דערנאָך זענען די זעלנער איבער די גערטנער און גאַנצן פּאַלאַץ זיך צעלאָפן נאָך שלל.

און הער זאַגלאָבאַ איז אַוועק אַזש אין עק גאָרטן, צום אָרט, ווו די מויערן האָבן געבילדעט אַ מעכטיקן „ווינקל״ און ווו די זון איז נישט צוגעקומען. דער ריטער האָט געוואָלט אַ ביסל דעם אָטעם אָפּכאַפּן און דאָס דערהיצטע פּנים פון שווייס אָפּווישן.

מיט אַמאָל האָט ער אַ קוק געטאָן און דערזען עפּעס אויסטערלישע פּאַרזעענישן, וועלכע האָבן פון הינטער די קראַטעס פון אַן אײַזערנער שטײַג בײַז אויף אים געקוקט.

די שטײַג איז אין ווינקל פון די מויערן געווען אַרײַנגעפּאַסט, אַזוי, אַז די קוילן, וואָס זענען געפאַלן פון דרויסן, האָבן צו איר נישט געקאָנט גרייכן. די טיר צו דער שטײַג איז געווען ברייט אויפגעפּראַלט, אָבער די דאָזיקע אויסגעדאַרטע מיאוסע באַשעפענישן האָבן גאָרנישט געטראַכט דאָס אויסצונוצן; אדרבא׳ איבערגעשראָקן אַ פּנים פון דעם געפילדער, געפייף פון די קוילן און שרעקלעכער שחיטה, אויף וועלכער זיי האָבן מיט אַ ווײַלע צוריק געקוקט, האָבן זיי זיך פּאַררוקט אין ווינקל פון דער שטײַג און ליגנדיק צוגעדעקט מיט שטרוי האָבן זיי נאָר מיט אַ געברום צו וויסן געגעבן וועגן זייער שרעק.

— ריאַלפּעס, אָדער שדים? — האָט הער זאַגלאָבאַ צו זיך געזאָגט.

מיט אַמאָל האָט אים אַ רציחה אָנגעכאַפּט, די גבורה איז אים אין דער ברוסט איבערגעגאַנגען און אויפהויבנדיק די שווערד איז ער אַרײַנגעלאָפן אין דער שטײַג.

אַ שרעקלעכע בהלה איז געווען דער ענטפער אויפן ערשטן קלאַפּ פון זיין שווערד. די מאַלפּעס, מיט וועלכע די שוועדישע זעלנער זענען זיך זייער גוט באַגאַנגען און האָבן זיי פון זייערע קאַרגע פּאָרציעס געקאָרמעט, ווײַל זיי האָבן זיי געוויילט, איז אַזאַ אימה באַפאַלן, אַז עס האָט זיי פּשוט אַ משוגעת אָנגעכאַפּט, און אַזוי ווי הער זאַגלאָבאַ האָט זיי פאַרשטעלט די טיר, האָבן זיי איבערנאַטירלעך גענומען שפּרינגען און וואַרפן זיך איבער דער שטײַג, טשעפּן זיך צו די ווענט, סופיט, מאַכן קולות, קריצן מיט די ציין, צום סוף איז איינע אַ צעדולטע דעם הער זאַגלאָבאַ אויפן קאַרק אַרויפגעשפּרונגען און אָנכאַפּנדיק אים פאַרן קאָפּ, האָט זי זיך צו אים געקלאַמערט מיט אַלע כוחות אַ צווייטע האָט זיך אים צוגעטשעפּעט צום רעכטן אָרעם, אַ דריטע האָט אים פון פאָרנט פאַרן האַלז אָנגעכאַפּט, אַ טערטע האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף די פון הינטן צוגעבונדענע אַרבל־עקן, און ער האָט אַ צוגעדישעטער,

אַ פאַרשוויצטער, אומזיסט זיך געוואָרפן, אומזיסט אויף הינטן בלינ־דע קלעפּ געטיילט, ס'האָט באַלד אים אַליין אָטעם פאַרפעלט, די אויגן זענען אים פון די לעכער ארויסגעקראָכן און מיט אַ פאַר־צווייפלטער שטים האָט ער גענומען שרייען:

— גנעדיקע הערן! ראַטעוועט!

אויף די קולות זענען אָנגעלאָפן אַ צוואַנציק פּוילישע זעל־נער; נישט קאָנענדיק וויסן, וואָס עס טוט זיך, זענען זיי געלאָפן צו הילף מיט שווערדן, וועלכע האָבן נאָך געריכער פון בלוט, אָבער מיט אַמאָל זענען זיי פאַרבליבע, שטיין געבליבן, האָבן זיך אָנגעקוקט און ווי אונטער דער השפעה פון אַ כישוף אויסגע־שאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. עס זענען אָנגעלאָפן נאָך זעל־נער, אַ גאַנצע מאַסע, אָבער דאָס געלעכטער האָט, ווי אַ מגפה, אַלעמען אָנגעשטעקט. זיי האָבן זיך געקאַטשעט ווי די שכורים, געהאַלטן זיך ביי די זייטן, די מיט מענטשלעכן בלוט און מאַרך באַשפּיצטע פּנימער האָבן זיך זיי ספּאַזמאַטיש אויסגעקרומט און וואָס מער הער זאַגלאָבאַ האָט זיך געוואָרפן, אַלץ מער האָבן זיי געלאַכט. ערשט ראַך קאָוואַלסקי איז געקומען פון אויבן אָנצולויפן און פאַנאַנדערגרייסנדיק די מאַסע האָט ער דעם פעטער פון די מאַלפּישע אָרעמס באַפרייט.

— אויסוווּרפן! — האָט הער זאַגלאָבאַ סאָפּנדיק אַ געשריי געטאָן—אַז געהרגעט זאָלט איר ווערן! אַ געלעכטער גייט אייך אָן, זעענדיק אַ קאַטאָליק איינגעקלעמט דורך אַפריקאַנישע פּאַרזע־ענישן? אַז געהרגעט זאָלט איר ווערן! ווען נישט איך, וואָלט איר נאָך ביז איצט מיט די קעפּ אין טויער אַריין געזעצט, ווייל איר זענט מער נישט ווערט! אַז געהרגעט זאָלט איר ווערן, איר זענט אַפילו נישט ראוי זיך אין חברותא מיט די דאָזיקע מאַלפּעס צו געפינען.

— אַז געהרגעט זאָלט איר ווערן, מאַלפּישער קיניג! — האָט אויסגעשריגן אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן.

— מחבל פון מאַלפּעס! — האָט אַ צווייטער אויסגערופן.

דאָ איז ראַך ווידער געקומען דעם פעטער צו הילף און דעם נאָענטסטן מיט דער פויסט אין דער ברוסט אַ זעץ געטאָן,

אַז יענער איז באַלד אומגעפאַלן און מיט בלוט זיך באַגאָסן. די איבעריקע האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַר זיין כעס, מאַנכע האָבן צו די שווערדן זיך גענומען, אָבער פון אַ ווייטערדיקן געשלעג האָבן פאַריטן די סולות און שיסעריי, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון דער זייט פון בערנאַרדינער קלויסטער. משמעות, אַז דער שטורעם האָט נאָך דאָרט אָנגעהאַלטן אין דער גאַנצער קראַפט און דרינגענדיק פון דער פיבערהאַפטער ביקסן־שיסעריי, האָבן די שווערדן גאָרנישט געטראַכט זיך אונטערצוגעבן.

— צו הילף! צו דער קירך! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי־געטאָן.

און אַליין איז ער געלאָפן אין פאַלאַץ אויבן־אַרויף, ווייל דאָרט האָט מען פון רעכטן פליגל געזען די קירך, וואָס אין ווי פון העלישן פייער געווען אַרומגענומען. די מאַסן פון די שטורמער האָבן זיך ביי איר קאָנוווּלסיוו געקאָרטשעט, נישט קאָנענדיק זיך איבעווייניק אַריינקריגן און אומקומענדיק אָן אַ תכלית אין קרייץ־פייער, ווייל אויך פון קראָקעווער טויער האָבן זיך אויף זיי קוילן, ווי זאַמד, געשאָטן.

— האַרמאַטן צו די פענסטער! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי־געטאָן.

גרעסערע און קלענערע האַרמאַטלעך איז אין פאַלאַץ פון די קאַזאַנאָווסקיס געווען גענוג, מ'האָט זיי טאַקע באַלד צו די פענסטער צוגעשלעפט; פון די צעבראָכענע טיילן פון די קאָסטבאַרע מעבל, פון די געשטעלן פון סטאַטועס האָט מען געמאַכט לאַוועטן און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן אַ צוואַנציק האַרמאַטן־מיילער דורך די פוסטע עפענונגען פון די פענסטער צו דער קירך אַרויסגעקוקט.

— ראָך! — האָט הער זאַגלאָבאַ אַן אומגעווייגלעך צערייצטער געזאָגט — איך מוז עפּעס וויכטיקס אויפטאָן, ווייל אַ נישט איז מיין רום קאַפוט! איבער די דאָזיקע מאַלפּעס, אַז אַ מגפה זאָל אויף זיי קומען! די גאַנצע אַרמיי וועט מיך נעמען אין די מיילער אַריין, און הגם איך קאָן אַן ענטפער אַ רעשט צאָלן וועל איך אָבער מיט אַלע זיך נישט קאָנען קיין עצה געבן. איך מוז דעם דאָזיקן בזיון פאַרווישן אַ נישט וועט מען מיך אין דער גאַנצער

רעפּובליק, אַזוי גרויס ווי זי איז, פֿאַר אַ מאַלפּישן קיניג אויס-רופֿן!

— דער פּעטער מוז דעם דאָזיקן בזיון פֿאַרווישן! — האָט ראָך מיט אַ דונערדיקער שטים נאָכגעזאָגט.

— און דאָס ערשטע מיטל וועט זיין, אַז פּונקט ווי איך האָב דעם פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַנאָווסקי'ס איינגענומען, ווייל זאָל עמיצער זאָגן אַז נישט איך!...

— זאָל עמיצער זאָגן, אַז נישט דער פּעטער! — האָט ראָך נאָכגעזאָגט.

— אַזוי וועל איך אויך די דאָזיקע קירך איינגעמען, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפֿן, אמן! — האָט זאַגלאָבאַ פֿאַרענדיקט.

דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צו זיינע דינער, וועלכע זענען שוין געשטאַנען ביי די האַרמאַטן.

— פֿייער!

די שוועדן, וואָס האָבן זיך מיט פֿאַרצווייפֿלונג פֿאַרטיידיקט אין דער קירך, האָט אַן אימה אָנגעכאַפּט, ווען די גאַנצע זייטיקע וואַנט האָט מיט אַ מאָל גענומען זיך טרייסלען. אויף די, וואָס זענען געזעסן אין די פֿענסטער, ביי די שיס-לעכער, וואָס זענען אין דער מויער אויסגעשניטן געוואָרן, אויף די קאַנטן פֿון די אינעווייניקסטע געזימסען, ביי די טויבן-נעסטן, דורך וועלכע זיי האָבן געשאָסן צו די באַלאַגערער, האָבן זיך גענומען שיטן ציגל, גרוז, ליים. אַ מוראדיקער שטויב האָט אָנגעפֿילט גאָטס הויז און אויסגעמישט מיטן רויך האָט ער גענומען שטיקן די פֿאַרפּראַ-צעוועטע מענטשן. איין מענטש האָט דעם צווייטן אין דער פֿינ-סטער נישט געקאָנט דערזען, די אויסגעשרייען: „מיר ווערן דערשטיקט! מיר ווערן דערשטיקט!“ האָבן די בהלה נאָך פֿאַרגרע-סערט. און דאָ טרייסלט זיך די קירך אין אירע יסודות, דאָס קנאַקן פֿון דער מויער, אַראָפּפֿאַלן פֿון די ציגל, געקנאַל פֿון די קוילן, וואָס פֿאַלן אַריין דורך די פֿענסטער, געקלימפּער פֿון די בלייערנע קראַטעס, וואָס פֿליען אויף דער פּאָדלאָגע, די חמימהל מענטשלעכע אויסהויכונגען, פֿאַרוואַנדלען גאָטס הויז און אַ גיהנום, אויף דער ערד. די איבערגעשראָקענע זעלנער לויפֿן אַוועק פֿון

טויער, פֿון די פֿענסטער, שיס-לעכער. די בהלה ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שגעון. ווידער רופֿן יאָמערלעכע קולות: „מיר ווערן דערשטיקט! לופֿט! וואַסער!" מיט אַמאָל הויבן הונדערטער שטימען צו ריטשען:

— די ווייסע פאַן! די ווייסע פאַן!

דער קאָמאַנדיר, ערסקין, כאַפּט זי אַליין מיט דער אייגענער האַנט, כּדי זי אַרויסצוהענגען אין דרויסן, אין-דעם האָט דאָס טויער געפּלאַצט, אַ לאַווע פֿון די שטורמער פֿאַלט-אַריין, ווי די רוחות און עס הויבט זיך אָן אַ שחיטה. אין דער קירך ווערט מיט אַ מאָל שטיל, מ'הערט נאָר דאָס חיהשע סאָפּן פֿון די קעמפנדיקע, אַ געקריץ פֿון אייזן אין ביינער, אין דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, קרעכצן, אַ פּליעסקען פֿון בלוט, צייטנווייז שרייט-אויס עפּעס אַ שטים אין וועלכער ס'איז שוין קיין סימן פֿון עפּעס מענטשלעכעס נישטאָ: „פּאַרדאָן! פּאַרדאָן!" נאָך אַ שעה'דיקן קאַמף נעמט דער גלאָק אין גלאָקן-טורעם הילכן, און הילכט, הילכט — די מאַזורן צום נצחון, די שוועדן צום באַגראָבן.

דער פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַנאָווסקיס, דער קלויסטער און גלאָקן-טורעם זענען איינגענומען. פּיאָטר אָפּאַלינסקי, דער פּאָליעסער וואָיעוואָדע אַליין, באַווייזט זיך אויף אַ פֿערד צווישן די בלוטיקע מאַסן פֿאַרן פּאַלאַץ.

— ווער איז אונז געקומען פֿון פּאַלאַץ צו הילף? — שרייט ער, ווילנדיק איבערשרייען דאָס מענטשלעכע געמורמל און געהייל.

— דער, וואָס האָט דעם פּאַלאַץ איינגענומען! — רופֿט זיך אָן אַ מעכטיקער מאַן, באַווייזנדיק זיך מיט אַ מאָל פֿאַרן וואָיעוואָדע — איך!!!

— ווי הייסט איר?

— זאַגלאָבאַ.

— זאָל לעבן זאַגלאָבאַ! — שרייען טויזנטער שטימען.

אָבער דער שרעקלעכער זאַגלאָבאַ ווייזט מיט דער באַשמוצטער שווערד אויפֿן טויער.

— דאָס איז נאָך נישט גענוג! — רופט ער אויס — דאָרטן צום טויער! די האַרמאַטן צו די מויערן און אויפן טויער! און מיר פאָרויס! נאָך מיר!

די צעיושעטע מאַסן וואַרפן זיך אין דער ריכטונג פון טויער, אין דעם — אַ נס פון הימל! — דאָס שוועדישע פייער, אַנשטאָט זיך צו פאַרשטאַרקן, ווערט עס שוואַכער.

גלייכצייטיק האָט עפעס אַ הויכע שטים זיך אומגעריכט דערהערט פון שפּיץ גלאָקן־טורעם:

— הער טשאַרניעצקי איז שוין אין דער שטאָט! כ׳זע אונווערע פאָנען!!

דאָס שוועדישע פייער ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער.

— שטיי! שטיי! — קאָמאַנדעוועט דער וואָיעוואָדע.

אָבער די מאַסן הערן אים נישט און לויפן בלינדערהייט. אין דעם האָט אַ ווייסע פאָן אויפן קראָקעווער טויער זיך באַוויזן.

און באמת איז טשאַרניעצקי נאָכדעם, ווי ער האָט דורכן דאַנציקער הויז זיך דורכגעשלאָגן, ווי אַ הוראגאַן אין געביט פון דער פעסטונג אַריינגעפאַלן, און ווען דאַנילאָוויטשס פאַלאַץ איז שוין אויך געווען איינגענומען, ווען אין אַ ווייַלע אַרום האָבן אויך די ליטווישע פאָנען אַ בלענד־געטאָן אויף די מויערן פון דער זייט פון דער קירך פון הייליקן גייסט, האָט וויטעמבערג איינגעזען, אַז ווייטער שטעלן אַ ווידערשטאַנד האָט קיין שום צוועק נישט. די שוועדן וואָלטן אמת זיך נאָך געקאָנט פאַרטיידיקן אין די הויכע הייזער פון דער אַלטער און נייער שטאָט, אָבער אויך די שטאָטלייט האָבן זיך שוין געכאַפּט צום געווער; די פאַרטיידיקונג וואָלט זיך געמוזט ענדיקן מיט אַ שרעקלעכער שחיטה פון די שוועדן, אָן אַ האָפענונג אויף אַ נצחון.

די טראָמפּייטער האָבן בכן גענומען טראָמפּייטערן אויף די מויערן און פאָכן מיט ווייסע פאָנען. זעענדיק דאָס, האָבן די פוילישע קאָמענדאַנטן איינגעהאַלטן דעם שטורעם, באַלד דערויף איז גענעראַל לעווענהויפּט, אין דער סביבה פון אַ פּאָר פאַלקאָווניקעס,

אַרויסגעפֿאָרן דורכן ניי-שטעטישן טויער און אין גרעסטן אימפּעט געאײַלט צום קיניג.

יאַן קאַזשימיעזש האָט די שטאָט שוין געהאַט אין דער האַנט, אָבער דער גוטער האַר האָט באַגערט אָפּצושטעלן די פֿאַרגיסונג פֿון קריסטלעכן בלוט, ער האָט מסכּים געווען אויף די באַדינגונגען, וואָס זענען וויטעמבערגן כּריער פֿאָרגעלייגט געוואָרן די שטאָט האָט געזאָלט אָפּגעגעבן ווערן מיט אַלע צוגערויבטע אוצרות, וואָס זענען אין איר געווען אָנגעקליבן. יעדן שוועד איז דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיך פֿון שוועדן געהאַט מיטגעבראַכט. דער גאַרניזאָן מיט אַלע גענעראַלן און מיטן געווער אין דער האַנט האָט געהאַט דאָס רעכט אַרויסצוציִען פֿון דער שטאָט, מיטנעמענדיק די קראַנקע און פֿאַרווונדעטע און אויך די פֿאַר צענדליק שוועדישע דאַמען, וואָס זענען געווען אין וואַרשע. די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן נאָך געדינט בײַ די שוועדן, האָט מען געגעבן אַן אַמנעסטיע, דערפֿאַר, ווײַל עס זענען שוין אודאי נישט געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן גוטוויליק געדינט. אויסגעשלאָסן געוואָרן איז איין באָגוסלאַוו ראַדזיוויל, אויף וואָס וויטעמבערג האָט לײַכט מסכּים געווען, בפֿרט, אַז דער פֿירשט איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען מיט דוגלאַסן בײַם בוג.

די באַדינגונגען האָט מען תּיכּף אונטערגעשריבן. אַלע גלאָקן אין די קירכעס האָבן גענומען מבשר זײַן דער שטאָט און דער וועלט, אַז די הויפּט-שטאָט גייט ווידער אַריבער אין רשות פֿון געזעצלעכן מאָנאַרך. מיט אַ שעה שפּעטער האָט אַ המון פֿון די גרעסטע לײַט אַרויסגעשאָטן פֿון הינטער די וואַלן זוכן רחמנות און ברויט אין די פּוילישע לאַגערס, ווײַל אַחוץ די שוועדן, האָט אַלעמען שוין פּראָוויאַנט אין דער שטאָט אויסגעפֿעלט. דער קיניג האָט געהייסן געבן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, און אַליין איז ער געפֿאָרן קוקן אויפֿן אַרויסמאַרש פֿון שוועדישן גאַרניזאָן.

ער איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט גײַסטלעכע און וועלטלעכע הויכע לײַט, אין אַזאַ הערלעכער סוויטע, אַז זי האָט די מענטשלעכע אויגן פֿאַרבלענדט. כּמעט אַלע חיילות: די קרוין-פּוילישע אונטער זייער אָנפֿירונג פֿון די העטמאַנס, טשאַרניעצקיס

דיוויזיע, די ליטווישע פאלקן מיט סאפיעהאן בראש און אומגעהייערע מאסן פון לאנד-שטורעם צוזאמען מיט די דינער, האבן זיך פארזאמלט נעבן זיין מאיעסטעט, ווייל אלע זענען בעלנים געווען צו זען די שוועדן, מיט וועלכע זיי האבן מיט א פאר שעה צוריק אזוי מוראדיק און בלוטיק געקעמפט. ביי אלע טויערן זענען, זייטן אונטערשרייבן דעם שלום, געשטאנען פוילישע קאמיסארן; זיי האבן געהאט די עובדא בודק צו זיין, צי די שוועדן פירן נישט ארויס קיין שלל. א באזונדערע קאמיסיע איז פארנומען געווען מיטן איבערנעמען דעם שלל אין דער שטאט גופא.

צוערשט האט זיך באוויזן די קאוואלעריע, וועלכע איז געווען אין נישט קיין גרויסער צאל, בפרט, אז פון רעכט ארויסצוגיין פון דער שטאט זענען אויסגעשלאסן געווארן באגוסלאווס רייטער; נאך איר איז געגאנגען די פעלד-ארטילעריע מיט לייכטע הארמאטן, ווייל די שווערע האבן געמוזט ארויסגעגעבן ווערן די פאליאקן. די זעלנער זענען בכן געגאנגען נעבן די הארמאטן מיט אנגעצונדענע קנויטן. איבער זיי האבן געפלאטערט אויפגעוויקלטע פאנען, וועלכע מ'האט פארן פוילישן קיניג, ערשט נישט לאנג א נע-ונד, צום צייכן פון כבוד אראפגעלאזט. די ארטילעריסטן האבן מארשירט גאוהדיק, קוקנדיק די פוילישע ריטער גלייך אין די אויגן אריין, ווי זיי וואלטן וועלן זאגן: „מיר וועלן זיך נאך טרעפן!" און די פאליאקן האבן באוואונדערט זייער גדלותדיקע האלטונג און מוט, וואס איז דורכן אומגליק נישט געבראכן געווארן. דערנאך האבן זיך באוויזן די וועגנס מיט אפיצירן און פארוואונדעטע. אין ערשטן איז געלעגן בענעדיקט אקסענסטיערנא, דער קאנצלער, פאר וועלכן דער קיניג האט די פוס-גייער געהייסן דאס געווער פרעזענטירן, ווילנדיק דערמיט באווייזן, אז אפילו אין א שונא פארשטייט ער גוטע מעלות שעצן.

דערנאך זענען ביי די אפקלאנגען פון פויקן און אויך מיט צעלאזטע פאנען געגאנגען די פירעקן פון די אומפארגלייכלעכע שוועדישע פוס-גייער, וואס זענען, לויט טופאנהאזיס אויסדרוק, געווען אויף גייענדיקע שלעסער. נאך זיי האבן זיך באוויזן די גלענצנדיקע רייען פון דער שווערער קאוואלעריע, אנגע-

אָן אין בלעכן פון קאָפּ ביז צו די פיס, מיט אַ בלאָער פאָן, אויף וועלכער ס'איז אַ גילדענער לייב געווען אויסגעהאַפטן. די דאָזיקע רייטער האָבן אַרומגערינגלט דעם הויפּט־שטאַב. אויף זייער אָנבליק איז אַ געמורמל אַ דורך די מאַסן:

— וויטעמבערג פאָרט! וויטעמבערג!

עס איז טאַקע געפאָרן דער פעלד־מאַרשאַל אַליין, און נעבן אים ווראַנגעל דער יינגערער, האָרן, ערסקין, לעווענהויפּט, פאַרגעל. די אויגן פון די פוילישע רייטער האָבן גיך אַ קער־געטאָן אין זייער זייט, און באַזונדערס אויף וויטעמבערגס פּנים. אָבער זיין פּנים האָט נישט עדות געזאָגט וועגן אַזאַ שרעקלעכן מלחמה־מאַן, ווי ער איז עס אין דער אמתן געווען. געווען איז דאָס אַן אַלט, בלאַס פּנים, פון וועלכן די קרענק האָט אַ תל גע־מאַכט. שטייכן האָט ער געהאַט שאַרפע, איבערן מויל האָט ער געטראָגן אַ שיטערע און קליינע וואָנס, ביי די עקן פאַרריסן אין דער הויך. די צונויפגעפּרעסטע ליפּן און די שפּיציקע לאַנגע נאָז האָבן אים צוגעגעבן די מראה פון אַן אַלטן און רויב־גיריקן קמצן. אָנגעטאָן אין שוואַרצן סאַמעט און אין אַ שוואַרצן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, האָט ער גיכער געהאַט אַ פּנים פון אַ געלערנטן אַסט־ראָלאָג אָדער פון אַ מעדיקער און נאָר די גילדענע קייט אויפן האַלדז, ווי אויך דער בריליאַנטענער שטערן אויף דער ברוסט און דער פעלד־מאַרשאַל־שטאַב אין דער האַנט האָבן אויסגעגעבן זיין הויכע העטמאַנישע ראַנג.

פאָרנדיק, האָט ער אומרויק געוואָרפן מיט די אויגן אויפן קיניג, אויפן קיניגלעכן שטאַב, אויף די אין רייען שטייענדיקע פאָלקן, דערנאָך האָט זיין בליק אַרומגענומען די אומגעהייערע מאַסן פון לאַנד־שטורעם און אַ איראָנישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע בלייכע ליפּן.

און אין די דאָזיקע מאַסן איז דאָס געמורמל געווען וואָס אַמאָל העכער און דאָס וואָרט: „וויטעמבערג! וויטעמבערג!" איז געווען אויף אַלעמענס מיילער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָס געמורמל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויבן, אָבער בייזן געברום, ווי דאָס געברום פון ים פאַר

אַ שטורעם. פון ווײַלע צו ווײַלע איז עס שטיל געוואָרן; דעמאָלט אָבער האָט מען פון העט ווײַט, פון די לעצטע רײען געהערט עפּעס אַ שטים דרשענען. דער דאָזיקער שטים האָבן אָפּגעענטפערט אַנדערע, עס האָבן אָפּגעענטפערט וואָס אַמאָל מער שטימען, זײ האָבן אָפּגעקלונגען וואָס אַ מאָל הילכיקער, זײ האָבן זיך צעטראָגן וואָס אַמאָל ברײטער, װי עפּעס אימהדיקע ווידערקלאַנגען. וואָלסט געשווירן, אַז אַ שטורעם רוקט - אָן פון דער ווײטנס, אַז ער וועט אויסברעכן מיט דער גאַנצער קראַפט.

די הויכע לײַט זענען צערודערט געוואָרן און גענומען אומרויק קוקן אויפן קיניג.

— וואָס איז דאָס? וואָס באַדײט דאָס? — האָט יאַן קאַזשימיעזש געפרעגט.

אין - דעם איז דאָס געברום אַריבער אין אַזאַ מוראדיקן ליאַרם, ווי דונערס וואָלטן אין הימל געגומען קעמפן צווישן זיך. די אומגעהײַערע מאַסן פון לאַנד - שטורעם האָבן זיך האַסטיק אַ ריר - געטאָן, פונקט ווי אַ תבואה - פעלד, ווען אַ הוראַגאַן פאַרטשעפּעט עס מיט זײַן ריזיקן פליגל. מיט אַמאָל האָבן אַ פּאָר צעגדליק טויזנט שווערדן אַ בליץ - אויף - געטאָן אין דער זון.

— וואָט איז דאָס? וואָס באַדײַט דאָס? — האָט דער קיניג נאָך אַמאָל געפרעגט.

קײנער האָט אים נישט געקאָנט ענטפערן.

אין - דעם האָט וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן בײַם הער סאַפּיעהאַ, אויסגעשריגן:

— דאָס איז הער זאַגלאָבאַ!

וואָלאָדיאָווסקי האָט געטראָפן. ווײַל ווי נאָר די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטולאַציע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן און דערגאַנגען צו הער זאַגלאָבאַס אויערן, איז דער אַלטער שלאַכטשיץ אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ שרעקלעכן כעס, אַז אויף אַ געוויסער צײַט איז אים דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער איז אַרײַנגעשפּרונגען אין די רײען פון לאַנד - שטורעם און גענומען די געמיטער אויפרעגן. מ'האָט אים גערן געהערט, ווײַל אַלעמען האָט זיך געדאַכט, אַז

פאַר אַזוי פיל גבורות, פאַר אַזוי פיל מאַטערנישן, פאַר אַזוי פיל
בלוט, וואָס איז ביי די מויערן פון וואַרשע פאַרגאָסן געוואָרן, איז
זיי געקומען אַ בעסערע נקמה איבערן שונא. זאַגלאַבאַן האָבן דע-
רייבער אַרומגערינגלט מעכטיקע קרייזן פון דער פאַרשייטער און
היציקער שלאַכטע און ער האָט פולע גאָרשקעס צעגליטע קוילן
אויפן פולווער געוואָרפן און מיט זיין חיתוך - הדיבור פאַנאַנדער-
געבלאָזן וואָס אַ מאָל אַ גרעסער פייער, וועלכעס האָט די קעפ
באַזונדערס לייכט אַרומגעכאַפט דערפאַר, וואָס זיי האָבן שוין אַזוי
אויך געהיצט פון דעם זויפן, וואָס געוויינלעך נאָך אַ נצחון.
— גנעדיקע הערן! — האָט זאַגלאָבאַ געדרשנט — אָט די
אַלטע הענט האָרעווען שוין פופציק יאָר פאַרן פאָטערלאַנד, פופ-
ציק יאָר האָבן זיי פאַרגאָסן פייגעלעך בלוט ביי אַלע ווענט פון
דער רעפובליק, און איצט האָב איך עדות! — זיי האָבן דאָס דעם
פאַלאַץ פון די קאַזאַנאָווסקיס און די בערנאַרדינער קירך איינגענו-
מען! און ווען האָבן די שווערן גנעדיקע הערן, דעם מוט פאַר-
לוירן, ווען האָבן זיי אויף קאַפּיטולאַציע מסכים געווען? דעמאָלט
ווען מיר האָבן די האַרמאַטן פון בערנאַרדינער קלויסטער אויף דער
אַלטער שטאָט אָנגעשטעלט. מ'האָט דאָ נישט חס געווען אויף אונזער
בלוט, ברידער, מ'האָט געבאַלעבאַטעוועט מיט אים ביד - רחבה
און חס געווען האָט מען אויפן שונא אַליין. מיר, ברידער, לאָזן-
איבער אונזער פאַרמעגן אָן אַ בעל - הבית, די דינער אָן אַ האַר
דאָס ווייב אָן אַ מאַן, די קינדערלעך אָן אַ טאַטן... (אָ מיינע קינ-
דערלעך, וואָס איז פון אייך געוואָרן?) און מיר שטעלן דאָ אויס
די הוילע ברוסטן אַקעגן די האַרמאַטן, און וואָס איז אונזער שכר
פאַר דעם אַלעם? אָט דאָס, אַז וויטעמבערג גייט אַוועק פריי און
מ'טיילט אים נאָך צו כבוד אויפן וועג. עס גייט - אַוועק דער תלין
פון אונזער פאָטערלאַנד, עס גייט - אַוועק דער לעסטערער קעגן
דער אמונה, דער דם - שונא פון דער הייליקסטער בתולה, דעם
אונטערצינדער פון אונזערע הייזער, דער אַראָפּרייסער פון אונזע-
רע לעצטע מלבושים, דער רוצח פון אונזערע ווייבער און קינדער-
לעך! (אָ מיינע קינדערלעך, ווו זענט איר איצט!) דער שענדער
פון דער גייסטלעכקייט און פון מיידלעך, וואָס האָבן אַ נדר געטאָן

צו גאָט צו לעבן אין צניעות... ווײ איז צו דיר, פאָטערלאַנד! אַ
שאַנד איז צו דיר, שלאַכטע, אַ נייער בראָך איז צו דיר, אונזער
הייליקע אמונה! ווײ איז צו אייך, קירכעס שווער-געפּרוּווטע, ז
געוויין און אַ געקלאָג איז צו דיר, טשענסטאָכאָוו, ווייל וויטעמ-
בערג גייט-אַוועק פריי און וועט בקרוב צוריקקומען טרערן און
בלוט אַרויסקוועטשן, דערקוילן וועמען ער האָט נישט געקוילעט,
ברענען, וואָס ער האָט נישט פאַרברענט, שענדן, וואָס ער האָט
נאָך נישט געשענדעט. וויין, קרוין-פוילן און ליטע, וויינט אַלע
שטאַנדן, ווי איך וויין, איך דער אַלטער זעלנער, וואָס אַראָפּגייענ-
דיק אין קבר, מוז איך נאָך אויף אייער בראָך קוקן. ווײ איז צו
דיר. איליום, די שטאָט פון אַלטן פּריאַם! ווײ! ווײ! ווײ!

אַזוי האָט הער זאַגלאָבאַ געדרשנט, און טויזנטער האָבן אים
געהערט און פון כעס האָבן דער שלאַכטע די האָר אויפן קאָפּ
זיך געשטעלט, און ער איז געפאָרן ווייטער און ווידער געקלאָגט
און די קליידער געריסן אויף זיך און די ברוסט אָפּגעדעקט. ער
איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער אַרמיי וואָס האָט אויך גערן זיי-
נע קלאָגענישן פאַרנומען, ווייל אין אַלעמענס הערצער איז קעגן
וויטעמבערגן באמת געווען אַ מוראדיקע פאַרביסנקייט. דער טומל
וואָלט געווען אויסגעבראָכן מיט אַ מאָל, אָבער זאַגלאָבאַ אַליין
האָט אים צוריקגעהאַלטן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער
וועט צו פריי אויסברעכן, וועט וויטעמבערג נאָך קאָנען אפשר ווי
עס איז זיך זאַרויסראַטעווען, און אויב ער וועט אויסברעכן דע-
מאָלט, ווען ער וועט אַרויספאָרן פון דער שטאָט און זיך ווייזן
דעם לאַנד-שטורעם אין די אויגן, וועט מען אים מיט די
שווערדן צערייסן נאָך איידער עמיצער וועט זיך אַרומזען, וואָס
עס טוט זיך.

און זיינע אויסרעכענונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פול-
שטענדיק ריכטיקע. אויפן אָנבליק פון אכזר האָט אַ משוגעת אַרומ-
געכאַפּט די פאַרשייטע און בגילופינדיקע שלאַכטע און אין אַ רגע-
כמימרא איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיקער שטורעם. פערציק טויזנט
שווערדן האָבן אין דער לופט אויפגעבליצט, פערציק טויזנט מיי-
לער האָבן גענומען רעווען: „אַ טויט וויטעמבערגן!" „גיט אים

אהער!" צעהאַקן אויף שטיקלעך! צעהאַקן אויף שטיקלעך!" צו די מאַסן פון דער שלאַכטע זענען צוגעשטאַנען די מאַסן פון דער נאָך מער פאַרשייטער, און דורך דער נישט לאַנגער בלוט-פאַרגיסונג צעבושעוועטער דינערשאַפט, אַפילו די מער דיסציפּלינירטע רעגולערע פאַלקן האָבן גענומען בייז וואָרטשען קעגן דעם באַדריקער און דער שטורעם האָט מיט אַ ווילדן אימפּעט זיך אַ לאָז-געטאָן אויפן שוועדישן שטאַב.

אין דער ערשטער רגע האָבן אַלע די קעפּ פאַרלוירן, הגם אַלע האָבן תּיכּף פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. „וואָס טוט מען?" — האָבן זיך אָנגערופן שטימען ביים קיניג. „דערבאַרעמדיקער גאָט!" „ראַטעווען! באַשיצן!" „ס'איז אַ חרפּה נישט צו האַלטן אַן אָפּמאַך!"

אין-דעם זענען די צעיושעטע מאַסן אַריינגעפאַלן צווישן די פאַלקן, געקוועטשט זיי, די פאַלקן האָבן זיך אויסגעמישט נישט קאָנענדיק איינשטיין אויף אַן אָרט. אַרום און אַרום האָט מען געזען שווערדן, שווערדן און שווערדן, אונטער זיי דערהיצטע פּנימער, אויסגעגלאָצטע אויגן, היילנדיקע מיילער; דער ליאַרעם, רעש און ווילדע קולות פאַרשטאַרקן זיך מיט אַן אימהדיקער שנעלקייט, בראָש פליט די דינערשאַפט, די קנעכט און דאָס גאַנצע מיליטערישע לומפּן-געזינדל, וואָס איז גיכער ענלעך אויף חיות אָדער רוחות, איידער אויף מענטשן.

אויך וויטעמבערג האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר. דאָס פּנים איז אים בלאַס געוואָרן ווי ליַיוונט, אַ געדיכטער און קאַלטער שוויים האָט אים אין איין רגע אויפן שטערן אַרויסגעשלאָגן — און אָ נסים פון הימל! — יעגער פעלד-מאַרשאַל, וועלכער האָט פריער די גאַנצע וועלט אין דער מורא געהאַלטן, יענער מלאך-המות פון אַזוי פיל אַרמייען, איינגעמער פון אַזוי פיל שטעט, יענער אַלטער זעלנער האָט איצט אַזוי שטאַרק מורא באַקומען פאַר דעם היילנדיקן המון, אַז עס זענען אים ממש אַלע חושים אָפּגענומען געוואָרן. און ער האָט גענומען ציטערן מיטן גאַנצן גוף און די הענט אַראָפּגעלאָזט און געקרעכצט און די שלונע האָט אים גענומען רינען פון מויל אויף דער גילדענער קייט,

און דער מאַרשאַל־שטאַב איז אים פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן. רערווייל איז דער מוראַדיקער אַנדראַנג געוואָרן וואָס אַמאָל גענטער און גענטער; אָט־אָט האָבן מוראַדיקע געשטאַלטן אַרומגערינגלט די אומגליקלעכע גענעראַלן פון אַלע זייטן, נאָך אַ ווײַלע, און זיי וועלן מיט די שווערדן זיי אַלע אַזוי צערײַבן, אַז עס וועט פון זיי קיין אָנצייכעניש נישט בלײַבן.

די אַנדערע גענעראַלן האָבן אַרויסגעצויגן די שפּאַדעס, ווילנדיק שטאַרבן מיטן געווער אין דער האַנט, ווי עס פּאַסט פאַר ריטער, אָבער דער אַלטער מחבל איז פאַרחלשט געוואָרן און די אויגן צוגעמאַכט.

אין־דעם האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אַ לאָז־געטאָן דעם שטאַב צו הילף. דער פאָלק איז ווי אַ קלין אַרײַנגעשפּרונגען אין המון און אים אַזוי צעשטויסן, ווי אַ שיף, וואָס שווימט מיט אַלע זעגלען, צעשטויסט די צעבראָזטע ים־כוואַליעס. אַ געשריי פון צעטרעטענעם געזינדל האָט זיך צונויפגעמישט מיטן געשריי פון די לאַודער מענטשן, אָבער די רײַטער זענען פריער צוגעקומען צום שטאַב און אים כהרף־עין אַרומגענומען מיט אַ מויער פון פערד, מיט אַ מויער פון די אייגענע ברוסטן און שווערדן.

— צום קיניג! — האָט דער קלייניער ריטער אַ געשריי געטאָן.

און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. די מאַסע האָט זיי אַרומגערינגלט, איז געלאָפן פון די זײַטן, פון הינטן, האָט געפאַכעט מיט די שווערדן און דרענגער, האָט געהיילט וואָס אַמאָל אימהדיקער, אָבער זיי האָבן זיך געשטויסן פאָרויס און פון צייט צו צייט געהאַקט מיט די שווערדן אויף די זײַטן, ווי עס האַקט אַ ווילדער חזיר, ווען ער איז אַרומגערינגלט פון אַ סטאַדע וועלף.

אין־דעם האָט וואָינילאָוויטש געאײַלט וואָלאָדיאָווסקין צו הילף, נאָך אים ווילטשקאָווסקי מיטן קיניגלעכן פאָלק, נאָך אים פירשט פּאָלובינסקי און אַלע אײנאײנעם האָבן זיי, אָפּאָגנדיק זיך כסדר, צוגעפירט דעם שטאַב צום קיניג.

דער טומל, אנשטאט זיך צו פארקלענערן, איז ער וואס אמאל מער געוואקסן. א ווײַלע האט זיך אויסגעדוכטן, אז דער צעבריקעוועטער המון וועט אפילו די מאיעסטעט נישט נושא־פנים זײַן און זיך באמיען צו באקומען די געגעראלן אין די הענט. וויטעמבערג איז געקומען צו זיך, אָבער די אימה האט אים כלל נישט פארלאזט. ער איז בכן אראפגעשפרונגען פון פערד און ווי א האז, געיאגט דורך הינט אָדער וועלף, באהאלט זיך אזש אונ ער די וועגנס, אזוי איז ער אויך, נישט געקוקט אויף דער פאראגרע, אזש צום קיניגס פיס צוגעלאפן.

דארט האט ער זיך געווארפן אויף די קני און אָנכאפנדיק פארן זאטל האט ער גענומען שרײַען:

— ראטעוועט, גנעדיקער האר! ראטעוועט! כ'האב אײַער קיניגלעך ווארט, אַן אונטערגעשריבענעם שלום, ראטעוועט, ראטעוועט! האט רחמנות אויף אונז! לאזט מיך נישט אומברענגען!

אויפן אָנבליק פון אזא געפאלנקייט און פון אזא שאנד האט דער קיניג מיט עקל די אויגן אוועקגעדרייט און געזאגט:

— הער פעלדמארשאל, בארויקט זיך!

אָבער אליין איז דאס פנים בײַ אים געווען באטריבט, ווײַל ער האט נישט געוווסט, וואס צו טאן. ארום און ארום האבן זיך פארזאמלט וואס א מאל גרעסערע מאסן און זיי האבן זיך וואס א מאל חוצפהדיקער דערנענטערט. די פאלקן זענען אמת געשטאנען ווי צו דער שלאכט, און זאמאיסקיס פוס־גייער האבן ארום דעם שטאב געבילדעט א מעכטיקן פיר־עק, אָבער וואס האט געזאלט זײַן דער סוף פון דעם אלעם?

דער קיניג האט א קוק־געטאן אויף טשארניעצקין, אָבער דער האט נאר מיט א ווילדן כעס די באָרד געדרייט, אזא רציחה האט זיך אין זײַן נשמה צעקאכט קעגן דער אומדיסציפּלינירטקייט פון לאנד־שטורעם.

דערווײַל האט דער קאנצלער קאָריטשינסקי זיך אָנגערופן:

— גנעדיקער האר, מ'דארף האלטן דעם אָפּמאך.

— יאָ! האט דער קיניג געזאגט.

ווִיטעמבערג, וועלכער האָט זיי גוט געקוקט אין די אויגן אריין, האָט פרייער אָפּגעטעמט.

— ליכטיקסטער האַר! — האָט ער געזאָגט — איך האָב געגלויבט אין אייער וואָרט, ווי אין גאָט!

דערויף האָט דער אַלטער קרוין־העטמאַן, הער פּאָטאָצקי זיך אָנגערופן:

— און פאַר וואָס האָט איר אַזוי פיל שבועות, אַזוי פיל אָפּמאַכן און קאַפּיטולאַציעס געבראָכן? מיט וואָס איינער קעמפט, פון דעם קומט ער אום... דאָס האָט איך דאָך וואָלפן, דעם קיניגלעכן פאָלק, נישט געקוקט אויף דער קאַפּיטולאַציע, פאַרכאַפּט?

— דאָס האָב נישט איך געטאָן, נאָר מילער, נאָר מילער!

— האָט ווִיטעמבערג געענטפערט.

דער העטמאַן האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן מיט פאַראַכטונג און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צום קיניג:

— גנעדיקער האַר! איך זאָג דאָס נישט, כּדי אייער קיניגלעכע מאַיעסטעט אָנצורעדן, אַז זי זאָל אויך דעם אָפּמאַך ברעכן. זאָל די פאַלשקייט נאָר אויף זייער זייט זיין.

— וואָס זאָל מען בכן טאָן? — האָט דער קיניג געפרעגט.

— אויב מיר וועלן אים איצט קיין פרייסן אָפּשיקן, וועלן אַ פופציק טויזנט מאַן זיך אַ לאָז־טאָן באָך אים און נאָך איידער ער וועט ביז פולטוסק דערפאָרן, וועלן זיי אים שוין צעהאַקן... סײדן מיר זאָלן אים אַ גאַנצע רעגולערע אַרמיי פאַר אַ שמירה מיטגעבן, אָבער דאָס קאָנען מיר נישט טאָן... איר ה׳רט, גנעדיקער האַר קיניג, ווי זיי הײלן דאָרט. אין תוך גענומען... האָט ער די פאַרביסענע שנאה כּשר פאַרדינט... מ׳דאַרף קודם־כּל זיין פערזאָן באַוואָרענען און זיי אַלע אָוועקשיקן דעמאָלט, ווען דאָס דאָזיקע פייער וועט זיין פאַרלאָשן.

— קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ! — האָט דער קאַנצלער קאַריטשינסקי זיך אָנגערופן.

— אָבער ווו זאָל מען אים באַוואָרענען? דאָ האַלטן אים קאָנען מיר נישט, ווייל דאָ, צום טייוול, קאָן נאָך אַ בירגער־מלחמה אויסברעכן — האָט דער וואָיעוואָדע פון רוס זיך אָנגערופן.

דאָ איז אַרויסגעטרעטן דער קאַלושער סטאַראָסטע, סאַביעפּאַן, און אָנבלאָזנדיק שטאַרק די ליפּן, האָט ער געזאָגט מיט זיין געוויינלעכער גדלות:

— טאָ איז וואָס! גנעדיקער האַר! גיט זיי מיר קיין זאַמאָשטש, זאָלן זיי דאָרט זיצן, ביז עס וועט נישט רויק ווערן. איך וועל אים שוין דאָרט פאַר דער שלאַכטע באַשיצן. יאָ! זאָלן זיי נאָר פּרוּוון אים מיר פון די הענט אַרויסרייסן! יאָ!

— אָבער אויפן וועג, ווי אַזוי וועט איר אים באַשיצן? — האָט דער קאַנצלער געענטפערט.

— האָ! איך וועל זיך מיט די יינגלעך נאָך אַן עצה געבן. האָב איך דען נישט קיין פוס־גייער און האַרמאַטן, וואָס? זאָלן זיי אים פון זאַמאָיסקיס הענט אַרויסרייסן! מיר וועלן זען!

דאָ האָט ער זיך ביי די זייטן אָנגענומען, איבער די קני זיך געקלאַפּט און אויפן זאָטל אויף ביידע זייטן זיך גענומען ווִיגן.

— נישטאָ קיין אַנדערע עצה! — האָט דער קאַנצלער געזאָגט.

— איך זע אויך נישט קיין אַנדערע עצה! — האָט הער לאַנדקאָראָנסקי צוגעגעבן.

— אויב אַזוי נעמט זיי, הער סטאַראָסטע! — האָט דער קיניג צו זאַמאָיסקין געזאָגט.

אָבער ווינטעמבערג, זעענדיק, אַז זיין לעבן איז שוין נישט איינגעשטעלט, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פּראָטעסטירן.

— נישט דאָס האָבן מיר דערוואַרט! — האָט ער געזאָגט.

דערויף האָט הער פּאָטאָצקי זיך אָנגערופן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אין דער ווייטקייט:

— זייט מוחל, מיר פאַרהאַלטן נישט, דער וועג איז פריי. ווינטעמבערג איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דערוויייל האָט דער קאַנצלער פאַנאַנדערגעשיקט אַ פּאָר צענדליק אָפיצירן, אַז זיי זאָלן אָנזאָגן דער צעקאָכטער שלאַכטע, אַז ווינטעמבערג וועט פריי נישט אַוועקגיין, נאָר ער וועט אָפּגעשיקט ווערן קיין זאַמאָשטש. דער טומל האָט זיך אמת נישט באַלד איינ־

געשטילט, אָבער די ידיעה האָט פונדעסטוועגן געווירקט באַרויקנדיק. נאָך איידער דער אָוונט איז צוגעפאַלן, זענען די מוחות פאַרנומען געוואָרן מיט עפּעס אַנדערש. די חיילות האָבן געגומען אין דער שטאָט אַריינגיין און דער אָנבליק פון דער צוריקגעוווּנענער רעזידענץ האָט אַלעמענס הערצער מיט אַ נצחון - פרייד אָנגעפילט.

ס'האָט זיך געפרייט אויך דער קיניג, אָבער דער געדאַנק, אַז ער האָט נישט אינגאַנצן געקאָנט דערפילן די באַדינגונגען פון שלום, ווי אויך די אייביקע אומגעהאָרכזאַמקייט פון לאַנד - שטורעם, האָבן אים נישט ווייניק צער פאַרשאַפט.

טשאַרניעצקי האָט אין זיך געדריקט דעם כעס.

— מיט אַזאַ חייל קאָן מען קיינמאָל מיטן מאָרגן נישט זיכער זיין — האָט ער צום קיניג געזאָגט — צייטנווייז שלאָגט עס זיך שלעכט, צייטנווייז העלדיש, אַלץ איז פון דער שטימונג געווענדט, און פון אַ ליאַדע העצע איז עס אויך עלול זיך צו בונטעווען.

— הלוואי זיי זאָלן זיך נישט נעמען צעפאָרן — האָט דער קיניג געזאָגט — ווייל זיי זענען נאָך נויטיק, און זיי מיינען, אַז זיי האָבן שוין אַלץ אָפּגעטאָן.

— דער הייב אין דער דאָזיקער מהומה דאַרף מיט פערד צעפליקט ווערן, נישט געקוקט אויף די פאַרדינסטן, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן! — האָט טשאַרניעצקי ווייטער געזאָגט.

מ'האָט טאַקע געהייסן מיט דער גרעסטער ענערגיע זוכן דעם הער זאַגלאָבאַ, ווייל ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז ער האָט דאָס דעם שטורעם אַרויסגערופן, אָבער הער זאַגלאָבאַ איז ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן. מ'האָט אים געזוכט אין דער שטאָט, אין די געצעלטן, צווישן די וועגנס, אַפילו צווישן די טאָטערס, אַלץ אומזיסט. הער טיזענהויז האָט דערביי דערציילט, אַז דער קיניג, ווי תמיד אַ גוטער און לייטזעליקער, האָט זיך פון גאַנצן האַרצן געווונטשן, אַז מען זאָל אים נישט געפינען און אַז ער האָט אַפילו ספּעציעל אַ תפלה דערויף אָפּגעריכט.

מיט אַ וואָך שפּעטער, נאָך עפּעס אַ מיטאָג, ווען דאָס האַרץ פֿון מאָנאַרך איז פֿון פֿרייד איבערפֿולט געווען, האָט מען פֿון יאַן קאַזשימיעזשס מויל דערהערט אָט די ווערטער:

— מאַכט נאָר דאָרט באַקאַנט, אַז העט זאַגלאָבאַ זאָל זיך לענגער נישט באַהאַלטן, ווייל ס'איז אונז שוין באַנג אין אים און אין זיינע שפּאַסן!

ווען דער קיעווער קאַשטעלאַן האָט געמאַכט אַ קרומע מינע, האָט דער קיניג צוגעגעבן:

— ווער עס האָט אין דער רעפּובליק אַ חוש נאָר פֿאַר מדת־הדין און נישט פֿאַר מדת־הרחמים, דער מוז אָנשטאָט אַ האַרץ, אַ תּליגים־האַק אין דער ברוסט טראָגן; זיגזיקע זענען דאָ מער שכיח, ווי אַנדערשווו, אָבער אויך די תּשובה קומט אין ערגיץ נישט נאָך אַזוי גיך, ווי דאָ!

און זאָגנדיק דאָס, האָט דער קיניג נאָך מער באַאיבינעטשן אין זינען געהאַט, ווי זאַגלאָבאַן, און באַאיבינעטש איז אים געלעגן אין זינען דערפֿאַר, וואָס דער ייִנגער ריטער האָט גראָד מיט אַ טאָג פֿריער צום קיניגס פֿיס זיך פֿאַרבויגן מיט דער בקשה, אַז עס זאָל אים דערלויבט זיין קיין ליטע אַרויסצופֿאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל דאָרט די מלחמה אויפֿפֿרישן און די שוועדן אונטערקומען, ווי ער איז אַנומלט כאָוואַנסקין אונטערגעקומען. און אַזוי ווי דער קיניג האָט אַזוי אויך בדעה געהאַט צו שיקן אַ היון אַ זעלנער, וואָס איז אין אָפּגעריסענע קאַמפּן געניט, האָט ער דערלויבט, פֿאַרזאָרגט, געבענטשט און אים נאָך עפּעס דאָרט שטילערהייט אין אויער אַריין געוווּנטשן, אַז דער ייִנגער ריטער איז אים נאָך דעם, אַזוי גרויס ווי ער איז, צו די פֿיס געפֿאַלן.

דערויף האָט ער, נישט מוּכנדיק קיין שהיות, זיך האָפּערדיק אויף מורח געלאָזט. איינגענומען דורך אַ זיפּשער מתּנה, האָט סופּאַנהאַזי אים דערלויבט נייע פֿינף הונדערט טאָטערס מיט זיין מיטצונעמען, עס זענען בכן מיט אים געגאַנגען פֿופֿצן הונדערט גוטע מענטשן, אַ מאַכט, מיט וועלכער מ'האָט עפּעס געקאָנט אונטערנעמען. און ס'האָט אין קאָפּ פֿון ייִנגן ריטער געברענט אַ חשק צו קאַמפֿן און גבורות, ס'האָט צו אים געשמייכלט די

האָפֿנונג אויף רום; ער האָט שוין געהערט, ווי גאַנץ ליטע רעדט אַרויס זיין נאָמען מיט שטאָלץ און התפעלות... ער האָט באַזונדערס געהערט, ווי איין טייער מויל חזרט אים איבער און זיין נשמה האָט באַקומען פליגל.

און נאָך דערפאַר איז ער אַזוי האָפֿערדיק געפֿאָרן, ווייל ווו ער איז אָנגעקומען, האָט ער דאָרט דער ערשטער די גליקלעכע בשורה אָנגעזאָגט, אַז דער שוועד איז צעקלאַפט און וואַרשע איז גענומען. וואַרשע איז גענומען! ווו עס האָבן אָפּגעהילכט די קאָפּיטעס פֿון זיינע פערד, דאָרט האָט די געגנט זיך צעקלונגען מיט די דאָזיקע ווערטער, דאָרט האָט דאָס פאָלק אים מיט אַ געוויין באַגריסט אויף די וועגן, דאָרט האָבן אין אַלע קירכעס די גלאָקן געקלונגען און מ׳האָט געזונגען: „Te Deum laudamus!” אַז ער איז געפֿאָרן דורכן וואַלד, האָבן די טונקעלע סאָסנעס, און אַז ער איז געפֿאָרן דורך פעלדער, האָבן די גילדענע תבואות, געוויגט פֿון ווינט, ווי איבערגעחזרט מיט אַ פריידיקן געוויש:

— דער שוועד איז צעקלאַפּט! וואַרשע איז גענומען! וואַרשע איז גענומען!

סוף פֿון פינפֿטן טייל